STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04085

# BILDER FUN DER YIDISHER LITERATUR

Eliezer Podriachik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר פּאָדריאַטשיק

# בילדער

# פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

אליעזר פּאָדריאַטשיק

# בילדער
# פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

ה. לייוויק - פֿאַרלאַג
בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

ELIEZER PODRIATSHIK

# BILDER FUN DER JIDISHER LITERATUR

H. Leivik Publishing House,
30, Dov Hoz Str., Tel-Aviv—63416, Israel

ה. לייוויק-פֿאַרלאַג
רח' דב הוז, 30, תל־אביב 63 416

צווייטער אָפּדרוק

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשמ"ז
Printed in Israel 1987

דפוס ש. סגל בע"מ

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| „ספר המבקש" | 7 |
| „בחינת עולם" | 17 |
| יִדיש און אייראָפּעיִש | 25 |
| יִדישע ליטעראַטור און די גניזה | 38 |
| אליהו בחור | 45 |
| די „טערי‏כטע ביכער" | 55 |
| מאַמע־לשון | 59 |
| דער „יִדיש־טײַטשען רייד־ און שרײַב־אַרט" | 64 |
| ראַנד־באַמערקונגען | 76 |
| היסטאָרישע קוריאָזן | 81 |
| דרײַ רעפּליקעס | 88 |
| „סיפורי מעשיות" | 97 |
| מעשׂיות ואיגרות" | 104 |
| „למדו היטב" | 108 |
| דיאַלאָג צווישן אַ לייענער און דעם בוקיניסט | 116 |

די אַרטיקלען און פֿאַרצייכענונגען פֿון דעם בוך זענען בשעתו פּובליקירט געווען אין דעם זשורנאַל סאָוועטיש היימלאַנד אונטער אַן אַלגעמיינעם טיטל „נאָטיצן פֿון אַ ייִדישן בוקיניסט". אַחוץ עטלעכע אויסנעמען זענען אין זיי קיין שינויים און תּיקונים נישט געמאַכט געוואָרן, כאָטש בעתן שרײַבן זיי האָט דער אויטאָר ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט די נײַסטע פֿאַרשונגען אויף דעם געביט פֿון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, שוין פּשוט דערפֿאַר וואָס זיי זענען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד נישט געווען בנימצא. איז בפֿירוש נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָ און דאָרטן האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט בלויזן און אומפּינקטלעכקייטן. מע דאַרף זיי באַטראַכטן ווי עבֿירות שהמקום והזמן גרמם.

די „נאָטיצן פֿון אַ ייִדישן בוקיניסט" האָבן אין די באַדינגונגען פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אויסגעפֿירט אַ באַשטימטע מיס־ע. זיי האָבן געדינט ווי אַ מקור צו דערמאָנען און באַקענען דעם ייִדישן עבֿר. די כּוונות זענען געווען ניט בלויז אונטערטראָגן דעם לייענער פּיקאַנטע דערציילונגען און באַלערנדיקע פֿאַקטן, נאָר, און דער עיקר, אים דערפֿירן דערצו, ער זאָל דורך דער פּריזמע פֿון דעם קולטור־פֿאַרמעג אין עבֿר דערזען און זיך פֿאַרטראַכטן וועגן די ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען אין דער איצטיקייט.

דער באַטײַט פֿון די „נאָטיצן" באַשטייט אויך אין דעם, וואָס זיי זענען אַ מין גבֿית־עדות וועגן דעם קרײַז גײַסטיקע אינטערעסן בײַ דעם וויסן־דאָרשטיקן ייִדישן לייענער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

# „ספר המבקש"

אין זײַן פילאָסאָפישן דו־שיח האָט שם־טוב בן יוסף פלקירה (1225—1290) אַקומולירט דעם אומרו פון דער צײַט און געשאַפן דעם גײַסטיקן פּאָרטרעט פון אַ דור, וואָס איז געווען נישט שעמעוודיק און נישט שרעקעוודיק אין זוכן דעם אמת. דער הויפּטהעלד פון זײַן ווערק איז דער אייביקער זוכער (המבקש) פון דעם ריכ־טיקן וועג צו מענטשלעכער שלימות און גליק. ער באַגעגנט זיך מיט פאַרשיידענע מענטשן און פירט מיט זיי הייסע דיסקוסיעס אויף אַט דער טעמע.

כּידוע, האָט שם־טוב פלקירה זײַן ספר המבקש אָנגעשריבן אין דעם מאַקאַמע־סטיל. דער ראָמאַן באַשטייט פון זיבעצן דיאַלאָגן וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לעכע, פילאָסאָפישע, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פּראָבלעמען. אין אים איז אָביעקטיוו איבערגעגעבן דער וועלטבאַנעם פון די אָפּאָנענטן. עס איז גע־טרײַ פאַרהיט זייער לעקסיק, פסיכישע אינטאָנאַציעס און טעמפּעראַמענט. דאָס ווערק געהערט, אַזוי אַרום, פונקט אַזוי צו דער קינסטלערישער ווי צו דער ריין פילאָסאָפישער ליטעראַטור.

די צײַט ווען שם־טוב פלקירה האָט געשאַפן זײַן ווערק איז געווען אַן אומרויִקע און דראַמאַטישע. אויף דער געשיכטלעכער אַרענע האָבן געווירקט כּוחות וואָס האָבן געענדערט די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. די נײַע עקאָנאָמישע און גײַסטיקע אידעען האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפן און האַרטן ווידערשטאַנד בײַ די אַפּאָסטאָלן פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער.

אין איינברעכן די גײַסטיקע דיקטאַטור פון דעם פעאָדאַליזם האָבן אויך ייִדישע שרײַבערס און דענקערס גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אין די דעמאָלט אַנטשטאַנענע הומאַניסטישע אוניווערסיטעטן האָבן ייִדישע געלערנטע פאַרשפּרייט די אידעען פון דעם אויפקומענדיקן רענעסאַנס.

דער אייביקער שטרײַט צווישן אַלטן און נײַעם, צווישן ליכט און שאָטן, פּראָ־גרעס און רעאַקציע האָט אין יענער צײַט אָנגענומען טראַגישע פאָרמען. אויף די שײַטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע האָט מען געוואָרפן נישט נאָר די ווערק פון פרײַען געדאַנק, נאָר אויך די מענטשן וואָס האָבן זיי געשאַפן און פאַרשפּרייט. צווישן די 222 פאַרברענטע פרײַדענקערס אין די יאָרן 1234—1239 זענען אויך געווען

יידישע מימוניסטן און אַוועראָיסטן. און ווי עס איז מעיד דער באַקאַנטער פילאָ־סאָף הלל פון ווראָנע, נדונו בקציצת לשונות ונחתכו יותר מעשרה לשונות של טובי הכת המורה במורה.[1]

פון אַט דער גײַסטיקער אַטמאָספער איז אַרויסגעוואַקסן דער הויפטהעלד פון דעם ספר המבקש. שם־טוב פלקירה גיט אים לייענען ביכער, פון וועלכע עס האָט באַך געשמעקט דער רויך פון דער אויטאָדאַפע. ער לאָזט אים זיך אַרומטראָגן מיט אַזעלכע אידעען, פאַר וועלכע מען האָט צינגער געשניטן, אין די אויטאָדאַפעס געוואָרפן.

בײַם זוכן דעם אמת דאַרף מען אָבער נישט זײַן שרעקעוודיק. און שם־טוב פלקירה לערנט זײַן יונגן העלד:

קראתני ואנכי אענך דבריך. דברי איש הירא ורך הלבב. ואתה תועה רוח והולך שובב. הלא ידעת, אם לא שמעת כי הגבורה מדה שאין כמוה מדה. ומי שחסר אותה חסר כל טוב וילך בלא חמדה... התבונן כי זה העולם בנוי על הנצוח וכל דאלים גבר. ואל ההויה ואל הנצות יכסוף כל דבר ודבר. וכן יהיה לעתיד לבוא כמו שהיה במה שעבר. וההויה לא יתהוה מזולתו עד שינצח אותו ויפסיד צורתו. ועד שיחלש ותבטל הרכבתו... הנצוח בטבע החיים והשאולה בטבע המות. והנפש לא תאהב המות. ועל כן תאהב לקחת הדברים בנצוח ולא בשאולה.[2]

דאָס מיינט: „די וועלט איז נאָר אויף קאַמף געשטעלט. שיינקייט און גרויס־קייט פון דעם מענטשלעכן גײַסט אַנטפּלעקט זיך נאָר אין דעם מוטיקן קאַמף. אַזוי לערנט אונדז די פאַרגאַנגענהייט, און אַזוי וועט אויך זײַן אין דער צוקונפט. אויך אין דער נאַטור עקסיסטירט און לעבט בלויז דאָס, וואָס שטרעבט צו נצחון. דאָס שוואַכע און אומבאַהאָלפענע גייט אונטער. און דאָס זענען די רייד פונעם חכם: נצחון — אין דעם באַשטייט דאָס לעבן. הכנעה און שפלות — איז טויט. נישט מיט בעטן און בעטלען קאָן מען עפּעס וואָס דעראָבערן, נאָר מיט קאַמף און זיג".

און כּדי צו זײַן מוטיק מוז מען פאַרשטיין די דערשײַנונגען פון דער אַרומיקער וועלט. און דער יסוד פון פאַרשטאַנד איז וויסן. דער וואָס ווייסט ווייניק, גרײַזט אַ סך. ראָט שם־טוב פלקירה זײַן יונגן העלד ער זאָל קודם־כּל זיך גרינטלעך באַקענען מיט די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. אין דעם, אייגנטלעך, באַשטייט דער פּאַטאָס פון דעם ספר המבקש. מיר דערפילן עס גלײַך פון דער ערשטער פּראָזע מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דאָס בוך: „בכל קנין קנה חכמה אנושית ואל דעת חכמים לבך שית".[3]

שם־טוב פלקירה פירט צונויף דעם יונגן זוכער מיט פאַרשיידענע שרײַבערס און געלערנטע. יעדער לייגט אויס פאַר אים די גרונטפּרינציפּן פון זײַנע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעטן. פלקירה פירט אים, אַזוי אַרום, אַרײַן אין דעם לאַבירינט פון

זייער אידעען־וועלט. פלקירה איז אבער נישט בלויז א פאסיווער איבערדערציילער פון פרעמדע געדאנקען. ער פורעמט די דיאלאגן אויס אזוי, אז זיי פירן צו אומדערוואַרטע אויספירן. ער באַנוצט זיך מיט דעם פרעמדן שטאף, ווי יענער סקולפּטאר, וואָס האַלט אז אין דעם שטיין איז שוין פאַראַן די פיגור, מע באַדאַרף נאָר וויסן וואָס אין דעם שטיין איז איבעריק און דאָס איבעריקע אָפּהאַקן. שם־טוב פלקירהס אייגענע גייסטיקע פיזאָנאָמיע קוקט באַזונדערס בולט אַרויס פון די רעמאַרקעס און רעפּליקעס, וואָס ער שטעלט דאָ און דאָרט אַריין אין די דיאַלאָגן. זיינע אידעישע טענדענצן זענען אויך קענטיק אין דעם אויסוואַל און אין די קורצע כאַראַקטעריסטיקס פון די ביכער, וואָס די שרייבערס און געלערנטע לייגן פאַר דעם יונגן זוכער צו שטודירן. צום ביישפּיל, וועגן די ביכער פון אוועראָס (בן רש"ד), דעם „גרויסן קאָמענטאַטאָר", ווי דאַנטע האָט אים אָנגערופן, שרייבט שם־טוב פלקירה, אַז זיי זענען „קב ונקי ואין בהם פסולת. וכל דבריו נכונים ורב התועלת."[4]

אגב, כמדומני אַז שם־טוב פלקירה איז דער אויטאָר פון דער ערשטער אוועראָסישער אַרבעט אין עברית א"ג „אגרת הויכוח — בביאור ההסכמה אשר בין התורה והחכמה".

און נאָך איין ביישפּיל. די ביכער פון דעם מעדיקער און פילאָסאָף יצחק הישראלי האָבן געשראָקן אפילו אַזאַ דרייסטן דענקער ווי עס איז געווען אַברהם איבן־עזרה. ער האָט ביי אים געהייסן נישט אַנדערש ווי יצחק דער פּלאַנטערער. אין אַן אַנדער אָרט האָט ער אים פשוט אָנגערופן דער משוגענער.[5] און אין זיינע ביכער ספר צחות און שפה ברורה עצהט דער איבן־עזרא מען זאָל יצחק ישראליס ביכער פאַרברענען.

אויך דער רמב"ם האָט געהאַלטן, אַז יצחק ישראליס ספר הגבולים און ספר היסודות זענען פול מיט נאַרישקייטן און פוסטע פאַנטאַזיעס.[6]

שם־טוב פלקירה איז געווען אַ גרויסער חסיד סיי פון דעם רמב"ם, סיי פון איבן־עזרא. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו האַלטן, פאַרקערט, אַז ספרי יצחק הישראלי מאוד מועילים.[7]

פון שם־טוב פלקירהס ווערק באַקומען מיר, פון איין זייט, אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם מצב פון דער וויסנשאַפט אין יענער צייט, און פון דער אַנדערער זייט אַנטפּלעקט זיך אין זיי אַ שאַפערישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען וויטזיכטיקער פון אַ סך אַנגעזעענע געלערנטע פון זיין צייט.

שם־טוב פלקירה איז, פאַרשטייט זיך, נישט פריי געווען פון באַזוויטעטן און אַנאַכראָניזמען, באַזונדערס אויף דעם געביט פון אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע. נאָר דעמאָלט האָט זיך דאָך נישט נאָר ער, נאָר די גאַנצע עפּאָכע אָריענטירט לויט דער געאָצענטרישער סיסטעם פון פּטאָלמייען און אַריסטאָטעלן.

אויך אין די געביטן פון הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן איז שם־טוב פלקירה געווען אַ טרייער זון פון זיין דור. ווי אַ סך געלערנטע פון זיין צייט, האָט ער געהאַלטן, אַז

די ערשטע שפּראַך פֿון דער מענטשהייט איז געווע עברית. אויך זײַן ייִנגערער מיט־צײַטלער דאַנטע איז געווען בײַ דער זעלביקער מיינונג. אין זײַן באַרימטער אַרבעט וועגן דער פֿאָלקסשפּראַך שרײַבט דאַנטע, אַז עברית איז איינע פֿון די דעטערמינירטע פֿאָרמען, וואָס זענען אויפֿגעקומען בײַם אַנטשטיין פֿון דער וועלט. די שפּראַך וואָס עס האָבן אַרויסגעבראַכט אויף זייערע ליפּן די ערשטע ריידנדיקע מענטשן, איז געווען עברית. מיט איר האָבן זיך באַנוצט אַלע מענטשן אין משך פֿון לאַנגע דורות. די שפּראַכלעכע דיפֿערענצירונגען האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער, אין דער צײַט פֿון דעם דור הפּלגה. די עברית־שפּראַך האָט, נאָך דעם, זיך פֿאַרהיט נאָר בײַ די ייִדן, — האַלט דאַנטע, — כּדי ישו הנוצרי, וועמען עס איז באַשערט געווען געבוירן צו ווערן צווישן זיי, זאָל זיך באַנוצן מיט אַן עכטער און נישט מיט קיין געמישטער שפּראַך.

ענלעכע געדאַנקען זענען פֿאַראַן אין דעם ספֿר המבקש. אויף די פֿראַגעס פֿון דעם יונגן זוכער — — פֿאַר וואָס האָבן נישט אַלע מענטשן איין שפּראַך ? פֿאַר וואָס זענען די פֿעלקער אָפּגעזונדערט איינס פֿון אַנדערן ? — האָט שם־טוב פֿלקירהס מדקדק געגעבן דעם זעלביקן ענטפֿער ווי דאַנטע.[8] דאָס באַפֿרידיקט אָבער נישט דעם וויסנדאַרשטיקן זוכער, און ער פֿאָדערט אַן אַנדערן, וויסנשאַפֿטלעך מער באַגרינדעטן ענטפֿער. נאָר סײַ שם־טוב פֿלקירה און סײַ די וויסנשאַפֿט פֿון זײַן צײַט האָבן אויף דעם נישט געהאַט קיין ענטפֿער.

אין דעם ספֿר המבקש איז דאָס נישט די איינציקע נישט־געלייזטע פּראָבלעם. אויך אין די דיאַלאָגן וועגן מוזיק, רעטאָריק, מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע און נאַטור־וויסנשאַפֿט שווימען אויף פֿראַגעס, וועלכע בלײַבן נישט פֿאַרענטפֿערט. אָבער שוין דער עצם פֿאַקט פֿון שטעלן אַזעלכע פֿראַגעס, דאָס נישט באַפֿרידיקן זיך מיט די אַלטע סטאַנדאַרטע אַקסיאָמעס, און אַפֿילו די קורצע און לאַפּידאַרע ענטפֿערס „לא ידעתי" — זענען סימנים פֿון אַ באַשטימטער גײַסטיקער עמאַנציפּאַציע, אַן אָפּנייג פֿון דעם אַלטן אָרטאָדאָקסאַלן דאָגמאַטיזם, בײַ וועלכן אויף אַלץ איז אַפּריאָרי געווען צוגעגרייט אַן ענטפֿער.

אין גײַסט פֿון דער נאַטור־פֿילאָסאָפֿיע דערקלערט שם־טוב פֿלקירה דאָס אַנטשטיין פֿון מינעראַלן, געוויקסן, חיות און מענטשן. אין אַן עמבריאָנעלן צושטאַנד זענען שוין בײַ אים פֿאַראַן געדאַנקען וועגן דעם אַז דער קאָסמאָס איז נישט קיין נאַטוראַ נאַטוראַנטאַ, נאָר אַ נאַטוראַ נאַטוראַנס (נישט קיין באַשאַפֿענע נאָר אַ שאַפֿנדיקע).

אין דעם דיאַלאָג מיט מעדיקער דעררעדט זיך דער יונגער זוכער, שיִער נישט ביז אַן אָפֿענעם אַטעיִזם:

אין לי ידיעה אם העולם מהווה אם לא ואם יש אחריו דבר מחוץ. או אם אין דבר אחריו. ומאחר שאני אומר שאין לי ידיעה באלו הדברים מהמבואר

כמו כן שאין לי ידיעה ביוצר כל מה שיש בזה העולם... ואין אני רואה שיזיק לבני אדם שלא ידעו מה הוא עצם הכחות האלהיים...[9]

טייטש: „איך ווייס נישט, צי די וועלט איז אַ באַשאַפענע, צי עס איז יאָ פאַראַן עמעצער אויסער איר, צי עס איז נישט פאַראַן עמעצער אויסער איר. און אַזוי ווי איך האָב קיין ידיעה נישט אין די זאַכן, ווייס איך נישט, פאַרשטייט זיך, צי עס איז פאַראַן אַ באַשאַפער פון דעם אַלעמען. וואָס עס איז אויף דער וועלט פאַראַן... איך זע נישט איין, עס זאָל שאַטן די מענטשן אויב זיי וועלן נישט וויסן וועגן דעם עצם פון געטלעכע כוחות".

אין שם־טוב פלקירהס ספר המבקש מערקן זיך אָן השפעות פון שלמה איבן־גבירול. אויב מיר וועלן אויפמערקזאַם נאָכגיין די שפורן פון פלקירהס געדאַנקען וועגן פאַרעם און מאַטעריע, וועלן מיר באַשטימט דערגיין צו איבן־גבירולס אידעען־וועלט און קודם־כל טאַקע צו שם־טוב פלקירהס אייגענע ליקוטים פון שלמה איבן־גבירולס מקור חיים.

שלמה איבן־גבירולס השפעות פילן זיך אויך אין שם־טוב פלקירהס אַרויס־זאָגונגען אויפן געביט פון עטיק. אין דעם דיאַלאָג מיטן מאָראַליסט טיילט שם־טוב פלקירה באַזונדערס אויס צוויי ביכער אויף דעם געביט — איבן־גבירולס מבחר הפנינים און אַריסטאָטעלס עטיק.

שם־טוב פאַלקירה האָט אויפן געביט פון עטיק אָנגעשריבן אייניקע ווערק, וואָס זענען זייער פּאָפּולער געווען אין די הומאַניסטישע קרייזן פון אייראָפּע. זיין צרי היגון (באַלזאַם פון טרויער) און ספר המעלות האָט דער באַרימטער פּיקאָ דע מי־ראַנדעלאָ איבערגעזעצט אין לאַטיין און איינגעשלאָסן גרעסערע טיילן פון זיי אין דריטן טייל פון זיינע פילאָסאָפישע און קבלהשע שריפטן.

נישט פאַראַן ביי שם־טוב פלקירהן די, אין יענער צייט, פאַרשפּרייטע פאַטאַ־ליסטישע איינטיילונג אין אַפּריאָרי גוטע און שלעכטע מענטשן. יעדער מענטש, האַלט ער, איז מסוגל צו זיין גוט. די פאַרשיידנקייט פון מענטשלעכע מידות זענען אַ רעזולטאַט פון דעם מענטשנס נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, פון דעם אונטערשייד אין צייט און אָרט, פון דער קולטור און פון דער דערציִונג. ער לאָזט אויך נישט דורך דעם אַסטראָלאָגישן מאָטיוו וואָס איז דעמאָלט געווען זייער אָנגענומען. ער מאַכט אָבער דערביי איינע פון זיינע כאַראַקטעריסטישע רעפליקעס: „ואינו כן אצל חכמי הטבע כי לא יודו בזאת הסבה"...[10]

דאָס שטענדיקע זוכן דעם מענטשן אין מענטשן איז געווען שם־טוב פלקירהס טעמע. זי שלענגלט זיך, ווי אַ רויטער פאָדעם, דורך זיינע ווערק, איינגעשלאָסן אויך דעם ספר המבקש.

פלקירהס העלד איז נישט שטענדיק געבליבן בלויז דער נאַיִווער זוכער. צייטנ־וויַיז ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ שטראָפער. דאָס זעען מיר שוין גלייך אין ערשטן

דיאלאָג, אין זײַן באַגעגעניש מיט דעם, אַזוי צו זאָגן, פֿאַרשטייער פֿון דעם קאָ־מערציעלן קאַפּיטאַליזם וואָס, ווי פֿלקירה שטעלט אים פֿאָר, לא ישקוט ולא ינום לעשות עושר ולא במשפט וכושר.[11]

אין לאַנגע געשוואָלענע טיראַדעס אַנטוויקלט דער עושר פֿאַר דעם יונגן־מאַן זײַן ציניש און עגאָצענטריש וועלטבאַנעם. גאָלד. גאָלד. גאָלד. בלויז גאָלד קאָן דעם מענטשן ברענגען גליק און רו. מיט גאָלד קאָן מען אַלע טונקעלע וועגן באַ־פּוצן. מיט זילבער — די מיאוסקייטן און חסרונות פֿאַרדעקן.

ווען דער יונגער זוכער פֿון יושר און אמת פּרוּווט דערווידערן, אַז מאַטעריעלע ווערטן האָבן נאָר דעמאָלט אַ זין ווען זיי ברענגען מיט זיך עטישע און גײַסטיקע ווערטן, שפּאָט דער עושר פֿון זײַנע רייד: „ווער וועט דײַן חכמה הײַנט פֿאַרדײַען. ווער עס האָט די מאה, דער האָט איצט די דעה. קסרים און שׂררות טוען זיך מיט אים פֿרייען".

אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער פֿאַרענדיקט דער יונגער זוכער זײַן ערשטן דיאַלאָג: „אין ראוי להאריך בכיוצא בזה. עם זה העשיר הנבל והנבזה... שטבעו רע קשה ונמנע. . . . תאות העושר מלראות האמת תסמא עיניהם. ומלשמע תוכחת תוחרש אזניהם..." [12] דאָס הייסט: „עס האָט נישט קיין זין צו ריידן מיט דעם מנוּבל און נבזה. קיין גוטע מידות וועסטו בײַ דעם עושר נישט געפֿינען. ער איז זייער ווײַט פֿון אמת און יושר. די תאווה צו געלט האָט אים פֿאַרטונקלט די אויגן אויף צו זען אומרעכט און פֿאַרשטאָפּט די אויערן אויף צו הערן דעם אמת".

דער עושר האָט בײַ שם־טוב פֿלקירה אַרויסגערופֿן גאָלע פֿאַרלוימדונג. דערפֿאַר האָט ער פֿאַר דעם מענטשן פֿון אַרבעט וואָס איז, ווי עס שטעלט אים פֿאָר פֿלקירה, זרש חכם והוא ראש בעלי אומניות — — פֿאַר אים האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין ווערטער פֿון ליוב און געזאַנג.[13]

דער דיאַלאָג וועגן אַרבעט לייענט זיך ווי אַן אָדע צו דער שאַפֿערישער מי. דעם מענטשן האָט באַשאַפֿן די נאַטור, די אַרבעט האָט אים אַנטפּלעקט. דאָס האָט זי, די אַרבעט, געראַטעוועט דעם מענטשן און אים אַרויסגעפֿירט פֿון דעם חיה־צושטאַנד. דורך איר, דורך דער אַרבעט, האָט דער מענטש געפֿונען אין זיך דעם מענטשן, זײַן גײַסט, זײַן קלוגשאַפֿט און דערפֿינדערישקייט.

פֿון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דער דיאַלאָג מיט דעם פֿאַנאַטיקער דער סאַמע שטאַרקסטער. אין אים האָט גענומען די אייבערהאַנט דער קינסטלער. דער דאָזיקער דיאַלאָג איז אינטערעסאַנט נישט אַזוי מיט דעם וועגן וואָס עס גייט די רייד, נאָר מיט דעם, ווי אַזוי דער אויטאָר דערגרייכט זײַן ציל. פֿלקירה לאָזט זײַן העלד זיך זעלבסט אַנטפּלעקן. „און אַז עס וועט קומען עמעצער — פֿרעגט אים דער זוכער — וואָס האַלט אַז דער מענטש עקסיסטירט נישט פֿון אייביק, אַז די ענדע־רונגען אין דער נאַטור זענען אומפֿאַרמײַדלעך, און ער וועט אויך צווייפֿלען אין דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה, — וואָס וועסטו אים ענטפֿערן?"

„— מײַן ענטפער וועט זײַן קורץ און שאַרף: מען דאַרף זיך נישט אַרײַנלאָזן אין חקירות, נישט פאַרלאָזן זיך אויפן שׂכל, נאָר אויף דער הייליקער תורה, ווו עס זענען באַהאַלטן געטלעכע סודות, וועלכע דעם מענטשנס פאַרשטאַנד איז נישט מסוגל צו באַנעמען"...[13א]

דער זוכער, ווי אַ געטרײַער תּלמיד פון דעם רמב״ם וואָס האָט, לויט אחד־העמס טרעפלעכן אויסדרוק, קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדע פשרה אויפן חשבון פונעם שׂכל, האָט אים איבערגעהאַקט די רייד. און פונקט ווי פריִער דעם עושר, האָט ער דעם פאַנאַטיקער אַזוי געזאָגט: „איך מיין פשוט, אַז נאַרישקייטן האָבן דײַן האַרץ פאַרשטאָפּט, דײַנע אויערן פאַרטויבט און דײַנע אויגן בלינד געמאַכט".

כּדי בולטער אונטערצושטרײַכן דעם חילוק צווישן נעגאַטיוון און פּאָזיטיוון, באַנוצט זיך פלקירה אָפּט מאָל מיט קאָנטראַסט. פונקט ווי דעם עושר האָט ער אַנט־קעגנגעשטעלט דעם מענטש פון אַרבעט, אַזוי האָט ער גלײַך פון דעם פאַנאַטיקער אוועקגעפירט דעם זוכער צום פאַנאַטיקערס אַנטיפּאָד, צו דעם תּלמיד־חכם און פילאָסאָף. דער לעצטער ראָט דעם יונגן זוכער נישט פאַרלירן זײַן צײַט אויף נאַ־רישקייטן. אויב ער וויל דערקענען די וועלט, זיך אַליין, אויב ער וויל טאַקע זײַן דער אמתער זוכער פון מענטשלעכער שלימות (המבקש השלימות האנושיות), דאַרף ער עס זוכן אין דער נאַטור און אין דער פילאָסאָפיע.

אינטערעסאַנט איז דער לייטער פון דערקענטעניש, וואָס שם־טוב פלקירה האָט אויפגעשטעלט אין זײַן ווערק. דער ספר המבקש באַשטייט פון צוויי טיילן. יעדער טייל האָט זיך זײַן לייטער פון וויסן, אויף וועלכן דער זוכער דאַרף שטײַגן, ביז ער וועט דערגיין צו דער העכסטער מדרגה. אין דעם ערשטן טייל איז דאָס לעצטע טרעפּל — די פּאָעזיע, אין צווייטן — די פילאָסאָפיע. אַוועקשטעלנדיק די דיכטונג ווי אַ צווילינג־שוועסטער פון דער פילאָסאָפיע, באַטראַכטנדיק זי ווי איינע פון יענע גײַסטיקע דיסציפּלינען, אין וועלכער דער מענטש קאָן זיך דערקענען און זעלבסטבאַשטימען, — האָט שם־טוב פלקירה, אין דעם געביט, פאַרשריבן זײַן נאָמען צווישן די פּיאָנערן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דעם דיאַלאָג מיטן דיכטער הייבט דער זוכער אָן מיט אַ שאַרפן אַרויסטריט קעגן דער פּאָעזיע. די פילאָסאָפיע און די עקזאַקטע וויסנשאַפטן — טענהט ער — העלפן דעם מענטשן אַרײַנדרינגען אין די סודות פון דער וועלט, אָבער די דיכטונג — וואָס פאַר אַ זין איז אין איר פאַראַן? זי איז לויטער פאַנטאַזיעס און חלומות. בלויז נאַראָנים און פוסט־און־פּאַסניקעס קאָנען זיך מיט איר פאַרנעמען. דעם גאַנצן אַנטי־פּאָעזיע־לעקסיקאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט, האָט שם־טוב פלקירה אַרײַנגעלייגט אין דעם מויל פון זײַן העלד.[14]

דעם זוכערס טענות, שם־טוב פלקירהס שאַרפער זעלבסטקריטישער טאָן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן זײַנע אייגענע לידער, האָבן די ליטעראַטור־פאָרשערס דער־קלערט ווי פלקירהס אַלגעמיינער נעגאַטיווער צוגאַנג צו דער פּאָעזיע בכלל. לעצטנס

האָט עס אויך איבערגעחזרט דן פּגיס: „כאמור — שרײַבט ער — הטענה שהשיר הוא שקר כפשוטו, משמשת על־פּי־רוב בגנות השירה. ברוח זה אף מקשר שם־טוב פלקירה בין הפירוש המהותי ל„כזב" שבלשון מושאלת ובין הפירוש הפראגמאטי ל„כזב" שבסילוף התוכן, והוא מקיש מן האחרון לראשון".[15]

אָבער אין די ענטפֿערס און דערווידערונגען אויף די טענות און פֿראַגעס פֿון דעם זוכער דערשײַנט שם־טוב פֿלקירה, פֿאַרקערט, ווי איינער פֿון די שטאַרקסטע פֿאַרטיידיקערס פֿון דער פּאָעזיע. אין דעם ספר המבקש קומט שם־טוב פֿלקירה, ווי עס באַמערקט ריכטיק חיים שירמאַן, „ללמד זכות על השירה, להוכיח בטעם שאינה נופלת בערכה מן המדעים".[16]

שוין ביז פֿלקירהן האָט מען בײַ אונדז געשריבן וועגן פּאָעזיע. מיט פֿראַגעס פֿון ריטעם און פֿאָרעם האָט זיך פֿאַרנומען משה אִיבן־עזרא (שירת ישראל). פּראָב־לעמען פֿון שפּראַך און סטיל האָבן באַהאַנדלט יהודה אלחריזי (תחכמוני), משה קימחי (מהלך שבילי דעת). אינטערעסאַנטע באַטראַכטונגען וועגן דער מעטריק זענען פֿאַראַן בײַ יהודה הלוי (הכוזרי, מאמר שני, 70—80). די אַלע ווערק העלפֿן אונדז דערקענען און פֿאַרשטיין די עסטעטישע־ און פֿאָרעם־נאָרמעס פֿון יענער צײַט. שם־טוב פֿלקירה איז אָבער, דאַכט זיך, געווען דער ערשטער וואָס האָט אויך אונטערגעשטראָכן דעם דערקענטעניש־ווערט פֿון דער דיכטונג. אים האָבן, אין דער ערשטער ריי, אינטערעסירט אירע אידעיִשע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס.

שם־טוב פֿלקירה האָט געהאַלטן אַז די פּאָעזיע איז באַרופֿן:

> להזהיר האדם לקרות מוסר וחכמה. ולבקש סגולת הנפש החכמה וכל מעשה רמה. ולשבח מעשי הטובים. ולהלל ולאשר מעללי הנדיבים. ולנבל ולגנות בני בליעל... ולפרסם החנפים אשר ביוצרם מעלו מעל. ומעשי הרעים להודיע ולהלשין... ומטבע המשורר לרדוף אחר הנאת בדבורו ובפועלו. ושפת יתר נאוה לו. והשיר הטוב ראיה כי טבע זך טבע אומרו. ושהוא מגדולי הנפש...[17]

דאָס מיינט: די דיכטונג איז באַרופֿן צו באַשיצן דעם מענטשן, לויבן דאָס גוטס און פֿאַרלוימדן דאָס שלעכטס, אַנטפּלעקן דעם אמת און דעמאַסקירן דאָס פֿאַל־שע. אויך די נביאים האָבן זייערע געדאַנקען און וויזיעס אויסגעדריקט אין פּאָע־טישע פֿאָרמען. די דיכטערישע בילדערוועלט איז באַליבט אין פֿאָלק, ווײַל אויך דעם פֿאָלקס שפּראַך איז רײַך מיט פּאָעטישע מעטאַפֿאָרן און פֿאַרגלײַכן. אַ פֿאָלק דערקענט זיך אין זײַן ליטעראַטור, דערזעט אין איר זײַנע מעלות און חסרונות.

דער ראַציאָנאַליסט פֿלקירה האָט נישט פֿאַרזען אויך דעם עסטעטישן באַטײַט פֿון דער פּאָעזיע. וואָס שענער דער פּאָעט וועט אויסדריקן זײַנע אידעען, אַלץ ווירק־זאַמער וועלן זיי זײַן. דאָס געפֿיל פֿאַר שיינקייט געהערט נישט בלויז דעם דיכטער. אין פֿאָלק לעבט אַ שטאַרקער געפֿיל פֿאַר האַרמאָניע און גאַרט זען די זאַכן אַלץ

שענער און בעסער. „מתאוה — שרייבט פלקירה — לראות הדבר המפואר והיפוי".

אין דער ליטעראַטור־קריטיק, אויב מען קאָן פאַר יענער צייט באַנוצן דעם דאָזיקן אויסדרוק, איז פאַרשפּרייט געווען דער אַפאָריזם: מיטב הדבור אמיתו, מיטב השיר כזבו. אויף דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס אַ דיכטער, האָט מען דעמאָלט ליב געהאַט צו ענטפערן: דאָס איז אַ מענטש וואָס נאָר אים איז מען מוחל דעם ליגן.

דעם פּאָעטישן ליגן אָדער, ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט, דעם פּאָע־טישן געדאַנק און בילד האָט מען דעמאָלט שוין פאַרשיידן געטייטשט. ווער עס האָט אין אים געזוכט בלויז עסטעטישן גענוס, און ווער אויך אידעישע צילגע־ווענדטקייט. שם־טוב פלקירה האָט געהערט צו דער צווייטער ריכטונג. אים איז ניט פרעמד געווען דער געדאַנק אַז די פּאָעזיע דאַרף שילדערן די ווירקלעכקייט — ניט נאָר ווי זי איז, נאָר אויך ווי זי קאָן און באַדאַרף זיין.

פון אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז אויך אינטערעסאַנט פלקירהס קלאַסיפיקאַציע פון דער העברעישער פּאָעזיע, וואָס באַשטייט, ווי ער האַלט, פון דריי מדרגות. צו דער העכסטער געהערן אַזעלכע שאַפונגען ווי „אָז ישיר", „האזינו", צו דער צווייטער מדרגה געהערט, לויט אים, דער „תהילים", „שיר־השירים" א"א, צו דער דריטער, דער סאַמע אונטערשטער מדרגה, געהערן די רעליגיעזע פּיוטים פון שלמה איבן־גבירול, שמואל הנגיד, יהודה הלוי, משה איבן־עזרא, אַברהם איבן־עזרא און אַנדערע דיכטערס פון ספרד, קאַטאַלאָניע און פּראָוואַנס.

וועגן די אַנדערע פּאָעטישע שאַפונגען פון די דערמאָנטע דיכטערס האָט שם־טוב פלקירה געהאַט אַ פּאָזיטיווע און אַ מער געהויבענע מיינונג: „שירות המשוררים — שרייבט ער — בשבח בני אדם ובגנותם הם ככסף סיגים על חרש מצופה. וכצלם העשוי מעץ אשר עשהו בזהב אותו ייפה."[18]

סיי די פּאָעזיע און סיי די עקזאַקטע וויסנשאַפטן — האָט פלקירה געהאַלטן — זענען נאָר פאַרשטופעס, וואָס פירן אַרויף צו דעם וויכטיקסטן צווייג אויפן בוים פון דערקענטעניש, צו דער פילאָסאָפיע. וזה סולם אשר איש יעלה בו.

און שם־טוב פלקירה דערפירט טאַקע דעם העלד פון זיין ראָמאַן ביז צום פי־לאָסאָף און וועגן דעם וואָס דער זוכער האָט זיך ביי אים דערוווסט, דערציילט שוין פלקירה ניט. אים איז נאָר וויכטיק געווען אַרויסצופירן זיין העלד אויף דעם, לויט אים, ריכטיקן וועג, וואָס ברענגט דעם מענטשן צו שלימות און גליק. ושלימות, האַלט פלקירה, זו התבונה לחפש האנוש, שכלו וחקרו.[19]

אין יענער וויטער צייט, ווען די גייסטיקע דיקטאַטור פון סכאָלאַסטישע דאָג־מעס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן איינבערעכן, ווען די וויסנשאַפט האָט געמאַכט אירע ערשטע טריט, אין יענער צייט איז עס געווען אַן אַקט פון גרויסער גייסטיקער גבורה דאָס דערקלערן גראָד דעם פילאָסאָף פאַר דעם האָדם־המושלם. פאַר אַזעלכע געדאַנקען האָט מען דעמאָלט ציינגער געשניטן, אין די אויטאָדאַפעס געוואָרפן.

## הערות

1. חמדה גנוזה, קעניגסבערג 1856, עמ' 19.
2. ספר המבקש, כתב חד מן קאמייא, הרב שם טוב בן פלקירה. האג 1772. עמ' כה, כו.
3. דאַרטון, ז' ו.
4. דאַרטון, ז' לו.
5. בראשית לו/לב, שמות יט/יב.
6. קובץ תשובות הרמב"ם ואגרותיו, לייפציק, 1859, חלק ב, עמ' 28.
7. ספר המבקש, דאַרטון, ז' לו.
8. דאַרטון, זז' נד—נה.
9. דאַרטון, ז' לה
10. דאַרטון, ז' ג.
11. דאַרטון, ז' יט.
12. דאַרטון, ז' כב.
13. דאַרטון, ז' כח.

13א. דאַרטון, ז' סו.

14. דאַרטון, ז' נו.
15. דן פגיס, שירת החול ותורת השיר למשה איבן עזרא ובני דורו, ירושלים, מוסד ביאליק, 1970, עמ' 48.
16. חיים שירמן, השירה העברית בספרד ופרובאנס, ירושלים—תל־אביב תשכ"א, ספר שני, חלק א, עמ' 329.
17. ספר המבקש, הוצאת הנ"ל, עמ' נז.
18. דאַרטון, ז' סא.
19. דאַרטון, ז' ז.

# „בחינת עולם"

אין אכצנטן יאָרהונדערט איז דערשינען, כמעט איינצייטיק אין יידיש און אין דייטש, די פילאָסאָפיש־דידאַקטישע פּאָעמע בחינת עולם פון ידעיה פניני בעדרעשי (1340—1270).

די יידישע איבערזעצונג האָט געמאַכט אייזיק אויערבאַך. זי איז געדרוקט געוואָרן אין זאַלצבאַך מיט אַ באַגלייטוואָרט פון יונתן אייבשיץ. אין דייטש זענען דערשינען גרעסערע פראַגמענטן אין דער איבערזעצונג פון משה מענדעלסאָן. לעסינג און געטע, וועלכע האָבן געלייענט מ. מענדעלסאָנס איבערזעצונג, האָבן הויך אָפּגעשאַצט דעם קינסטלערישן און אידעישן ווערט פון דער פּאָעמע.

די אויפקלערערס איז נאָענט געווען י. בעדרעשיס טיפער גלויבן אין די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון דעם אַקטיוון אינטעלעקט (שכל הפועל), אַ דאַנק וועלכן דער מענטש איז מסוגל זיך צו אַבסטראַהירן פון דער עמפּירישער חושימדיקער וועלט און דערגרייכן אַ פולע גייסטיקע האַרמאָניע. דער וועג דערצו איז זייער אַ שווערער און קאָמפּליצירטער, ווייל דער מענטש געפינט זיך אין אַ וועלט, וואָס איז ווי דער ברויזנדיקער ים, אַן אומענדלעך ברייטע, מיט טיפע אָפּגרונטן, און די צייט איבער איר איז אַ וואַקלדיקע בריק, וואָס הענגט אויף פוילע שטריק.—

העולם ים זועף,
רב מצולה, רחב ידים,
והזמן גשר רעוע
בנוי עליו...

די פּאָעמע בחינת עולם איז פון די ערשטע קינסטלערישע ווערק אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, וווּ אין צענטער שטייט בלויז דער מענטש. אין זיין געראַנגל מיט די כוחות פון דער נאַטור, האָבנדיק אייגענע איבערלעכע ווידעראַנאַנדן און ליידנשאַפטן, באַדאַרף ער זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, אויף זיינע אייגענע גייסטיקע און פיזישע כוחות. אין דעם מענטשן קרייצן זיך איבער פאַרשיידענע היפּוכדיקע אייגנשאַפטן. מיט דעם שווונג פון זיין געדאַנק איז ער ענלעך צו אַן אָדלער, וואָס רייסט זיך אין די הייכן מיט מעכטיקע פליגל. און

גלײַכצײַטיק גריבלט ער זיך, ווי אַ פֿלעדערמויז, אין קלײנלעכע, פֿינצטערע תּאוות און פֿאַרלאַנגען.

איבער דעם מענטשן, „דעם טײַערסטן איידלשטיין פֿון דעם אוניווערס", הערשן בלינדע צופֿאַלן און גרויזאַמע געזעצן. עס לויערן אויף אים מיטל־עלטערלעכע קאַשמאַרן, געזעלשאַפֿטלעכע אַנטאַגאַניזמען און מענטשנהאַס. —

כי אראה חמס וריב בעיר — צלמי אבזה.
כי אתבונן לתמורות במדינות — שנאתי נפשי.

און דער פּאָעט הייבט אויף זײַן לייבן־געשריי קעגן דער צײַט, וואָס מאַכט צו נישט די בעסטע און שענסטע טרוימען. —

כל נאקתי וצעקתי
על עתי
בבגדו בי.

ער איז איבערצײַגט, אַז דער מענטש איז אין שטאַנד בײַצוקומען אַלע שטע־רונגען. אויב נאָר ער וועט באַצײַטנס זיך לאָזן פֿירן פֿונעם שׂכל, קאָן ער אויס־מײַדן דאָס שלעכטע.

דער הומאַניסטישער פּאַטאָס פֿון דער פּאָעמע, איר רײַכע בילדערישע שפּראַך, וועלכע איז דורכגעפֿלאָכטן מיט אַנטיטעזישע וואָרטשפּילן, אַליטעראַציעס און אַסאָנאַנסן, אַנטציקן נאָך הײַנט צו טאָג דעם לייענער, נישט קוקנדיק אויף איר שוין כּמעט זיבן הונדערט־יאָריקן עלטער.

י. בעדרעשיס שאַפֿן איז אַ כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג אין דער ייִדישער קולטור, וואָס איז אין דרײַצנטן י״ה אויפֿגעקומען צווישן די אַלפּן און די פּי־רענייען.

פּונקט ווי אין 18טן י״ה די פֿראַנצייזישע, אַזוי איז אין 13טן און 14טן י״ה די פּראָוואַנסאַלע שפּראַך און ליטעראַטור געווען די אײַנפֿלוסרײַכע. די קולטור פֿון פּראָוואַנס האָט אין משך פֿון דורות געווירקט אויף דעם שאַפֿן פֿון די גרעסטע אייראָפּעיִשע דיכטערס, אָנהייבנדיק פֿון דאַנטען און ביז אַלעקסאַנדער בלאָקן. די וואָרצלען, למשל, פֿון דעם באַוווסטן „זיסן נײַעם סטיל" אין דער איטאַליעני־שער ליטעראַטור שטאַמען פֿון פּראָוואַנס. אויך די ייִדישע קולטור האָט נישט אויסגעמיטן די דאָזיקע השפּעות. אין מאָנפּעליע, לונעל, מאַרסעל און אַנדערע שטעט איז אויפֿגעקומען אַ שאַפֿערישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער אוממיטלדיקער ווירקונג פֿון דער פּראָוואַנסאַלער קולטור. לויט דעם מוסטער פֿון זייערע נישט־ייִדישע קאָלעגעס האָבן אויך ייִדישע דיכטערס אײַנגע־אָרדנט פּאָעטישע טורנירן, געזונגען לויבגעזאַנגען דעם ווײַן און דער פֿרוי.

נישט בלויז די קינסטלערישע ליטעראַטור, אַפֿילו דער טעגלעכער לעבנס־שטייגער ווערט אַלץ מער דורכגעדרונגען פֿון דעם פּראָוואַנסאַלן גײַסט. אין דעם

ספר הקנה, הגם ער זאָל שטאַמען פון אַ ביסל אַ שפּעטערן פּעריאָד (וועגן דער צײַט און אָרט פון זײַן אַנטשטיין זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען), געפֿי־נען מיר שילדערונגען, וועלכע זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גײַסטיקער אַטמאָספער אין דער פּראָוואַנסאַלער יידישער סביבה. „דער זקן האָט מיך בײַ דער האַנט גענומען, — דערציילט דער אַנאָנימער אויטאָר, — און מיך אין זײַן הויז געבראַכט. און דאָס הויז איז געווען פול מיט פרויען און קעפּסווײַבער, מיט דינסטן און קנעכטמוידן. ווײַן שטייען גאַנצע פעסער, און פול זענען די שפּײַכ־לערס מיט אַלערליי מאכלים.

זאָג איך צו אים: יאָ, רבי! גאָט האָט אײַך געבענטשט מיט אַלעם גוטן, אײַער אויפפירונג פּאַסט אָבער נישט פאַר קיין תלמיד־חכם.

האָט זיך יענער אָוועקגעזעצט און אַזוי געזאָגט: מײַן זון! איך זע, דו בלאַנדזשעסט און טוסט דאָס, וואָס גאָט האָט פײַנט. לויט דײַן אויסזען נאָך ביסטו אַ בן־גדולים, דײַנע עלטערן האָבן אָבער זייער נישט גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן דיך נישט דערצויגן לויטן גײַסט פון דער וועלט, נישט צוגעוווינט דיך צו די פאָדערונגען פון דעם רעאַלן לעבן. וואָרעם דער רבונו־של־עולם האָט דאָך געשאַפן דעם מענטשן מיט אַלע חושים, ער האָט אים באַשאָנקען מיט אויגן זיי זאָלן קאָנען געניסן דאָס ליבע און שיינע... ער האָט אים באַשאָנקען מיט חשק און תאוות, דאַרף דער מענטש די דאָזיקע תאוות באַפרידיקן און פון אַלעמען געניסן, אויך פון פרויען־שיינקייט. און דו, מײַן זון, פאָלג מײַן עצה, נישט אומ־זיסט האָט דאָך אונדז גאָט באַשאַפן: מע דאַרף עסן און טרינקען און אַלץ גע־ניסן, אלא נישט, וועלן מיר הונגעריקע און אומבאַפרידיקטע אין קבר גיין"...

דער גרעסטער טייל לידער און פּאַראָדיעס פון יענער צײַט איז ממש דורכגעדרונגען מיט פרייד און געלעכטער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די גאַלאַנטע פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן. עס קלינגען אומאויפהערלעך אין אַט די לידער האַרפעס, פידלען שפּילן. נישט פאַראַן, דאַכט זיך, קיין מוזיקאַלער אינסטרומענט, וועלכן די פּאָעטן זאָלן נישט האָבן אויסגענוצט אין זייערע קאָמ־פּאָזיציעס. אין די פּאָעטישע טורנירן און לידערקאַמפּן פּלעגן, זעט אויס, די דיכ־טערס דעקלאַמירן אָדער זינגען זייערע לידער אין דער באַגלייטונג פון מוזיקאַ־לישע אינסטרומענטן.

די עפּיטעטן „זינגער און דיכטער" (מנגן ומשורר) קומען שטענדיק צוזאַ־מען. דערבײַ איז דער מנגן ס'רוב אויפן ערשטן אָרט. דער דיכטער אברהם בעד־רעשי (ידעיהס פּאָטער), איינער פון די ערשטע יידישע טרובאַדורן, קלאָגט זיך אויף זײַן דור און האַלט, אַז ער איז פּאַריתומט, ווײַל עס זענען אַנטשוויגן געוואָרן די „זינגערס" און דיכטערס (נרדמו נוגני ושרי). און דער טיפּישער פּראָוואַנסאַל אברהם גורני שטעלט זיך פאַר ווי דער פּאָטער פון די פידלערס און גרויסער האַרפן־שפּילער (אבי כל תופשי כנור, גדול הפורטים עלי נבל). ער

האַלט זיך פּשוט פאַר אַ גוטן מנגן, וואָס וועט אייביק לעבן (גורני מנגן טוב — לדור דורים יהי). איך ווייס, — גיט ער צו, — אַז

דער פאָטער בין איך פון געזאַנג;
אין אונדזער דור — דער איינציקער דיכטער.
עס שאַלט מײַן ליד — טאַנצן די בערג רונד־אַרום,
עס צאַפּלען פאַר פרייד אַלע טאָלן און וועלדער.
נעם איך מײַן האַרף אין די הענט —
לאָזן זיך פריילעך אין טאַנצנדיקער ראָד די ייִדישע טעכטער...

אויף דער גײַסטיקער קרובהשאַפט מיט דער פּראָווענסאַלער ליטעראַטור האָבן די דיכטערס אַליין אָנגעוויזן. אין א. בעדרעשיס פּאָעמע „חרב המתהפכת" איז צווישן אַנדערן פאַראַן אַ קורצער איבערזיכט פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. א. בעדרעשי האַלט יהודה הלוין פאַר דעם גרעסטן דיכטער, דער, ווי ער דריקט זיך אויס, „אורים ותומים" פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. אין זײַן צײַט, — קלאָגט זיך א. בעדרעשי, — זענען אַזעלכע באַדײַטנדיקע דיכטערס נישט אַנטשטאַנען, און ווער עס וויל הנאה האָבן פון גוטער דיכטונג, מוז זיך ווענדן צו די פּראָ־וואַנסלער און צו די איטאַליענער.

אין אַט דער גײַסטיקער אַטמאָספער האָט זיך אויסגעפאָרמירט י. בעדרעשיס ליטעראַרישער קרעדאָ. אין זײַן ספר הפרדס, וואָס באַשטייט פון פאַרשיידענע עטישע, פילאָסאָפישע און רעליגיעזע סענטענצן, האָט י. בעדרעשי אויך אײַנ־געשלאָסן אַ ספּעציעל קאַפּיטל וועגן רעטאָריק און דיכטונג, באַהאַנדלענדיק ספּעציעל די פראַגע וועגן דעם אָרט פונעם דיכטער אין דער געזעלשאַפט. דער דיכטער מיט זײַן פאַנטאַזיע באַרײַכערט די גרויעווירקלעכקייט. דאָס בעסטע אין דעם ליד איז דער פּאָעטישער געדאַנק, אָדער, לויט דער דעמאָלטיקער טערמי־נאָלאָגיע, דער „פּאָעטישער ליגן" (מיטב השיר כזבו). ער ווירקט מער ווי די עמפּירישע וואָר. דעריבער, פירט אויס י. בעדרעשי, „השמר משנאת משורר, כי יותר יאמינו בכזביו מאמתך" — דו זאָלסט זיך היטן צו דערוועקן דעם דיכטערס שינאה, וואָרעם מע וועט מער גלייבן אין זײַן ליגן, איידער אין דײַן אמת.

די פּאָעמע בחינת עולם איז אידעיִש פאַרבונדן מיט בעדרעשיס פילאָסאָ־פישע אַרבעטן וועגן די פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס אַרום אַריסטאָטעלס באַגריף פון מאַטעריעלן אינטעלעקט (הדעות בשכל החומרי), אַרום אַווראָסעס לאָגיק (ביאורים להגיון) א.אַ.

י. בעדרעשי איז פון די ערשטע איבערזעצערס און קאָמענטאַטאָרס פון אַווראָסעס ווערק. ער האָט אויך איבערגעזעצט דעם ספר השכל פון אַלפאַראַבי און אין דער פאָרעם פון אַ דיאַלאָג געשאַפן אַ קאָמענטאַר צו אַוויצענאַס קאַנאָן. גלײַכצײַטיק האָט ער, ווי אַ טיפּישער פּראָוואַנסאַל, געדינט אויך דעם פרויענקולט.

זײַן פּאָעטישע פּאָעמע „צלצול כנפים או אוהב נשים" (פליגל־געשאַל אָדער דער פרויענפרײַנד) איז אויסגעהאַלטן אין גײַסט פון דער „אַקאַדעמיע פון ליבע", ווי הערדער האָט אָנגערופן די פּראָווענסאַלע ליטעראַטור.

בעדרעשיס לידער, וואָס באַשטייען פון טויזנט ווערטער און ווו יעדעס וואָרט הייבט זיך אָן מיט אײנעם און דעם זעלביקן אות („בקשת הממין") — דאָס געבעט פון די מעמען, „אלף אלפין" — טויזנט אַלפן), דערמאָנען מיט זייער ווירטואָזישקייט אין די פּראָוואַנסאַלער דעווינאַלעס.

וועגן „בקשת הממין" האָט י. בעדרעשיס פאָטער, אַברהם, אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן לויבליד, אין וועלכן ער רופט באַגײַסטערט אויס: בני חוצב להב — בטורי מי זהב (מײַן זון שלאָגט אויס פײַער מיט זײַנע גאָלדענע סטראָפן). אין 1662 איז דאָס ליד „בקשת הממין" דערשינען אין אַ ספּעציעלער לאַטײַנישער אויסגאַבע, איבערגעזעצט פון הילאַריק פּראַכע. דאָס ליד איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין דײַטש פון וואָלף פרעראַו (1799) און פון ה. ה. שוואַבאַכער (1808). עס איז פאַראַן וועגן ליד אַ ספּעציעלער קאָמענטאַר פון ק. אַטענסאָסער.

י. בעדרעשיס פּאָעמע בחינת עולם איז נישט צוגעבונדן צו דער שטײַגערישער בילדערישקייט פון זײַן סביבה. דעם דיכטער האָט דער עיקר אינטערעסירט די אידעען־וועלט פון דער צײַט. שוין דער טיטל פון דער פּאָעמע שטרײַכט אונטער איר אוניווערסאַלן כאַראַקטער. אָט די אייגנשאַפטן האָבן אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען וואָס די פּאָעמע האָט אַריבערגעשפּרײַזט די נאַציאָנאַלע ראַמען. אין פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע שפּראַכן האָט מען וועגן איר געשריבן. מ'האָט זי איבערגעזעצט אין פראַנצייזיש (1629, 1808), ענגליש (1806), פּויליש (1846), איטאַליעניש (1880). אין דײַטש זענען פאַראַן צען פאַרשיידענע איבערזעצונגען. שוין אָפּגערעדט פון דער גרויסער צאָל העברעיִשע אויסגאַבעס, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט אויך נישט־יידן. דער ביבליאָגראַף ש. ווינער האָט פאַרצייכנט, אַז זינט דער ערשטער אויפלאַגע פון 1480 ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן י"ה זענען דערשינען 70 אויפלאַגעס.

די לאַטײַנישע איבערזעצונג פון דעם פּראָפעסאָר אַלהאַרדוס אוכטמאַן איז אין 1688 דערשינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע (די ערשטע איז דערשינען אין 1650) אונטערן נאָמען „הבל הבלי חלד", אונטערשטרײַכנדיק דערמיט די ענלעכקייטן פון דער פּאָעמע מיט דעם ביבלישן בוך „קהלת".

אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג זענען טאַקע פאַראַן פּרוּוון אויפצושטעלן אַ בשותּפותדיקע אידעיִשע בריק צווישן די ביידע ווערק. דער פאָרשער י. רייפמאַן האָט, לויטן מוסטער פון די ביבל־קריטיקערס, געפּרוּווט אַפילו דערווײַזן, אַז פּונקט ווי „קהלת", באַשטייט אויך דער בחינת עולם פון צוויי היפּוכדיקע ווערק.

אויבנאויפיק קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז „קהלת" און בחינת עולם זענען

צווישן זיך זייער ענלעך. עס איז פֿאַראַן אַ סך געמיינזאַמס אין זייער סטרוקטור, אין דעם אַפֿאָריסטישן כאַראַקטער פֿון זייער סטיל. איןביידע ווערק ווערן אויך באַהאַנדלט איינע און די זעלביקע טעמעס און פּראָבלעמען. אָבער דער צוגאַנג, דער אופֿן פֿון באַנעמען די פּראָבלעמען, די אויספֿירן צו וועלכע די אויטאָרן קומען זענען לחלוטין פֿאַרשיידענע. דער סקעפּטיציזם וואָס איז אייגנטימלעך פֿאַר די צוויי ווערק, איז פֿון דיאַמעטראַל היפּוכדיקן כאַראַקטער. עס שאַפֿט זיך אַן איינדרוק, אַז בעדרעשי פּירט אַן אומאויפֿהערלעכע פּאָלעמיק מיט קהלתן, דערווידערט זײַנע גרונט־הנחות. אויף קהלתעס באַרימטן הבל־הבלים ענטפֿערט בעדרעשי: שקר אתה דובר כי הבל ימיך עלי ארץ. וכל אשר תתרשל על הטוב מעשותו בדחותו למחרתו תוסיף כסל — דו לײַגסט, ווען דו זאָגסט, אַז זינלאָז זענען דײַנע טעג אויף דער ערד. און וואָס מער דו פֿוילסט זיך צו טאָן גוטס, אָפּלייגנדיק עס אויף מאָרגן, פֿאַרמערסטו די נאַרישקייטן.

ווי אַ דירעקטע דערווידערונג קעגן קהלתעס קאָנסטאַטירונג, אַז עס איז נישטאָ קיין חילוק צווישן מענטש און בהמה (ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל), קלינגען בעדרעשיס ווערטער: פֿאַר וואָס זאָל עס דער מענטש אומקומען און ענלעך זײַן צו בהמות און חיות פֿון פֿעלד — למה זה יגוע אדם והיו כבהמות שדי וחיתו? און בעת קהלת האַלט, אַז דעם מענטשנס הארץ איז פֿול מיט שלעכטס, האַלט בעדרעשי פֿאַרקערט: איך האָב זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין דעם מענטשן, אויספּרוּוון זײַן גײַסט, און האָב קיין חסרון אין אים נישט געפֿונען — אבינה באנוש, אבחינה יצירתו ולא מצאתי בה חסרון. קהלת האַלט, אַז אַלץ וואָס דער מענטש טוט ווערט פֿאַרגעסן און אַז איבעריק זענען אַלע זײַנע באַמיִונגען — כי אין זכרון לראשונים וגם לאחרונים שיהיו. וויפֿל דער מענטש זאָל זיך נישט מיִען, וועט ער סײַ ווי נישט פֿאַרשטיין וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער וועלט. בעדרעשי, פֿאַרקערט, האַלט אַז דער מענטש גייט אַלץ פֿאָרויס, דרינגט מיט זײַן שכל טיפֿער אַרײַן אין די סודות פֿון דער וועלט און זײַנע באַמיִונגען האָבן אַ טיפֿן זין און גייען נישט לאיבוד — הלא ידעת כי יש למעשיך זכרון.

עס זענען פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע אַנטיטעטישע ערטער אין ביידע ווערק. אָבער שוין פֿון די געבראַכטע בײַשפּילן איז צו זען, אַז נישט קהלתעס סקעפּטיציזם איז אייגנטימלעך פֿאַר י. בעדרעשין און אַז די מקורות פֿון זײַן אידעען־וועלט דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש, און קודם־כּל אין דעם פּאָזיטיוון ראַציאָנאַליזם פֿונעם רמב״ם.

צוויי היסטאָרישע געשעענישן האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער און דעם אינהאַלט פֿון בעדרעשיס פּאָעמע: דער גירוש פֿון די פּראָוואַנסלער ייִדן (1306) און דער הונדערט־יאָריקער פֿילאָסאָפֿישער שטרײַט אַרום דעם רמב״מס ווערק.

י. בעדרעשי איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע אַנטייל־נעמערס אין דער פּאָלעמיק. זײַן באַרימטער פֿאַרטיידיקונגס־בריוו (כתב ההתנצלות) לייענט זיך

נאָך היינט צו טאָג ווי אַ דאָקומענט פון גרויסער גייסטיקער גבורה: „איר האָט אַ קאַמף דערקלערט דער פילאָסאָפיע און דעם פרייען געדאַנק. אומזיסט איז אייער מי. דער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט זיך איינגעבירגערט ביי ייִדן נאָך אין סעדיה גאונס צייטן, האָט אויפגעבליט אינעם דור פון אַברהם איבן־עזרא, און דערגרייכט די העכסטע מדרגה ווען ס'האָט אויפגעלויכטן דער שטערן פון משה בן מימון, וואָס זיין נאָמען איז גרויס און טייער נישט נאָר ביי ייִדן, נייערט אויך ביי די חכמי עומות־העולם... מיר קאָנען און ווילן זיך נישט שיידן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. זי איז אונדזער אָטעם, אונדזער לעבן"...

וועגן דעם „כתב ההתנצלות" און י. בעדרעשיס באַציִונג צום רמב"ם איז בכלל פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור. ווייניקער אָבער איז געשריבן געוואָרן וועגן די פעדעם וואָס פאַרבינדן בחינת עולם מיט דעם רמב"מס ווערק. עס איז פאַראַן אַ מערקווערדיקע אידעיִשע נאָענטקייט צווישן דער פּאָעמע מיט די קאַפּיטלען אין דריטן טייל פון מורה נבוכים, ווו דער רמב"ם באַהאַנדלט די סיבות פון דעם מענטשנס ליידן און די וועגן וואָס ברענגען אים שלימות און גליק.

אין סאַמע לעצטן אַקאָרד פון דער פּאָעמע ווייזט י. בעדרעשי אַליין אָן דעם אידעיִשן קוואַל פון זיין ווערק: „צי וועט דיין האַרץ זיך ווענדן אויף רעכטס, צי אויף לינקס, גלייבן זאָלסטו אין אַלץ, אין וואָס עס האָט געגלייבט דער לעצ־טער פון די גאונים, דער ערשטער לויט זיין חשיבות, דער גרויסער לערער רבינו משה בן מימון, וואָס קיינער פון די חכמי־ישראל פון נאָך חתימת־התלמוד קאָן זיך צו אים נישט גלייכן".

צווישן דער גרויסער צאָל עפּיגראַמען און לידער, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן וועגן דעם רמב"ם און זיינע ווערק, איז פאַראַן אַן עפּיגראַם וואָס האָט אַרויסגערופן שטיינונג ביי אַ סך פאָרשערס צוליב זיין כמעט קריסטלעכן כאַ־ראַקטער.

אדם ולא אדם ואם אדם היית
ממלאכי — רום אמך הרתה
או אומרה לאל באין אשה ואיש
מלאך בעולם תחתון בראת.[1]

דער פאָרשער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע חיים בראָדי האַלט, אַז דעם עפּיגראַם האָט אָנגעשריבן י. בעדרעשי[2]. אמת, בראָדי האָט דערביי אָוועקגע־

---

1. אַ מענטש נישט קיין מענטש, און אויב ביסט אַ מענטש געווען,
איז דיין מאַמע שוואַנגער געווען פון אַ מלאך,
אָדער גאָט האָט דיך, אָן מאַן און ווייב ווי אַ מלאך פאַרן עולם־התחתון באַשאַפן.

2. חיים בראָדי, „מכתבים על הרמב"ם וספריו", אין זשורנאַל מאזנים, וואָס איז דער־שינען צום 800־יאָריקן געבורטסטאָג פונעם רמב"ם, תל־אָביב 1935.

שטעלט א פּראגע־צייכן. אויב אָבער אין זינען האָבן די עפּיטעטן, מיט וועלכע י. בעדרעשי באַנוצט זיך אין בחינת עולם (עד היותו כאלוהים. בר אלוהין), איז אפשר מעגלעך, אַז ה. בראַדיס פּראַגע־צייכן איז אַן איבעריקער.

אין אָנהייב פון דער הײַנטיקער נאָטיץ איז דערמאָנט געוואָרן א. אויערבאַכס ייִדישע איבערזעצונג פון בחינת עולם. אָגב איז זי דערשינען אין 1744 אונטערן נאָמען „צפנת פענח". פאַראַן נאָך אַן איבערזעצונג א"ב „שפה ברורה" — פון אליעזר פּאַוויר (זשאָלקעוו 1805). איןביידע איבערזעצונגען איז פאַראַן אַ רײַכער שפּראַך־מאַטעריאַל, וועלכער זאָגט עדות וועגן דעם אָפּגאַנג פון די אַלטע ליטעראַרישע קאַנאָנען און דעם אָנהייב פון אַ נײַעם נוסח אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אײַזיק אויערבאַך שטעקט נאָך אין גאַנצן אין אַלטן נוסח. אליעזר פּאַוויר געהערט צו די פּיאָנערן פון דעם נײַעם ליטעראַרישן סטיל. ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע ייִדישע שריפטשטעלערס וואָס האָט, פאַר מענדל לעפין און יוסף פּערל, געפּרוווט איבעררײַסן מיט דעם פאַרגליווערטן טראַדיציאָנעלן „הויכדײַטש" און באַנוצן זיך מיט דעם לעבעדיקן פאָלקסייִדיש.

די אייגנאַרטיקע וואָרטשפּילן, אַליטעראַציעס און אַסאָנאַנסן, מיט וועלכע י. בעדרעשי האָט זיך באַנוצט אין זײַן פּאָעמע, זענען זייער שווער צו איבערזעצן. עס איז באַשטימט אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן, ווי אַזוי די ייִדישע איבערזעצערס האָבן בײַגעקומען די שוועריקייטן.

נאָר דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר אַ באַזונדערער נאָטיץ.

# יידיש און אייראָפּעיִש

אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט איז די לעצטע יאָרן געשאַפֿן געוואָרן אַ רײַכע ליטעראַטור וועגן דעם אייראָפּעיִשן באַראָק. אויפֿן סמך פֿון אַ גרויסן פֿאַק־טישן מאַטעריאַל דערווײַזן די געלערנטע, אַז אין די נײַע היסטאָרישע באַדינ־גונגען האָט דער באַראָק פֿאַרגעזעצט די בעסטע טראַדיציעס פֿון דעם רענעסאַנס. אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור־סביבה האָט דער באַראָק באַקומען נישט בלויז אַ ספּעציפֿישן אינהאַלט און אַ ספּעציפֿישע פֿאָרעם, נאָר אויך געהאַט זײַן באַזונ־דערע היסטאָרישע פֿונקציע. אַזוי, למשל, האַלט דער ליטעראַטור־פֿאָרשער ד. ס. ליכאַטשאָוו, אַז אין דער רוסישער געשיכטע האָט דער באַראָק געשפּילט די ראָלע, וואָס דער רענעסאַנס אין מערב־אייראָפּע. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער באַראָק איז נישט געווען אייגהייטלעך, ער האָט דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן און אין אים האָבן זיך געקרייצט פֿאַרשיידענע און ווידעראַנאַנדיקע שטרע־מונגען.

די דערגרייכונגען פֿון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט אין פֿאָרשן דעם באַראָק קאָן אונדז העלפֿן אויסקלאָרן אייניקע אַספּעקטן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

די יידישע ליטעראַטור איז קיין מאָל נישט געוואַקסן אויסער רוים און צײַט. חוץ דער נאַציאָנאַלער ספּעציפֿיק האָט זיך אין איר פֿאַרהיט אויך אַן אייגנאַר־טיקער מאַטעריאַל צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פֿון די קולטור־פּראָצעסן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין לעבן פֿון די פֿעלקער, צווישן וועלכע דאָס יידישע פֿאָלק האָט געלעבט.

די ערשטע קנאָספּן פֿון דער ליטעראַטור אין יידיש האָבן זיך שוין פֿונאַנדער־געבליט אין ווײַטן מיטל־עלטער. איר שפּראַכלעכע און קינסטלערישע זעלבּ־שטענדיקייט האָט זי דערגרייכט זינט דער צווייטער העלפֿט פֿון זעכצנטן יאָר־הונדערט. נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם וואָס שוין אין יענער צײַט זענען גע־שאַפֿן געוואָרן אייניקע באַדײַטנדיקע ווערק, ווי דער שמואל־בוך, מלכים־בוך א״א, הערשט איבער דער מיטל־עלטערלעכער יידישער ליטעראַטור אַ געוויסע מאָנאָ־טאָנישקייט און אוניפֿאָרמיזם. ערשט אין דער עפּאָכע פֿון באַראָק הייבט זיך

אייגנטלעך אָן איר בולטע דיפערענצירונג אין זשאַנערס, סטילן און ריכטונגען. אין דעם פעריאָד טרעט די יידישע ליטעראַטור אַרויס פון איר אַנאָנימער און פאָלקלאָריסטישער סטאַדיע. עס קומען אויף אַ ריי שרייבערס מיט אינדיווידועלע סטילן און אייגענעם צוגאַנג צו געשעענישן. אין סתירה צו דער מיטל־עלטער־לעכער ליטעראַטור, אין וועלכער עס זענען ס׳רוב אויסגענוצט ביבלישע און אינטערנאַציאָנאַלע וואַנדערנדיקע מאָטיוון, זענען די טעמעס פאַר די נייַע ווערק מערסטנס גענומען פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

עס איז נישט פאַראַן קיין וויכטיקע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע פון זיבעצנטן י״ה, וואָס זאָל, אַזוי אָדער אַנדערש, נישט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. די פּאָגראָמען פון באָגדאַן כמעלניצקי אין מיזרח־איירָאָפּע, דער פּראָטעסטאַנטישער און קאַטוילישער דרייַסיק־יאָריקער קריג אין מערב, די שבתי צבי־באַוועגונג, — דאָס איז די היסטאָרישע אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך, אַזוי צו זאָגן, די טעמאַטישע ראָד פון דער ליטעראַטור. אין אלחנן העלנס פּאָעמע „מגילת־ווינץ״, אין יעקב טויסקס „איין נייא שיין ליד פון משיח״ און אין אַנדערע פּאָעטישע־ און פּראָזע־ווערק איז מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט און דראַמאַטיזם איבערגעגעבן דער אומרו און די טראַגיק פון דעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן.

פון אַ באַזונדערן היסטאָרישן ווערט איז די מעמואַרן־ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן. חוץ דעם היפשן דערקענטעניש־מאַטעריאַל פאַרמאָגן אייניקע ווערק פון דעם זשאַנער אויך ליטעראַריש־קינסטלערישע מעלות. עס איז גענוג צו דערמאָנען די זכרונות פון גליקל האַמעל, וואָס וואַקסן ווייַט אַרי־בער די ענגע ראַמען פון אַן אייגנפאַכער משפחה־כראָניק. גליקל פון האַמעל האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן עפּישן און לירישן טאַלאַנט. די געשעענישן באַשרייַבט זי רעאַליסטיש, די בילדער זענען געצייכנט אייַנדרוקספול, די מענטשן — רע־ליעף און פּלאַסטיש. אין די זיבן ביכער פון אירע זכרונות איז פאַראַן אַ רייַכער און פאַרביקער שטאָף וועגן דעם יידישן מאַטעריעלן און גייַסטיקן לעבן אין דער צווייטער העלפט 17טן י״ה.

די באַדייַטנדיקסטע געשעעניש אין דער ליטעראַטור פון יענער צייַט איז דאָס אַנטשטיין פון דער נאָוועלע, ווו דער סוזשעט איז דורכגעדרונגען מיט דעם באַראָק־גייַסט. און ווי אַ בולטער מוסטער דערפון קאָן דינען די פּרעכטיקע ראָמאַנטישע נאָוועלע „מעשה בריעה וזימרה״.

די פאָרשערס פון דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור מ. שטיינשנייַדער און אליעזר שולמאַן האָבן, נישט קוקנדיק אויפן בולט עראָטישן כאַראַקטער פון דער נאָוועלע, באַוויזן צו געפינען אין איר נאָך סימנים פון רעליגיעזן אַסקעטיזם, און מאַקס עריק, וואָס האָט שוין געהאַט אַ מער רעאַליסטישן און היסטאָרישן צוגאַנג צו דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, האָט אין תוך באַטראַכט „מעשה

בריעה וזימרה" ווי אַ סטערעאָטיפּישן וואַריאַנט פון קעלטישע און גערמאַנישע מקורים.

די טעמע און אײניקע סוזשעטישע מאָמענטן אין דער „מעשה בריעה וזימרה" רופן אַרויס גרויסע אַסאָציאַציעס מיט שעקספּירס ראָמעאָ—יוש־ליעט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין פּראָדוקט פון דירעקטע השפּעות. גיכער פון אַלץ איז עס אַ מערקווערדיקע אַנאַלאָגישע דערשײַנונג, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס סײַ דער גרויסער שעקספּיר און סײַ דער אַנאָנימער יידישער מחבר האָבן געשעפּט פון איינעם און דעם זעל־ביקן קוואַל: פון דער איטאַליענישער נאָוועלע פון 16טן י"ה. עס איז באַשטימט נישט קיין צופאַל, וואָס די ערשטע געדרוקטע אויסגאַבע פון דער נאָוועלע שטאַמט פון איטאַליע (ווענעציע 1597), און וואָס מען פילט אין איר די הייסע טעמ־פּעראַטור פון דער איטאַליענישער עראָטישער ליטעראַטור אין יענער צײַט.

אויך בריעה און זימרה ווערן פון זייער ערשטער באַגעגעניש גאַלע ליבע: „זינטמאָל איך אייך אָנגעזען האָב, זאָ בין איך מיט זעלכער ליבע באַשטריקט, דאָס איך האָב קיין רו".

זימרה ווענדט אָן זײַן קלוגשאַפט, צו ברעכן די עקשנותדיקע אײַנגעשפּאַרט־קייט פון בריעהס עלטערן. איר פאָטער, כּדי פּטור צו ווערן פון זימרהן, זאָגט אים צו זײַן טאָכטער פאַר אַ פרוי, אויב ער וועט מסכּים זײַן צו פאָרן צום פּויפּס קיין רוים און זיך דערשלאָגן מען זאָל אָפּשאַפן די אַנטי־יידישע גזירות, וויסנ־דיק דערבײַ, אַז ער שיקט אים אויף אַ זיכערן טויט, זימרה קערט זיך אומגעריכט אום מיט אַ גרויסן דערפאָלג. דער פאָטער האַלט אָבער נישט קיין וואָרט און פילט זײַן הייליקן צוזאָג נישט אויס. „דאָ וויינען זיי ביידע זייער און טרײַבן אויך אַ גרויסן יאָמער. און זי פילט אים אום זײַן האַלדז און קושט אים און זאָגט אים: ליבער זימרה, גאָט זיי עס גיקליגט, איך ווייס וואל דאס איך מוז שטאַרבן פאַר לייד".

דאָ זאָגט זימרה: „דאס זיי גאט בעוואר! און ער קושט זי און זי קושט אים. עס וואַר איין זאָלכעס גיקושט, ווען זי ניט שיין וואַר גיוועזן, זאָ איז זי איצונדער שיין גיוואָרדן"...

בריעה האָט אָבער לאַנג די שווערע ליבע־קווענקלענישן נישט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן. „דא טרייב ער איין יאמער אין רייס זיינע האָר פאַר לייד. זעלכן יאמער איז נישט צו באַשרייבן"...

דעם יאָמער צו באַשרײַבן איז דער שרײַבער נישט געווען בּיכולת. ער האָט אָבער נישט געקענט פועלן בײַ זיך צו פאַרענדיקן זײַן ליבע־געשיכטע מיטן טויט. עס קאָן דאָך נישט געמאָלט זײַן, אַז גוטע און געזונטע מענטשלעכע גע־פילן זאָלן אומבאַשטראָפט דערשטיקט ווערן. חוץ דעם האָט ער אויך געוואָלט באַווײַזן זײַנע מיטצײַטלערס, אַז ריינע מענטשלעכע ליבע איז נישט קיין זינד,

און ער, דער מחבר, לאָזט זיך אַוועק אין זײַן דיכטעריש פֿאַנטאַסטישער וועלט צו געפֿינען אין איר אַ באַשטעטיקונג פֿאַר אַ פּשוטן און רעאַלן לעבנספֿאַקט.

...פֿון ערגעץ באַווײַזט זיך אַ לעגענדאַר פֿערד, וואָס פֿירט זימרהן אַרויס פֿון דער טרויעריקער און בייזער ווירקלעכקייט, און אַזוי ווי ער האָט נאָך קיין מאָל קיין זינד נישט געטאָן, כאַפּן אים תּיכּף אונטער די מלאכים און טראָגן אים אַוועק צו זײַן געליבטער און פֿראַווען פֿאַר זיי ביידן איין „היפּשע ברייליפֿט" (חתונה). משה און אַהרון פֿירן זיי אונטער דער חופּה און גאָט אַליין בענטשט זיי...

דערנאָך האָט מען געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט. די מלאכים האָבן זיך אַפֿילו פֿאַרשטעלט פֿאַר לצים און פֿאַרווײַלט דעם עולם. „עס וואהר אזעלכע קעסטלעכע ברייליפֿט די ניא איז אין קיינער קהילה גיוועזן"...

און דער שרײַבער איז דערמיט אויסן געווען, אַז אויב אין דער אַנוועזנהייט פֿון דעם רבש"ע אַליין און פֿון אַזעלכע געהויבענע לײַט קאָן מען זיך קושן און ליב האָבן, פֿאַר וואָס זשע זאָלן עס אויך מענטשן נישט באַוויליקן? „נון, איר ליבע לייט, האָט איר וואל אין ביכליין גילעזן, וואס די גרויס ליבשאַפֿט ברענגט. דערהאַלבן איין איטליכער זיך פֿאַר וואל בידענקט וואס דארויס מעכט ווערדן"...

אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פֿון דעם זיבעצנטן י"ה האָט דאָמינירט די אַזוי גערופֿענע „נאָוועלאַ פּיקאַרעסקאַ". אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט קאָן מען אָנמערקן אויף אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען. אַנשטאָט די גרויסע ראָמאַנען וואָס זענען געווען פֿאַרשפּרייט אין 15טן און 16טן י"ה און האָבן אין תּוך באַהאַנדלט וואַנדערנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון (בבא־בוך, פּאַריז און וויענא א"א), זענען אין 17טן י"ה אַנטשטאַנען קורצע נאָוועלעס אין וועלכע סײַ די טעמע און סײַ די שפּראַך זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דעם רעאַלן ייִדישן לעבן. אין יענער צײַט זענען אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ ריי איבערזעצונגען פֿון דער אייראָפּעיִשער נאָוועליסטיק.

אין דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג הערשט ביז הײַנט די אַזוי גערופֿענע פֿאַרשפּע־טיקונגס־טעאָריע, וואָס באַהויפּטעט אַז די באַדײַטנדיקסטע דערשײַנונגען אין דער וועלטקולטור זענען צו אונדז דערגאַנגען מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער. לויט דער טעאָריע האָט דער באַראָק־גײַסט אויסגעמיטן די ייִדישע גאַס, דאָס לעבן אין די ייִדישע קוואַרטאַלן איז לויט דער טעאָריע שטענדיק גע־ווען „גרוי, פֿאַרחושכט און אײַנגעהילט אין אַ פֿרומער שטילקייט" און די געטאָ־טויערן זענען שטענדיק געווען הערמעטיש געשלאָסן פֿון דער אַרומיקער זינדיקער און פֿאַרדאָרבענער וועלט. די ייִדן האָבן דאָרט פֿאַרגעזעצט זייער אַלטן פּאַטריאַר־כאַלן שטייגער און געשאַפֿן אַן אויסשליסלעך רעליגיעזע ליטעראַטור.

ווי ווײַט דאָס שטימט נישט מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, באַווײַזט אַפֿילו די רעליגיעזע מוסר־ליטעראַטור, אויף וועלכער די פֿאָרשערס זענען זיך סומך.

די מוסר־ליטעראַטור, וואָס איז זייער פאַרשפּרייט געווען אין 17טן י״ה, איז טאַקע אין דער ערשטער ריי געווען אַ ריין עטיש־רעליגיעזע ליטעראַטור, אָבער לויט איר גופא איז צו זען, אַז די אָביעקטיווע אַרומיקע וועלט, קעגן וועלכער זי טרעט אַרויס, איז ווײַט פון זײַן אַן אויסשליסלעך רעליגיעזע.

לאָמיר אויף אַ ווײַל זיך צוהערן וואָס באַאומרויִקט די אויטאָרן פון דער מוסר־ליטעראַטור. דער מחבר פונעם בראַנדשפּיגל (1602) קאָן זיך בשום־אופן נישט באַרויִקן וואָס „יונגע ווייבער ציהן זיך שיין אן, גלאַנצן דעם מאן איגש פנים אריין און טאַנצין מיט פרעמדי לייט און בחורים״... און דער בעל „מגן אַברהם״, אַברהם פון גאַמבינגען, קלאָגט אויף דעם וואָס אין זײַן צײַט האָבן זיך פאַרמערט טעאַטער־הײַזער און צירקן (בתי טטראות וקרקסאות), אין וועלכע די ייִדישע יוגנט ווערט אין גאַנצן פאַרפאַלן.

די ייִדישע מיידלעך פאַרנעמען זיך „נישט נאָר מיט שטריקן טיכלעך״, נאָר אויך מיט „לעזן ביכלעך״. „זיי ווערן געלאַדן אין די זאַלן, ווו זיי טאַנצן אויף די באַלן״ אונטער אַקאָרדן פון „וועלשע גיזאַנגין״ — ווי עס זינגט זיך אין אייניקע ייִדישע פאָלקסלידער פון יענער צײַט.

און — סאַראַ לעסטערונג — צאָרנט חנוך העניאַך אין זײַן „ראשית בכורים״, אַפילו דער חזן אין שול „ביי די הייליקסטע שטעלן, זינגט עפּעס אומפאַרשטענד־לעכס און זינלאָזס, ווי למשל, דא—דא—דא, לא—לא—לא, רא—רא—רא—רו וכדומה. ער, דער חזן, צערײַסט דעם סדר פון די ווערטער, צעשטערט מיט זײַן משונהדיקן געזאַנג די פײַערלעכע שטימונג... און זינגט מיט פרעמדע נישט־ייִדישע ניגונים, אַבי נאָר דעם עולם צו פאַרווײַלן״... און צבי־הירש קוידאַנאָווער, מחבר פון דעם קב הישר (1705) — איז אויסער זיך פון כעס וואָס עס „זײַן פאַרהאַנדן פיל מענטשין, וואָס די לאָזן לערנען זייערע קליינע קינדער צו ריידן פראַנצוי־זיש לשון״, און גייט אין גאַנצן אַרויס פון די כלים, וואָס ייִדישע פרויען גייען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און קליידן זיך אַזוי, אַז די ברוסטן זענען ביי זיי האַלב אַנטבלויזטע...

און לסוף, אויב גלייבן דעם גבית־עדות פון אלחנן־הענדל קירכהאַן, דעם מחבר פון שמחת הנפש (1707), האָט מען דעמאָלט געהאַלטן אין איין פראַווען סעודות, אויף וועלכע מען האָט נאָר געזויפט און געשיכורט. און ווו „נשים ובתו־לות אירע קולות לאָזן הערן ווי די הורן און לאָזן זיך נישט אנווערן, דאס מאַן מיטן אין דער דרשה מוז אויף הערין. און ווען די דרשה איז פאַרביי, קומען ווידער דיא חוצפה לידער ארבייא, מיט יוכצן און שאַלן און זינגען. מיט הענט און פיס טוט מען קלאַפּן אין אויף דעם טיש שפּרינגען״...

פאַראַן באַווײַזן אַז אין די ייִדישע קוואַרטאַלן האָבן עקסיסטירט ספּעציעלע „טאַנצהײַזער און קאַוועהײַזער״ אין וועלכע בחורים און מיידלעך פלעגן פאַר־ברענגען און זיך לוסטיק מאַכן. דאָס קאָן מען אַרויסדרינגען פון די פאַרשידענע

פֿאַרבאָטן און שטראָפֿן פֿאַר עפּעגען אַזעלכע היַיזער. אין די „תקנות דקהל קודש אשכנזים אשר באמשטרדם" (1737) לייענען מיר: קיינער זיך דערוועגין זאל בקהל־תינו אום אייניגא שפּיל הייזר, טאנץ קאמיר וכיוצא בהן אויף צו האלטן. ומכל שכן קיינר פֿארקערן זאל אין דער גלייכי הייזר ופשיטא נישט פֿאר לצן אודר טאנץ מיינשטר שם צו דינהן, ווייל גמעלטי הייזער זיין מחטיא הרבים און זיין גורם מכשול גדול בקהלתינו".

און אַ געוויסער שלמה זלמן בול דערציילט אין זיַין „קלאָגליד אויפֿן קאַלטן ווינטער פֿון 1784" וועגן „קאָרטן שפּיל, קומעדיעס, מוזיעק און אלי לושטיקייטן" וואָס זענען געווען פֿאַרשפּרייט אין זיַין ציַיט.

עס איז באַשטימט נישט קיין צופֿאַל, וואָס אין דער זעלביקער ציַיט און אין דער זעלביקער סביבה, וועלכע ווערט געשילדערט אין דער מוסר־ליטעראַטור, זענען אַנטשטאַנען נאָוועלעס אין דעם גיַיסט פֿון „דעקאַמעראָן". אין זיי איז פֿאַראַן אַ געגוג בונטער און פֿאַרביקער מאַטעריאַל וועגן דעם גיַיסט פֿון באַראָק אויף דער יידישער גאַס, אויף וועלכער עס האָט, ווי אויף דער אַרומיקער נישט־יידישער גאַס געשפּרודלט „פֿריילעכקייט און געזעליקייט".

די איַינפֿלוסן פֿון דעם „דעקאַמעראָן" זענען געקומען צום אויסדרוק אין פֿאַר־שיידענע פֿאָרמען. אין אָנהייב 17טן י"ה זענען דערשינען אָריגינעלע יידישע נאָ־וועלעס אין גיַיסט פֿון „דעקאַמעראָן", ווי צ"ב די 143סטע און 221סטע געשיכטע אין דער באַזעלער אויסגאַבע פֿון מעשׂה־בוך (1602) און די 251סטע נאָוועלע אין דער פֿראַנקפֿורטער אויסגאַבע פֿון מעשׂה־בוך (1703). אין מיטן און אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 17טן י"ה זענען געשאַפֿן געוואָרן נאָוועלעס, אין וועלכע דער מאָטיוו און סוזשעט זענען גענומען געוואָרן פֿון דעם „דעקאַמעראָן", אָבער זיי זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ יידישער סביבה מיט יידישע העלדן; „מעשׂה פֿון איין כלה", „מעשׂה מאַן און וויַיב", „מעשׂה פֿון שלמה המלך" פֿון אַן אַנאָנימען מחבר, וועלכן מאַקס עריק האַלט פֿאַר דעם בעסטן נאָוועליסט פֿון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. אַ סך שפּעטער זענען געמאַכט געוואָרן דירעק־טע איבערזעצונגען פֿון דעם „דעקאַמעראָן" גופֿא. פֿון זיי איז צו דערמאָנען די שייני אַרטליכי גישיכטן פֿון יוסף מאַרשן, וואָס זענען דערשינען אין אַמסטער־דאַם (1710).

אינעם פֿאַרוואָרט צו דער איבערזעצונג שריַיבט י. מאַרשן אַז ביַי אים זענען פֿאַראַן נאָך פֿיר אַזעלכע ביכער און אויב דער וועט זיך גוט פֿאַרקויפֿן וועט ער אויך די איבעריקע אָפּדרוקן. צו אונדז איז אָבער מער ווי דער פֿריַער דערמאָנ־טער בוך נישט דערגאַנגען.

די שייני אַרטליכי גישיכטן באַשטייען פֿון באָקאַטשיאָס זעקס נאָוועלעס פֿון דעם צווייטן טאָג (3־8) און די ערשטע נאָוועלע פֿון דעם אַכטן טאָג. י. מאַרשן האָט אויסגעוויילט פֿון באָקאַטשיאָס בוך אַזעלכע נאָוועלעס, אין וועלכע עס איז, ווי

טשערנישעווסקי האָט זיך אויסגעדריקט, „פאַראַן אַ סך ערלעכס און קלוגס אין די געדאַנקען און געפילן פון די מענטשן", נאָוועלעס, ווו דער רשע באַקומט זײַן שטראָף און דער גערעכטער זײַן לוין.

אין זײַן פאָרוואָרט קריטיקירט י. מאַרשן יענע מחברים וואָס לאָזן אַרויס ביכער מיט אַ רויער און פאַרוואָרלאָזטער שפּראַך. ער טרעט אַרויס קעגן באַנוצן זיך מיט העברעיִזמען, וואָס זענען „שוין ניט זא איינגעוואָרצלט, דאס עס גיט צו פאַרענדערן איז". אין זײַן פאָרוואָרט שטעלט י. מאַרשן אויך פעסט, אַז אין זײַן צײַט זענען אין יידיש געווען פאַרשיידנאַרטיקע דיאַלעקטן, און היות „איין איטליכי מדינה האט איין ביזונדר טייטש לשון", האָט ער זיך באַמיט אָנצושרײַבן זײַן בוך אַזוי, אַז עס זאָלן אים קאָנען לייענען און פאַרשטיין מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און מיט פאַרשיידענע דיאַלעקטן.

י. מאַרשן האָט איבערגעזעצט די משלים פון יהושע בן־סירא און זיי אָפּגע־דרוקט אין 1712. ער איז אויך דער אויטאָר פון אַ יידישן בריוונשטעלער **טייטשי בריוו קאַנצעפּטן**, אין וועלכע עס הערשט דער הײַטערער גײַסט פון דעם נידער־לענדישן באַראָק.

## ב

האָלאַנד איז געווען אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער. אין דעם אַמ־סטערדאַמער „בית יעקב" (קאַסאַ דע יאַקאָב) זענען געשפּילט געוואָרן אָראַטאָריעס, דראַמעס, קאָמעדיעס, אין גײַסט פון דעם נידערלענדישן באַראָק. אַמסטערדאַם איז דאָס וויגעלדע פון דער ערשטער געדרוקטער העברעיִשער דראַמע יוסף פּענ־זאָס **אסירי תקוה** (1673).

פון אַ וויכטיקן קולטור־היסטאָרישן באַטײַט זענען די פאַרשיידענע דרו־קערײַען, וואָס זענען דאָ אויפגעשטאַנען. די אַמסטערדאַמער אויסגאַבעס זענען געווען פון אַ הויכן עסטעטיש־קינסטלערישן ניווא. פאַראַן אין זיי צייכענונגען פון באַרימטע וועלטקינסטלער. רעמבראַנד, למשל, האָט געשאַפן ספּעציעלע אַפּאָרטן צום בוך **נשמת ישראל** און באַצירט די אויסגאַבע מיט אַן אײַנדרוקספולן פאָרטרעט פון דעם מחבר, מנשה בן־ישראל.

פון דער רעמבראַנדט־שול זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען פאָרטרעטן פון שלמה־יוסף דילמעדיגאָ, יעקב שאַשפּאָרטאַס א"אַ.

בכלל געפינט זיך שוין גופא אין דער אויסערלעכער אויספאָרמירונג פון די אַלטע יידישע ביכער, אומאָפּהענגיק פון זייער אינהאַלט און כאַראַקטער, זייער אַ רײַכער קולטור־היסטאָרישער מאַטעריאַל, פון וועלכן עס איז צו זען אַז דאָס יידישע לעבן האָט נישט אויסגעמיטן דעם אַלגעמיינעם גײַסט פון דער צײַט, אַז עס איז נישט געווען, ווי אייניקע ווילן, הערמעטיש פאַרשלאָסן פאַר די השפעות פון דעם „ווידערשפּרעכלעכן זיבעצנטן יאָרהונדערט" (היינע). אַ גרויסער טייל

ווערק פֿון דער אַלט־יִדישער ליטעראַטור איז געדרוקט געוואָרן מיט רײַכע קינסט־לערישע אילוסטראַציעס. מיר געפֿינען אין זיי שאַפֿונגען פֿון אַזעלכע באַדײַטנדיקע אייראָפּעיִשע קינסטלערס ווי האַנס האָלביין (מעשׂה־בוך, בראַנטשפּיגל, מנחת הזהב, באַזעל 1602), לעאָנאַרד בעק (מלאָכים־בוך, 1453), היינס ווײַדניץ (שמואל־בוך, 1544). דער טיטלבלאַט פֿון דער אַמסטערדאַמער תּנך־אויסגאַבע (1726) איז באַ־צירט מיט צייכענונגען פֿון דעם באַרימטן פֿראַנצייזישן קינסטלער בערנער פּיקאַ, וועלכער האָט, אגב, געשאַפֿן אויך אייניקע אינטערעסאַנטע קופּערשטאָכן פֿון דעם יִדישן לעבן אין האָלאַנד אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. און דער טיטלבלאַט פֿון דער ווענעציער תּנך־אויסגאַבע (1770) איז באַפּוצט מיט צייכענונגען פֿון דעם איטאַליענער פֿראַנטשעסקאָ גריזעלאַני.

באַקאַנט זענען די רײַך אילוסטרירטע אויסגאַבעס פֿון יצחק אבן סהולהס משל הקדמוני (1491), פֿון דעם גרויסן טויזנט־זײַטיקן בוך יוסיפֿון (1546) און פֿון משה וואַליכס ספֿר משלים (1687). די צייכענונגען אין דער צאינה־וראינה זע־נען זייער ענלעך צו די בילדער פֿון דער באַרימטער ביבליאַ פּאַופּערום.

אינטערעסאַנט זענען די טיפּאָגראַפֿישע אילוסטראַציעס צו די אויסגאַבעס פֿון דער פּסחדיקער הגדה, די פּראַגער (1526), אויגסבורגער (1534), מאַנטוער (1560) און ווענעציער (1609). די אַנאָנימע קינסטלערס האָבן זיך אויף אַ מערקווערדיקן אופֿן אַרײַנגעלעבט אין דעם גײַסט פֿון די פּיוטים און אייגנאַרטיק בילדעריש אויסגעדריקט זייער מיסטיש־סימבאָלישע אידעען־וועלט.

פֿאַראַן אילוסטרירטע ביכער אין וועלכע עס זענען אָנגעוויזן נעמען פֿון יִדישע קינסטלערס. אַזוי, צום בײַשפּיל, זענען די משלי שועלים פֿון ברכיה הנקדן (מאַנטוע, 1557) דערשינען מיט פּראַכטיקע אילוסטראַציעס פֿון אַ געוויסן אַריה בן מיכאל.

וועגן אַ סך אילוסטרירטע אויסגאַבעס פֿון אַלטע יִדישע ביכער ווייסן מיר ביז הײַנט צו טאָג נישט, פֿון וואַנען און פֿון וועמען עס שטאַמען די בילדער. די פֿאַרשערס האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם אויספֿיר, אַז די קריסטלעכע פֿאַרלעגערס האָבן פֿאַר די יִדישע ביכער אויסגענוצט מאַטריצן פֿון ביכער אין אַנדערע שפּראַכן וואָס זיי פֿלעגן אַרויסלאָזן.

אויב דאָס איז אפֿשר גילטיק פֿאַר אַ טייל פֿון די געדרוקטע ביכער, איז דאָס אָבער כּלל נישט שייך צו די אייגנאַרטיקע אילוסטרירטע האַנטשריפֿטלעכע ביכער, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען. צווישן די אַלטע קאָפּיסטן און סופֿרים האָבן זיך געפֿונען הויך טאַלאַנטירטע קינסטלערס. אַ געוויסער יהודה־לייב כּהן האָט זיך טאַקע רעקאָמענדירט ווי אַ „אומן, מצייר וכותב" (קינסטלער, מאָלער און שרײַ־בער). אַ צווייטער, פֿון וועלכן עס איז צו אונדז זיבן פּסחדיקע הגדות מיט צייכענונגען און אַן אילוסטרירטער סידור, האָט אויף איינער אַ הגדה, אין אַ נישט־איבעריק גראַמאַטנעם העברעיִש, פֿאַרצייכנט: אני הלבלר יואל ב"ר

שמעון זצ״ל הנקרא וייבוש אשכנזי מעיר ק. על נהר ריינוס כתבתי, נקדתי וציירתי ההגדה זה וסיימתי אותו בירח אלול שנת רי״ד [1454] (ציטירט לויט א. מ. האַבערמאַן, ארשת ד׳, ז׳ 152).

עס איז פֿאַראַן אַ גענוגנדיקער מאַטעריאַל פֿון װעלכן מען קאָן אַרױסדרינגען, אַז אױך אין דעם געביט איז געשאַפֿן און פֿאַרגעזעצט געװאָרן אַ רײַכע און ספּע־ציפֿישע נאַציאָנאַלע טראַדיציע. אַז אילוסטרירטע ביכער און אַפֿילו באַצירטע חפצים זענען געװען פֿאַרשפּרייט צװישן ייִדן, איז צו זען שױן אַליין פֿון דעם, װאָס יהודה חסיד האָט אין זײַן ספר חסידים נישט נאָר געװאָרנט מען זאָל פֿאַר־װערן די קאָפּיסטן צו מאָלן אין די ביכער „בילדער, עופות, חיות, ביימער און אַנדערע צייכענונגען", נאָר אױך אַז: „צריך להזהר שלא להשתמש בכלים שעליהם צורות ופרצופים"... (ספר חסידים, סימן רע״ז־רפ״ג).

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז אױך די באַמערקונג פֿון אליהו בחור אין דער הקדמה צו זײַן בוך מסורת המסרת, װוּ ער טאַדלט די סופֿרים, װאָס זע־נען נישט מקפּיד אױף דער מסורה פֿון ייִדישן כתב. צוליב דעם ריין עסטעטישן אױסזען פֿון די ביכער װאָס זיי קאָפּירן, איז נישט בלױז װאָס זיי ענדערן דעם אױסזען פֿון די אותיות, נאָר באַצירן זיי נאָך מיט בילדער און צייכענונגען:

כי הסופרים הזידו
ועל המסרת לא הקפידו
רק עיקר חשיבותם
ליפות כתיבתם
ולכוון את השורות
שלא ישנו את הצורות
ותהיינה שוות בכל הדפין
בעוד אותן מיפין
בתמונות וציורים.

דער טײַטש איז: די סופֿרים זינדיקן און זענען נישט מקפּיד אױף דער מסורה. די עיקר־חשיבות בײַ זיי איז באַצירן זייער כתב און אױסשטעלן די שורות אין אַזאַ פֿאָרעם, זיי זאָלן ענגלעך זײַן אױף יעדן בלאַט, און דערצו באַצירן זיי נאָך די דפים מיט בילדער און צייכענונגען.

אין דער צװייטער העלפֿט פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט, אין דעם סאַמע פֿונאַנ־דערבלי פֿון דעם אײראָפּעיִשן באַראָק, איז אַנטשטאַנען דער האָפֿערדיקסטער זשאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור — די פּורים־שפּילן. די קרובהשאַפֿט פֿון די פּורים־שפּילן מיט דער אײראָפּעיִשער קאָמעדיאַ דעל'אַרטע און מיט דעם באַראָק האָט שױן, בשעתו, אָנגעװיזן ד״ר יצחק שיפּער אין זײַן געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער — קונסט און דראַמע (1923־1925).

אין די פּורים־שפּילן זענען פֿאַרזייט די ערשטע זוימען פֿון דעם סאַטירע־און גראָטעסק־זשאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שפּורן פֿון זייערע ווירקונגען קאָן מען געפֿינען אין די קאָמעדיעס בעת דער השׂכּלה־באַוועגונג, אין דער דראַמאַטורגיע פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, בײַ איציק מאַנגער, וואָס האָט אַליין דערקלערט, אַז „דאָס שעלמישע מיצל פֿונעם ייִדישן פּורים־שפּיל האָט מיר כּסדר געשוועבט פֿאַר די אויגן".

עס איז אפשר כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז גלײַך נאָך זייער אויפֿקום האָבן שוין נישט־ייִדישע פֿאָרשערס באַמערקט, אַז אין די פּורים־שפּילן „געפֿינען זיך צו מאָל פּערל פֿון גוטע אײַנפֿאַלן און פֿון נוצלעכן אָנלערנען". מיט די פּורים־שפּילן האָבן זיך באַשעפֿטיקט די דײַטשישע געלערנטע יאָהאַן קריסטאָף וואַגענזײַל (1633—1705), יאָהאַן שודט (1664—1722) א"אַ. דער לעצטער האָט אין פֿערטן טייל פֿון זײַנע ייִדישע מערקווערדיקייטן אײַנגעשלאָסן, אין אָריגינאַל און אין אַ דײַטשישער איבערזעצונג, דעם פֿולן טעקסט פֿון צוויי פּורים־שפּילן. ער האָט זיי אויך באַגלייט מיט אַן אויספֿירלעכער באַשרײַבונג, ווי אַזוי זיי זענען געשפּילט געוואָרן אין דער פֿראַנקפֿורטער געטאָ.

חוץ געציילטע אויסנאַמען, איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דעם מיטל־עלטער זעלטן צו טרעפֿן אַ גוטמוטיקן און פֿריילעכן שמייכל. דער הימל איבער איר איז מערסטן טייל מרה־שחורהדיק פֿאַרכמאַרעט. ערשט אין זיבעצנטן יאָרהונ־דערט, אין דער עפּאָכע פֿון באַראָק, האָט הומאָר און סאַטירע באַקומען אַ ברייטע־רע אַנטוויקלונג. דאָס איז צו זען פֿון אַ טייל נאָוועלן פֿון דעם מעשׂה־בוך (1602), פֿון אַלמאַ זעליגמאַנס צוכט־שפּיל (1602), ווו עס זענען:

> אלי שפּריך ווערטער דורך צוכט גימאַכט
> וואל פֿאַר טייטשט און וואל ביטראַכט,
> און נאָך דעם אלף בית מסדר גיוועזן
> עס וועט זיך פֿרייען דער דרינען וועט לעזן...

אַ וויכטיקע דערשײַנונג אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור זענען די פֿאַר־שיידענע משלים־זאַמלונגען. אין דעם קו־בוך, אין משה וואַליכס ספֿר משלים א"אַ האָט דער ייִדישער משל דערגרייכט דעם ניוואָ פֿון אייראָפּעיִשן. די בכורה אין דעם זשאַנער געהערט די משלי שועלים פֿון ברכיה הנקדן, אין דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון יעקב קאָפּעלמאַן.

י. קאָפּעלמאַן האָט נישט אַריבערגעטראָגן מעכאַניש דאָס ווערק פֿון איין שפּראַך־אַטמאָספֿער אין דער אַנדערער. ער האָט אין דעם דעמאָלטיקן ייִדיש־טײַטש אויסגעפֿונען אָריגינעלע און אַדעקוואַטע אידיאָמען, כּדי בולטער אויסצו־דריקן דעם געדאַנק. אָפֿט מאָל, שטרעבנדיק דעם משל מער צו קאָנקרעטיזירן,

האָט ער פון זיך מוסיף געווען רעליעפע בילדער און פאַרגלײַכן פון דעם רעאַלן לעבן פון זײַן צײַט.

בכלל האָבן אונדזערע אַלטע פאַבוליסטן אויסגעצייכנט זיך באַנוצט מיט דער סאַטירע, וואָס איז, לויט וו. בעלינסקי, „די פּאָעזיע פון דעם משל". די „משלי שועלים" זענען פרײַ פון טרוקענער דידאַקטיק. זיי שפּרודלען מיט סאַרקאַסטישער איראָניע און גוטמוטיקן הומאָר. ברכיה הנקדן, למשל, פירט אין זיי אַ העפטיקן שטרײַט קעגן פאַלשע פּרינציפּן און שלעכטע געוווינהייטן. ער איז שטענדיק אַגרעסיוו, שלאָגעריש און צילגעווענדט. יעדער משל הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפירפערז, אין וועלכן עס ווערט פאָרמולירט אַן אַלגעמיינע פילאָסאָפישע אָדער עטישע פּראָבלעם, דערנאָך קומען, אין אַ ריטמיש געגראַמטער פּראָזע, די געשעענישן. דער סיפּור־המעשׂה ווערט איבערגעגעבן דורך אַ קורצן און שאַרפן דיאַלאָג, פון וועלכן עס וואַקסט אָרגאַניש אַרויס דער נימשל, וואָס ווערט קאָנקרעטיזירט אין אַן אייגנאַרטיקן שלוספערז.

לויט דער פאָרעם איז ברכיה הנקדן מער ענלעך צו לאַפאָנטענען, וועלכער האָט געלעבט פיר הונדערט יאָר נאָך אים, ווי צו זײַנע פאַרגייערס און מיטצײַטלערס. אַ בולטע קרובישאַפט, לויט דער פאָרעם און לויטן אינהאַלט, איז פאַראַן צווישן **משלי שועלים** און דער פאַבל־זאַמלונג די **איזאָפעטן**, פון דער מערקווערדיקער מאַריע דע־פראַנס.

דער אייראָפּעיִשער באַראָק־גײַסט פון אונדזערע פאַבוליסטן איז נישט שטענדיק געווען צום האַרצן די מחברים פון דער מוסר־ליטעראַטור. די משלים, די בילדער און צייכענונגען וואָס האָבן זיי באַגלייט, האָבן בײַ זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרקן גרימצאָרן. דער מחבר פון דעם מוסר־בוך **לב טוב** (1620), למשל, האָט וועגן די משלים געשריבן, עס „איז איין עבירה דרום צו לייענען, די זעלביקע ביכער זענען אייטל שיבושים". און באמת, ווי האָט דער פרומער יצחק בן אליקום פון פויזן געקאָנט גלײַכגילטיק קוקן אויף אַ האָלצשניט מיט דער „צורה פון דעם פאַרליבטן ווײַב, ווי זי מיט דעם בחור איר צײַט פאַרטרײַבט". שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דער משל אַליין האָט אים פשוט פון די כלים אַרויסגעבראַכט: „און דער בחור טעט זיך איבער ריידן לאסן, און זיי מיט אנדערער אויף דעם בעט זאסן, און טעטן מיט אנאנדער טרינקען און עסן און וואָס זיי זאָנסט מיט אנאנאדער האב איך פאַר געסין..."

די ייִדישע פּאָעזיע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז אין איר גרעסטן טייל געווען דורכויס אַ געזעלשאַפטלעכע. עס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע צאָל לידער און פּאָעמעס, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט גרוילבילדער פון פּאָגראָמען און גירושים, וואָס לייענען זיך הײַנט ווי דערשיטערנדיקע מאָנאָלאָגן פון אַ גרויסער דראַמע, פון די טראַגישע געשעענישן אין יענער צײַט.

נישט קוקנדיק אָבער אויף דער אומזיכערקייט און הילפלאָזיקייט, וואָס עס האָט געהערשט אין דעם דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן, און אפשר ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם, האָט דער ייִדישער מענטש געגאַרט נאָך „פרייִלעכקייט און געזעליקייט״:

ברענג הער דעם בעסטן עסן
דאס איר האבט אין דעם הויז.
דעם וויין געבט אונדז אונגעמעסן
מיר זויפן אים דאָך אַלער אויס...

אַ פּאָרטיפּט בילד וועגן דעם (ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט) לירישן העלד פון יענער צייט העלפט אונדז זיך שאַפן די ליבע־ליריק, אָדער ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט רופן: „חתן־כלה־לידער״.

די לידער, געשריבענע „בניגון האַלב שוואַרץ, האַלב ווייס״, דריקן אויס מיט אַ רירנדיקער פשטות און אוממיטלדיקייט די אינטימע און עמאָציאָנעלע איבער־לעבענישן פון דעם יונגן מענטשן.

שיין יונג פרוי, שיין יונגע פרוי!
נעמט אלזא פאר גוט...
אייער צאַרטער יונגער לייב
האָט מיך אין ליב פאַרוווּנד,
אייער אויגליין קלאַר,
דער צו אייער רויטער מונד...
שליסט אייער אָרעם איין
זא ווערד מיין הערץ גיזונד...

צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון אַלטייִדישער ליטעראַטור לוינט זיך אפשר צו פאַרצייכענען אויף דעם פאַקט, וואָס מיט איר האָבן שוין אין יענע ווייטע צייטן זיך אינטערעסירט געלערנטע און ברייטע קרייזן פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. אירע באַדייטנדיקסטע ווערק זענען איבערגעזעצט און געדרוקט גע־וואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. די משלי שועלים זענען אין 1560 דערשינען אין פּראָג אין אַ לאַטייַנישער איבערזעצונג פון מעלכיאָר האַגעל. און דער מעשׂה־בוך איז אין 1612 איבערגעזעצט געוואָרן אין דייַטש דורך דעם פּראָפעסאָר פון העסענער אוניווערסיטעט ב. העלוויג. אויך דער שמואל־בוך איז דערשינען אין אַ דייַטשישער איבערזעצונג (אינגעלשטאַט, 1562), און די צאינה וראינה איז אין פאַרשיידענע צייַטן איבערגעזעצט געוואָרן אין פראַנצייזיש, דייַטש, רוסיש. נאָך אין 1661 איז זי דערשינען אין אַ לאַטייַנישער איבערזעצונג פון אַ געוויסן פּראָפעסאָר יאָהאַנעס שובערט.

עס זענען פֿאַראַן סימנים, אַז עס זענען געדרוקט געוואָרן אין אָריגינאַל ייִדישע ביכער ספּעציעל פֿאַר נישט־ייִדן. דאָס איז צו זען קודם־כּל פֿון דעם פֿאַקט וואָס אַ טייל ווערק פֿלעגט אײַנצײַטיק דערשײַנען אין צוויי אויפֿלאַגעס: פֿאַרן ייִדישן און נישט־ייִדישן לייענער. ביידע אויפֿלאַגעס האָבן זיך אונטערגעשיידט נאָר לויט דעם אויסערלעכן אויסזען. פֿאַרן נישט־ייִדישן לייענער איז געווײנטלעך דער שער־בלאַט באַצירט געוואָרן מיט פֿולשטענדיק קריסטלעכע עלעמענטן און באַגלייט מיט אַ קאָלאָפֿאָן אין דער לאַטײַנישער שפּראַך. פֿאַר דער ייִדישער אויפֿלאַגע פֿלעגן די פֿאַרלעגערס, אַזוי צו זאָגן, מגייר זײַן דעם שער־בלאַט און אַרויסענדיקן דעם בוך מיט אַ געגראַמטן שלוסוואָרט אין ייִדיש אָדער העברעיִש.

און צום סוף דאַרף אויך באַמערקט ווערן, אַז אַפֿילו אין יענע פֿינצטערע און טראַגישע צײַטן האָט דער ייִדישער שרײַבער אין דעם באַגריף מענטש אַרײַנגעלייגט אַ ברייטן, טיפֿן און אוניווערסאַלן אינהאַלט. נאָך אין אָנהייב פֿון זיבעצנטן יאָר־הונדערט האָט דער שרײַבער זלמן־צבי פֿון אויפֿנהויזן געשריבן אין זײַן פּאָלעמישן ווערק ייִדישער טעריאַק (1615): „מען מוז יעדן מענטשן מיט טרײַ־הערשאַפֿט אַנט־פֿאַנגען, ווי חכמינו ז״ל זאָגן אין פּרקי אָבות: הווי מקדים בשלום כל אדם, דאָס עס קיין חלוק זאָל זײַן צווישן יהודי אָדער גוי, נײַערט אַלע מענטשן גלײַך״...

דעם מאָטיוו געפֿינען מיר אויך אין אַ סך אַנדערע ווערק פֿון יענער צײַט. ווי אַ פּאַראַל האָט אים אונטערגעכאַפּט אין הונדערט יאָר אַרום דער פֿריִער שוין דער־מאָנטער אלחנן קירכהאַן:

> אויף קיין מענטש טוט קיין איבל וואָרט ריידן אַרויז,
> ער מעג זײַן אַנדערש ווו, אָדער אין דײַנעם הויז,
> ער מעג זײַן אָרעם אָדער רײַך,
> יהודי אָדער נכרי, האַלט אַלע צו גלײַך...״

די ווערטער פֿון זלמן־צבי פֿון אויפֿנהויזן און דאָס ליד פֿון אלחנן קירכהאַן באַשײַנען, ווי צוויי העלע פֿאַקלען, דעם ליקוי־חמהדיקן וועג פֿון דער ייִדישער לי־טעראַטור אין דעם „ווידערשפּרעכלעכן זיבעצנטן יאָרהונדערט״.

מעגלעך אַז אויך דאָס האָט אין זינען געהאַט דער דײַטשער געלערנטער יאָהאַן וואַגענזײַל, ווען ער האָט אין סוף זיבעצנטן יאָרהונדערט געשריבן וועגן דער ייִדי־שער ליטעראַטור:

„עס איז נישטאָ קיין בעסער מיטל אָפּצוטרײַבן די זאָרגן, שווערע געדאַנקען און טרויעריקייטן, ווי מיט די ייִדיש־טײַטשע ביכער; דאָס גוטע אין זיי באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן אין זיך נישט קיין בייזע רייד, וועלכע קאָנען די גוטע זיטן פֿאַרדאַרבן. מערסטן טייל אַנטהאַלטן זיי אין זיך לויטערע זאַכן, וואָס אי זיי ווײַלן, אי זיי דינען דער גוטקייט און ערלעכקייט״...

# יידישע ליטעראַטור און די גניזה

„...פיל פון זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין די אַראַבישע לענדער, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך, און זייער האַרץ און געדאַנק אין דער דאַזיקער שפּראַך אויסגעגאָסן", — אַזוי האָט געשריבן דער העברעישער שרייבער און איבערזעצער יהודה אַלחריזי (1170—1230) וועגן יענע יידישע דענקערס און פּאָעטן, וואָס האָבן געשאַפן זייערע ווערק אין אַראַביש.

ס'איז באַקאַנט, אַז אַ סך באַדייטנדיקע יידישע ווערק זענען געשאַפן געוואָרן אין דער אַראַבישער שפּראַך. ווייניק ווער עס ווייסט אָבער, אַז אין דעם זעלביקן קוואַרטאַל פון דער קאַירער אַלטשטאָט, אין פאָסטאַט, ווו דער רמב"ם האָט געלעבט און געשאַפן אין אַראַביש זיין באַרימטן מורה נבוכים, האָבן אין XIV י"ה יידישע דיכטערס און טרובאַדורן „אויסגעגאָסן זייער האַרץ און געדאַנק" אין עברי־טייטש.

דער XIV י"ה איז איינער פון די טראַגישע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון די יידן אין מערב־אייראָפּע. אין רעזולטאַט פון די „גזירות וועגן קרעציקע", די יידן־פאַרפאָלגונגען בעת דעם שוואַרצן טויט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין מיזרח־אייראָפּע און טערקיי. אייניקע זענען אַפילו מגולגל געוואָרן ביז מצרים. אין איינעם מיט זייערע געוווינהייטן און שטייגער האָבן זיי אַהין מיטגעבראַכט זייער שפּראַך און ליטעראַטור.

צווישן דער רייכער זאַמלונג אַראַבישע און העברעישע מאַנוסקריפּטן אין דער גניזה פון פאָסטאַט האָבן זיך פאַרהיט אויך זעקס ליטעראַרישע ווערק אין אַלט־יידיש.

פאַר די פינף און זיבעציק יאָר, זינט דער אָריענטאַליסט שניאור־זלמן שעכטער האָט אַנטדעקט די גניזה, איז וועגן איר געשאַפן געוואָרן זייער אַ רייכע ליטעראַטור. דער יידישער מאַנוסקריפּט אָבער איז נאָך אַלץ געבליבן פאַרהוילן און אומבאַקאַנט. ערשט אין 1953 האָט זיך אויף אים אָנגעשטויסן דער אַמסטערדאַמער פאָרשער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור ד"ר ל. פוקס. דער געלערנטער האָט דעשיפרירט און רעסטאַווּרירט דעם אַלטן כתב־יד. דעם רעזולטאַט פון זיין מיפולער און ערודירטער אַרבעט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין צוויי בענד אונטערן נאָמען די עלטסטע היינט באַקאַנטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור (פאַרלאַג ע. י. בריל,ליידען, האָלאַנד,

1957). אין ערשטן באַנד איז אָפּגעדרוקט דער טעקסט פון די זעקס פּאָעמעס מיט אַ פּאַראַלעלער פאָטאָ־פאַקסימיליע פון דעם כתב־יד. אין צווייטן באַנד — די פּאָעמעס אין אַ לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע מיט אַ פּאַראַלעלער איבערזעצונג אין דייַטש. דער געלערנטער האָט די פּובליקאַציע באַגלייט מיט אַן אויספירלעכן אַרייַנפיר און מיט טעקסט־קריטישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען.

די גניזה־מאַטעריאַלן עפענען אויף נייַע פּערספּעקטיוון פאַר דער פאָרשונג פון דער ייִדישער שפּראַך־ און ליטעראַטור־געשיכטע. ביז איצט איז אין דער וויסנ־שאַפט געווען אָנגענומען, אַז די עלטסטע דאַטע פון די צו אונדז דערגאַנגענע האַנט־שריפטלעכע ווערק אין ייִדיש איז דאָס יאָר 1490, פון געדרוקטע — דאָס יאָר 1534. די פילאָלאָגישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע אַנאַליזן פון די ווערק האָבן אָבער עדות געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פון אַ פריִערדיקן פעריאָד און אַז די אָנהייבן פון דער ייִדישער ליטעראַטור דאַרף מען רעכענען נישט שפּעטער פון XIV—XIII י״ה. דער ערשטער וואָס איז געקומען צו אַזאַ אויספיר איז געווען דער געלערנטער מאַקס עריק, אין פאַרבינדונג מיט זייַן טעאָריע וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ ייִדישער שפּילמאַן־דיכטונג.

וועגן דעם האָט י. צינבערג געשריבן: „ער האָט די דאָזיקע השערה אויפן גלענצנדיקסטן אופן באַשטעטיקט דורך זייַן מוסטערהאַפטער קריטיש־אַנאַליטישער באַלויכטונג פון אַ גאַנצער מענגע ליטעראַרישע דענקמעלער פון דער אַלט־ייִדישער פּאָעזיע. דאָס איז בלי־ספק אַ נייַ בלאַט אין אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג, און מיט אים וועט זיך מוזן רעכענען יעדער פאָרשער פון אונדזער אַלט־ייִדישער ליטעראַ־טור און איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג״ (די ייִדישע וועלט, יוני 1928, ז׳ 92).

די גניזה־מאַטעריאַלן, נישט נאָר וואָס זיי באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון עריקס וויסנשאַפטלעכער אינטויִציע, נאָר זיי פאַרפינקטלעכן אויך די כראָנאָלאָגיע פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס עריק האָט זייַנער צייַט אויפגעשטעלט. בייַם סוף פון איין פּאָעמע האָט דער אויטאָר (אָדער קאָפּיסט) אָנגעוויזן גענוי דעם טאָג און דאָס יאָר, ווען ער האָט זי פאַרשריבן: ג׳ כסלו קמ״ג לפ״ק, וואָס לויטן אייראָפּעיִשן קאַלענדאַר פאַלט עס אויס דעם 9טן נאָוועמבער 1382.

די באַדייַטונג פון די אַנטדעקטע גניזה־מאַטעריאַלן באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס זיי העלפן אונדז באַשטימען דעם בכבודיקן עלטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דעם וואָס זיי פאַרברייטערן אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן איר וועלטלעכן און הומאַניסטישן פּאַטאָס. דער אוניווערסאַלער כאַראַקטער פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור באַשטייט נישט בלויז אין דעם וואָס אין איר זענען אויסגענוצט געוואָרן טעמעס און געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור. אויך דער נאַציאָנאַלער שטאָף איז דורכגעדרונגען מיט אַלמענטשלעכע פּרינציפּן און אידעען.



פון אַ קאַירער גניזה

ווי אין אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן פֿון יענער צײַט, באַנוצן זיך אויך די ייִדישע שרײַבערס מיט דעם מאַטעריאַל און דער בילדערוועלט פֿון דער מיטאָלאָגיע און געשיכטע. אין זייערע ווערק איז אָבער פֿאַראַן אַ מין טאָפּעלע קינסטלערישע אָפּטיק, וואָס העלפֿט צו דערשפּירן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט די פּאָטענציעלע ווירקלעכקייט.

די מקורים, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די אויטאָרן פֿון די זעקס פּאָע־מעס, זענען זייער פֿאַרשיידנאַרטיק — אָנהייבנדיק פֿון די אַלטע מדרשים ביז צו דער אַזוי גערופֿענער דײַטשישער אָדיסיי, דעם עפּאָס „גודרון". די אויטאָרן זענען נישט געווען געפּענטעט פֿון די פֿרעמדע סוזשעטן און מאָטיוון. זיי האָבן זיי איבערגע־פֿלאַנצט אין אַ נײַער סביבה און איבערגעדיכטעט אין גײַסט פֿון זייער אינדיווידועלן שאַפֿערישן טעמפּעראַמענט.

דער גניזה־מאַנוסקריפּט באַשטייט פֿון פֿאָלגנדיקע זעקס פּאָעמעס: „משה רבנו", „גן־עדן", „אברהם אָבינו", „יוסף הצדיק", „דער בייזער לייב", „דוכוס האָראַנט". בײַם סוף פֿון די ערשטע דרײַ פּאָעמעס איז אָנגעוויזן, אַז זייער אויטאָר (אָדער קאָ־פּיסט) איז איזאַק דער שרײַבער. בײַם סוף פֿון דער פֿינפֿטער פּאָעמע שטייט דער נאָמען פֿון אַברהם דער שרײַבער.

שווער הײַנט צו באַשטימען, צי דאָס זענען טאַקע די מחברים, צי בלויז איבער־שרײַבערס. קיין ביאָגראַפֿישע ידיעות וועגן איזאַקן און אַברהמען זענען נישט פֿאַראַן. זייער גײַסטיקע פֿיזיאָנאָמיע און דאָס אינערלעכע וועלטגעפֿיל קוקן אָבער געווגנ אַרויס פֿון די ווערק.

אין זײַן פֿונדאַמענטאַלער פֿירבענדיקער געשיכטע וועגן דער ייִדישער קולטור אין מיטל־עלטער באַמערקט צווישן אַנדערן מ. גידעמאַן: „ווער ס'וויל שרײַבן די געשיכטע פֿון ייִדן אין XIV י"ה מוז מאָלן אַ בית־עולם".

אין אַט דער פֿינצטערער און גרויליקער צײַט, ווען צוזאַמען מיט דעם מענטשן איז אומגעבראַכט געוואָרן אויך די מענטשלעכקייט, האָט דער אַנאָנימער דיכטער פֿון „יוסף הצדיק" געהאַט דעם גײַסטיקן מוט צו זינגען וועגן דער אינערלעכער און אויסערלעכער שיינקייט פֿון דעם מענטשן און אַברהם דער שרײַבער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אומטאָלעראַנץ און שינאה.

וועד די מענטשן־פֿײַנטשאַפֿט האָט,<br>
דער האָט גרויסן האַס פֿון גאָט.<br>
די ענגל אין הימל זינט אים גראַם<br>
און אויך דער שרײַבער אַברהם! *

אין דער פּאָעמע „אַברהם אָבינו" לאַכט אויס איזאַק דער שרײַבער דעם אָבער־גלויבן. און כּדי צו לינדערן דעם גרויל און די שרעק, וואָס עס פֿאַרשאַפֿט דער רע־

* דאָ און ווײַטער איז דער אויסלייג פֿון די ציטאַטן מאָדערניזירט.

ליגיעזער פּאַנאַטיזם, טרוימט ער אויס אין זײַן צווייטער פּאָעמע פֿאַר די מענטשן א וואונדערלעכן גן־עדן, ווו

זיי פֿאַרגעסן איר אַנגעמאַך —
וואָס אין הי צו לײַדן געשאַך.

אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע זענען פֿאַראַן נישט ווייניק ווערק, אין וועלכע עס ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער גרויער און העסלעכער ווירקלעכקייט אַן אילו־זאָרישע וועלט מיט לויטער־העלע, פֿריילעכע פֿאַרבן. גענוג צו דערמאָנען עמנואל הרומיס התופת והעדן.

מע קאָן, פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַרגלײַכן הרומיס גן־עדן מיט דעם גן־עדן פֿון דער פּאָעמע, וועגן וועלכער מיר ריידן דאָ.ביידע ווערק זענען אַ פּראָדוקט פֿון פֿאַר־שיידענע צײַטן און קולטור־סביבות, פֿון פֿאַרשיידענע אידעיִשע און קינסטלערישע קוואַליטעטן. עמנואל הרומי האָט געשאַפֿן זײַן פּאָעמע אין אָנהייב פֿון XIV י״ה. זי איז אַ טיפּישער פּראָדוקט פֿון דעם איטאַליענישן פֿרי־רענעסאַנס. די ייִדישע פּאָעמע איז אַנטשטאַנען אין סוף XIV י״ה, אין דער מיסטיש־עקזאַלטירטער סביבה פֿונעם דעמאָלטיקן דײַטשלאַנד. אין דער ייִדישער פּאָעמע מערקט זיך אָבער אַ באַשטימטע טענדענץ, אין וועלכער דער אויטאָר שטייט נישט אָפּ פֿון זײַן העברעיִשן פֿאַר־גייער.

עמנואל הרומי האָט אין זײַן פּאָעמע דערגרייכט אַזאַ הומאַניסטישע מדרגה, וועגן וועלכער אַפֿילו זײַן לערער, דער גרויסער דאַנטע, האָט נישט געטראַכט. ווי באַוווּסט, האָט דאַנטע אין זײַן גן־עדן, חוץ קאַטויליקער, קיינעם נישט אַרײַנ־געלאָזט. עמנואל האָט געעפֿנט די טויערן פֿונעם גן־עדן פֿאַר די פֿאַרשטייערס פֿון אַלע פֿעלקער, „וואָס האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פֿון וויסן און חכמה". אין תּוך אָבער איז אויך עמנואלס גן־עדן געווען בלויז פֿאַר אויסדערוויילטע, ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ ריין אַריסטאָקראַטישער, ער געהערט די פּאַטריאַרכן, די נביאים, דיכטערס און פֿילאָסאָפֿן. אַ פּשוטער בשר־ודם האָט אַהין קיין דריסת־הרגל נישט. אין דער ייִדישער פּאָעמע איז דער גן־עדן באַשטימט דער עיקר פֿאַר אונ־טערדריקטע און באַליידיקטע, פֿאַר דערהרגעטע און דערשלאָגענע, פֿאַר פֿאַר־גוואַלטיקטע און פֿאַרשניטענע.

פֿון די פּאָעמעס „אַברהם אָבינו" און „גן־עדן" (די ערשטע — „משה רבינו" — האָט זיך נישט אײַנגעגעבן פֿולשטענדיק אויפֿצושטעלן) איז צו זען, אַז זייער אויטאָר האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענע קינסטלערישע פֿיזיאָנאָמיע. יעדע פּאָעמע הייבט ער אָן מיט אַ פּאַטעטישער אינוואָקאַציע. זײַן סטיל איז עקספּרעסיוו־עמאָציאָנעל. דער שרײַבער האָט אָרגאַניש אַרײַנגעוועבט זײַן אייגן געשטאַלט אין דעם סוזשעט („ווי איך האָב דאָ פֿאַרנומען", „איך האָב געהערט זאָגן", „איך האָב נישט געציילט").

ער איז אויך נישט קיין פּאַסיווער אָבסערוואַטאָר און האָט זײַן אייגענעם צוגאַנג צו די געשעענישן:

דאָס זאָלט איר טאָן, איר מאָן מיט אײַערן ווײַבן,
טוט איר דאָס, זאָ מאַק אײַך הייל באַקלײַבן.
נון ווערטעט זענען ווילן די ווײַל איר דאָס לעבן האָט,
איזאַק דער שרײַבער דער גיבט אײַך דען ראָט.

פֿאַר דער ספּעציפֿישער גײַסטיקער אַטמאָספֿער וואָס הערשט אין די ביז איצט דערמאָנטע ייִדישע ווערק פֿון דער גניזה, איז אויך כאַראַקטעריסטיש דער גרויסער פֿראַגמענט (מער ווי טויזנט שורות) פֿון דער פּאָעמע „דוכּוס האָראַנט״. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער ייִדישער וואַריאַנט פֿון דעם באַקאַנטן עפּאָס „גודרון״ — איינע פֿון די באַדײַטנדיקסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין דער מיטל־הויכדײַטשי־שער פּאָעזיע.

אין די רעאַליסטישע העלדן־געשיכטעס וועגן דרײַ גענעראַציעס שפּיגלט זיך, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, די גרונט־אידעע פֿון דעם עפּאָס: אויפֿן באָדן פֿון ווילדקייט און אַכזריות וואַקסט שרעק און אומצוטרוי. אויפֿן באָדן פֿון מילדקייט — ליבע און טרײַהייט.

עס איז באַשטימט כאַראַקטעריסטיש וואָס דער ייִדישער אויטאָר האָט זיך אונטערגענומען צו באַפֿרײַען די שיינע הילדע נישט מיט גוואַלד און באַטרוג, נאָר מיט ליד און געזאַנג. אויסצופֿילן די מיסיע האָט ער אויסגעוויילט נישט דעם ווילדן וויטאָלד און נישט דעם כיטרען וואַטע, נאָר דעם מילדן און באַצויבערנדיקן האָראַנט, וואָס ווען ער הייבט אָן זינגען, ווערן אַנטשוויגן די פֿויגלען אין די הייכן, די חיות הערן אויף עסן, די ווערעם — צו קריכן, די פֿיש — צו טרוימען.

און באַגינען אַלע צו דער לינדע דרינגען
זיי הערטן אַלע גערן דעם קינן האָראַנט זינגען.

די פֿאַרשיידענע טעמעס זענען אויסגעזונגען געוואָרן אין פֿאַרשיידענע פּאָע־טישע פֿאָרמען. יעדע פּאָעמע האָט זיך איר אייגענעם ריטעם און סטאַנצע־סטרוק־טור, זי פֿאַרמאָגט רײַכע פֿערזן און אַ נאַטירלעכן גראַמשליסל. דער סטיל איז אַן עפּישער, אַ פֿרײַער פֿון דעם געהויבענעם טאָן, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ סך ווערק פֿון דער אַלטייִדישער ליטעראַטור. פֿאַר דער שפּראַך פֿון די פּאָעמעס איז נישט (אָדער נאָך נישט) אייגנטימלעך דער אַזוי גערופֿענער שמעלצפּראָצעס פֿון עברי מיט טײַטש, וואָס איז, לויט מ. ווײַנרײַך, דער הויפּטשטריך פֿון אַלטייִדיש. אין די מער פֿון צוויי טויזנט פּאָעטישע שורות זענען קיין העברעיִזמען כּלל נישט פֿאַראַן (חוץ דעם איינציקן וואָרט „תּפֿלה״, וואָס ווערט צוויי מאָל באַנוצט אָנ־שטאָט קירכע).

פֿאַר דער פֿילאָלאָגיע איז אין די פּאָעמעס פֿאַראַן אַ באַזונדערס וויכטיקער און רײַכער מאַטעריאַל. ביז איצט זענען באַקאַנט געווען פֿון יענער צײַט בלויז גלאָסאַרן אויף די ראַנדן פֿון פֿאַרשידענע ספֿרים. לויט זיי איז נישט מעגלעך געווען צו שאַפֿן אַ בילד וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער שפּראַך אין יענער תּקופֿה.

אַלטיִדיש איז נישט געווען איינהייטלעך אין דער לעקסיק און אין דער אויסשפּראַך. אַזוי, למשל, ווייסן מיר פֿון דער שאלות־ותּשובֿות־ליטעראַטור, אַז אין XIV י״ה האָט די יִדיש־רײדנדיקע מאַסע זיך געטיילט אויף צוויי גרופּעס. איינע ווערט באַצייכנט ווי די „בני־חית״, די צווייטע — — ווי די „בני־הא״. די ערשטע האָט מען אַזוי אָנגערופֿן מחמת דעם, וואָס דער אות „ה״ האָט בײַ זיי געקלונגען ווי אַ „ח״. און בײַ די אַנדערע, פֿאַרקערט, האָט „ח״ זיך געהערט ווי „ה״. די אויטאָרן (אָדער די קאָפּיסטן) פֿון די פּאָעמעס האָבן, זעט אויס, געהערט צו די „בני חית״. זיי שרײַבן: זחן (זעהען), חרן, (הערן), חר (הער), חרצא (הארץ), בור חולן (פארהוילן), גשחן (געשעהען) אאַ״וו.

די לעקסיק און די פּאָעטיק פֿון די פּאָעמעס זאָגן עדות וועגן באַשטימטע שפּראַכלעכע און ליטעראַרישע טראַדיציעס. די דאַטע 1382 איז, אַזוי אַרום, נישט דער אָנהייב, נאָר אַ רעזולטאַט פֿון אַ געוויסער פֿאַרגעשיכטע. קיין ליטעראַרישע דאָקומענטן פֿון דעם אורפּעריאָד זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען. אויב מיר וועלן אָבער אין זינען האָבן דעם יִדישן פּערז, וואָס דער געלערנטער דב סדן האָט געפֿונען אין אַ כּתבֿ־יד פֿון 1272,[1] קאָנען מיר אָפּמערקן דעם זיבן הונדערט־יעריקן יובֿל פֿון דעם ערשטן, צו אונדז דערגאַנגענעם, פּאָעטישן וואָרט אין דער יִדישער שפּראַך.

1. דב סדן, „כתובת ראשונה ביידיש קדומה במחזור וורמייזא״, קרית ספר, נומ׳ 4, 38סטער יאָרגאַנג, ירושלים 1963.

# אליהו בחור

„...ער האָט גענומען שפּרײַזן איבער דער לענג פֿון דער ביבליאָטעק, איז גע־גאַנגען הין און צוריק, הין און צוריק, האָט פֿאַרגעסן אַז אויפֿן טיש ליגן נישט־פֿאַרענדיקטע קבלה־כּתבֿ־ידן, און ווי נאָר ער איז אַרײַן אין טראַט, האָבן פֿון די ספֿרים־פּאַליצעס זיך גענומען טראָגן ווערטער, זיך צעשטעלט אין דער לענג, אין דער ברייט, גענומען ריידן צו אים העברעיִש, גריכיש, לאַטײַן, איטאַליעניש, פֿראַנ־צייזיש און ייִדיש. די ווערטער זענען נישט אײַנגעשטאַנען, געפֿלאַטערט, ווי פֿייגל, זיך געריסן פֿון זײַנע ליפּן, פֿון זײַנע שפּיץ פֿינגער. און אַז ס'האָט פֿאַר אים אויפֿ־געטויכט אַ תּהום, האָבן די ווערטער זיך צעשטעלט ווי אַ בריק, און ער האָט לײַכט געשפּרײַזט איבער יאָרהונדערטער, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַט קפֿיצת־הדרך".

די געבראַכטע שורות פֿון י. אָפּאַטאָשוס דערציילונג „אליהו בחור" זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם טרובאַדור און געלערנטן אליהו בן אָשר הלוי אַשכּנזי, באַקאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע ווי אליהו בחור, און אין דער נישט־ייִדישער וועלט ווי אליהו לעוויטאַ (1469—1549).

דאָס געמיינזאַמע אין די אויבנאויפֿיק סתּירותדיקע ספֿערן פֿון זײַן טעטיקייט — העברעיִשע לעקסיקאָלאָגיע אין ייִדישער פּאָעזיע — איז דער צויבער פֿון זײַן באַפֿליגלט דיכטעריש וואָרט. אין תּוך זענען דאָך אַ סך פֿון זײַנע טעזיסן וועגן דער העברעיִשער פֿאָנעטיק שוין פֿאַראַן בײַ די אַלטע גראַמאַטיקערס. וואָס האָבן גע־לעבט מיט עטלעכע יאָרהונדערטער פֿאַר אים. מיט די טעמעס פֿון זײַנע פֿילאָלאָגישע ווערק האָבן זיך באַשעפֿטיקט אויך נישט ווייניק פֿון זײַנע מיטצײַטלערס. אליהו בחור האָט אָבער געהאַט דעם טאַלאַנט דאָס אַלץ אויסצודריקן אַזוי, אַז עס האָט אים דערהערט די גאַנצע געבילדעטע וועלט פֿון אייראָפּע. ער געהערט צו יענעם טיפּ גראַמאַטיקערס, וואָס העגעל האָט וועגן זיי געזאָגט, אַז זיי סומירן דעם מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד און מאַכן מערקווערדיקער זײַנע קאַטעגאָריעס.

אליהו בחור איז אין זײַן צײַט אָנערקענט געוואָרן ווי דער אָנגעזעענסטער אויטאָריטעט אויפֿן געביט פֿון העברעיִסטיק. די אוניווערסיטעטן פֿון פּאַריז און קראָקע פֿאַרבעטן אים צו לייענען לעקציעס. אין דעם כּאָר פֿון לויבגעזאַנגען אויף זײַן אַדרעס הערן זיך די שטימען פֿון דעם באַרימטן דײַטשישן הומאַניסט סעבאַס־

טיאַן מינסטער, פֿון דעם פֿראַנצייזישן געלערנטן ווילהעלם פּאָסטעלעס, פֿון דעם פּראָפֿעסאָר אין יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט פֿון קראָקע יאָהאַנעס קאַמפּענסיס, פֿון דעם שווייצאַר יאָזעף סקאַלינער א״א.

אליהו בחור לעבט מיט זײַן הויזגעזינד אויף אַלעם פּאַרטיקן גאַנצע דרײַצן יאָר אין דעם הויז פֿונעם געבילדעטן רוימישן קאַרדינאַל עדזשידיאָ וויטערבאָ. אינטערעסאַנט איז, ווי אַזוי ער באַשרײַבט זײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דעם קאַר־דינאַל. „מײַן הער, — האָט ער זיך פֿאַרגעשטעלט, — איך בין יענער אַשכנזישער מדקדק, איך בין בקי אין אַלע סודות פֿון דיקדוק און פּסוק, וואָרעם איך פֿאַרנעם זיך דערמיט ווײַל איך לעב... און ווען דער שׂר האָט דאָס דערהערט, — דערציילט ווײַטער אליהו בחור, — איז ער מיר אַנטקעגן אויפֿגעשטאַנען און האָט מיך גע־קושט און געזאָגט: דו ביסט עס אליהו, וואָס דײַן נאָמען קלינגט אין אַלע מדינות און וואָס אומעטום זענען פֿאַרשפּרייט דײַנע ספֿרים! געלויבט איז גאָט, וואָס האָט דיך צו מיר געבראַכט, און אַצינד וועסטו בײַ מיר בלײַבן און וועסט זײַן מײַן לערער, און איך וועל אויסהאַלטן דיך און דײַן הויזגעזינד״...

די צײַט, וואָס אליהו בחור האָט פֿאַרבראַכט אין הויז פֿון עדזשידיאָ וויטערבאָ, איז געווען די פּראָדוקטיווסטע אין זײַן לעבן.

די נישט־ייִדישע וועלט האָט פֿון זײַנע ווערק געשעפּט נישט נאָר ידיעות וועגן די אייגנטימלעכקייטן פֿון דער אַלטער העברעיִשער שפּראַך, זי האָט אין זיי אויך דערהערט די לעבעדיקע ייִדישע שפּראַך. אין זײַן מוסטערהאַפֿטן ווערטערבוך תּשבי, וואָס זײַן תּלמיד פּאַולוס פֿאַגיוס האָט איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין דער לאַטײַנישער שפּראַך (1541), האָבן אַ סך ווערטער באַקומען זייער פֿולן באַ־טײַט, ווען לעבן די וועלשע (איטאַליענישע) און גריכישע איבערזעצונגען האָט ער אויך אָנגעגעבן זייער טײַטש אין ייִדיש.

מיט פֿולער רעכט האָט אליהו בחור געשריבן וועגן זיך: „איך קאָן אָפֿן דער־קלערן, אַז ס׳איז שווער צו געפֿינען אַן אַנדערן מחבר וואָס זאָל, ווי איך, האָבן די זכיה, אַז זײַנע ווערק זאָלן נאָך בײַ זײַן לעבן אַזוי אָפֿט געדרוקט ווערן און זײַן אַזוי שטאַרק אָנגענומען בײַם לייענער־פּובליקום. מײַן נאָמען איז ווײַט באַקאַנט, הן צווישן ייִדן, הן צווישן קריסטן״...

עס איז הײַנט צו טאָג נישט זייער גרינג צו באַשטימען, וועלכע זענען געווען די סיבות וואָס האָבן דעם געלערנטן געבראַכט צו דער ראָמאַנטישער וועלט פֿון דיכטונג. עס לאָזט זיך אָנמערקן אַ געוויסע אייגנאַרטיקע פֿונאַנדערטיילונג אין זײַן שאַפֿערישן וועג: פֿאַר דער אייראָפּעיִשער וועלט האָט ער אַרויסגעפֿירט פֿון דער ייִדישער געטאָ ווערטן פֿון אַלמענטשלעכן אינהאַלט און כאַראַקטער, פֿאַר די געטאָ־מענטשן האָט ער אַרײַנגעפֿירט די דרויסנדיקע וועלט.

די ערשטע פֿאָרשערס פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור זענען געווען גער־מאַניסטן. זיי האָבן מער אָדער ווייניקער אויסגעפֿאָרשט די אײַנפֿלוסן פֿון דער דײַ־

טשישער שפּראַך און ליטעראַטור אויף דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער מיטל־עלטערלעכער יידישער ליטעראַטור. עס האָט אָבער קיינער זיך נאָך נישט צוגערירט ערנסט צו די ראָמאַנישע השפעות. איטאַליע איז נישט נאָר געווען דאָס וויגעלע פון דעם יידישן געדרוקטן וואָרט, נאָר אויך פון די ערשטע באַדײַטנדיקע וועלטלעכע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. אין איטאַליע האָט געלעבט און געשאַפן אַזאַ פאַרביקע פיגור ווי אליהו בחור. ער האָט זײַן בבא־בוך נישט נאָר אײַ־בערגעדיכטעט פון איטאַליעניש, נאָר אים אויך געזונגען מיט א „וועלשן געזאַנג" און צום סוף פון דער פּאָעמע האָט ער אַפילו באַזונדער אַרויסגעשריבן „די וועלשן ווערטער די דאָ שטייען אין מענכע ערטער, איך פיל זיי אין טײַטש בישיידן, מיט ליב און מיט פריידן". אין דער רשימה זענען פאַראַן אַזעלכע ווערטער, וואָס לעבן נאָך הײַנט צו טאָג אין דער יידישער שפּראַך און האָבן פאַרהיט זייער קלאַנג און באַטײַט, ווי אליהו בחור האָט זיי מיט איבער פיר הונדערט יאָר צוריק אויפגעפאַסט און פאַרפיקסירט („קאַנטעט — איך בין וויל צופרידן" אאָ"וו, אד"גל).

מיט זײַנע צוויי ראָמאַנען בבא־בוך און פּאַריז און וויענאַ האָט אליהו בחור געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער וועלטלעכער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. די אַלט־יידישע ליטעראַטור גייט מיט זײַן שאַפן אַריבער די סטאַדיע פון פאָלקלאָר און לאָזט זיך אַוועק אויף דעם ברייטן שליאַך פון מאָדערנער קינסטלע־רישער שאַפונג. זי טרעט אויך אָפּ פון איר אַנאָנימקייט, און אליהו בחור ווערט איר ערשטע באַקאַנטע שאַפערישע פערזענלעכקייט.

אליהו בחור קאָן מען פאַררעכענען צווישן די ערשטע דיכטערס אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָבן באַשאַפן די פאָרעם פון דעם אייראָפּעישן סטאַנצעס־ראָמאַן. ווי קלאַסישע מוסטערן פון דעם זשאַנער ווערן באַטראַכט די ווערק פון ל. אַריאָסטאָ און ט. טאַסאָ. אויב אָבער אַרויסגיין פון ריין כראָנאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, האָט א. בחור געשאַפן זײַנע ווערק אין אָט דער פאָרעם פריער פון די דערמאָנטע מײַסטערס. דערבײַ איז פשוט צום באַוווּנדערן די געשיקטקייט און גראַציעזקייט, וואָס ער ווײַזט אַרויס אין אָט דער קאָמפּליצירטער „אָקטאַוואַ רימאַ", אָדער ווי מע האָט זי גערופן אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, „ריים אין אַכט געזעץ".

אין סוף XV און אין דער ערשטער העלפט פון XVI י"ה זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דעם גײַסטיקן לעבן פון אייראָפּע. עס בליִען זיך פונאַנדער די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און ליטעראַטורן. די קאַנאָנען פון דער אַנטישער עפּאָכע פאַסן מער נישט פאַר די פאָדערונגען פון דער צײַט. אין דער ליטעראַטור הייבן זיך אָן באַווײַזן רעאַליסטישע און נאַטוראַליסטישע ווערק. עס אַנטשטייען אויך נײַע פאָרמען און סטילן. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען, די נײַע גרויסע אַנטדעקונגען האָבן געפאָדערט נײַע, מער עקספּרעסיווע און דינאַמישע אויסדרוק־מיטלען. אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג ווערט די תקופה באַצייכנט ווי א פּעריאָד פון מאַניריזם.

די אַלגעמיינע היסטאָרישע פּראָצעסן האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעמיטן אויך דאָס יידישע לעבן. קלאָר, אַז אין די ספּעציפישע יידישע באַדינגונגען האָט דער מאַניריזם אַן אייגענע און באַזונדערע פאָרעם.

אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג האָט באַטראַכט אליהו בחורס ראָמאַנען דער עיקר ווי פאַרווײַלונג־ליטעראַטור, און אים האָט מען דערקלערט ווי דעם לעצטן שפּילמאַן־דיכטער, וועמען עס איז אַפילו אויסגעקומען אַליין צו זינגען און צו זאָגן זײַנע ווערק פאַר אַן עולם. קיין גענויע באַווײַזן וועגן דעם זענען נישט פאַראַן. מע איז געקומען צו אַזאַ אויספיר אויפן סמך פון אייניקע דירעקטע ווענדונגען, וואָס דער אויטאָר האָט אַרײַנגעפירט אין זײַנע ווערק:

נון לאָזן מיר בבא פאַרן מענכע מײַל
אין גאָר איין פערן וועג אַ לאַנגען.
און וויל אײַך זינגען, ווי עס די ווײַל
מיט דעם ליבן דרוזאַנע וואַר געגאַנגען.

גיכער פון אַלץ איז דאָס אַ מעטאָד פון דעם שרײַבער, זײַן פּאָעטישער מאַניר איבערצושליסן זיך אין אַן אַנדער סיטואַציע און אָנהייבן אַ נײַע ליניע אין סוזשעט. אליהו בחור פירט די גאַנצע צײַט אַ שטילע פּאָלעמיק מיט דעם אורשטאָף, וועלכן ער באַאַרבעט. מיט אַ לײַכטער איראָניע שפּעט ער אָפּ פון די אומגלייבלעכע אַוואַנטורעס און אינטריגעס, וועגן וועלכע ער דערציילט. פון די טויזנט פיר הונדערט סטאַנצעס אין דער איטאַליענישער ווערסיע, וואָס אליהו בחור האָט איבערגעדיכטעט, האָט זיך בײַ אים באַקומען נאָר זעקס הונדערט פערציק סטאַנצעס. דערבײַ נייגט ער זיך אָפּט מאָל אָפּ אין אַ זײַט פון דעם סיפּור־המעשׂה און פאַרטיפט זיך אין אייגענע מחשבות.

זייער געלונגען נוצט אליהו בחור אויס די טראַדיציעס פון דעם סטאַנצעס־ראָמאַן אין פּאַריז און ווינעציע. אין אָנהייב און אין סוף פון יעדן קאַפּיטל מאַכט ער אייגנאַרטיקע דיכטערישע אינטערמעצאָס וועגן מענטש און וועלט, גליק און אומגליק, טרײַהייט און פאַלשקייט. אין די אינטערמעצאָס גייען האַנט בײַ האַנט בורלעסק־בילדער פון אַ פאַרשײַטן געלעכטער מיט ערנסטע פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, לצנות אונטער אַ שלייער פון מוסר און אין אַ סטיל, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פעריאָד פון מאַניריזם. עס פעלן אויך נישט קיין רעפלעקסיעס איבער קאָנקרעטע געשעענישן אין דער אַרומיקער סביבה.

אליהו בחור האָט די פרעמדע שטאָפן און סוזשעטן אייגנאַרטיק איבערגעדיכטעט און געשאַפן פון זיי זעלבשטענדיקע קינסטלערישע ווערק. ווען נישט די שפּראַכלעכע באַריערן וואָלט אויך דער הײַנטיקער לייענער געהאַט פון זיי אַן עסטעטישן גענוס.

קרוב הונדערט יאָר ווי עס פירט זיך אַ שטרײַט אַרום דעם בבא־בוך. עס האָבן

זיך אויסגעבילדעט דרייַ ליטעראַרישע ריכטונגען — אַן אַנגלאָ־נאָרמאַנישע, אַ פראַנצייזישע און איטאַליענישע, — צווישן וועלכע עס קומט פאָר אַן אומאויפ־הערלעכע דיסקוסיע וועגן דער פּריאָריטעט פון דעם אורטעקסט. ס'איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ רייַכער מאַטעריאַל וועגן דעם גענעזיס פון דעם ווערק. אין גאַנג פין דער דיסקוסיע האָבן זיך, צווישן אַנדערן, אויך אויסגעקריסטאַליזירט די גרונט־לעכע אונטערשיידן וואָס זענען שוין פאַראַן אין די ערשטע ווערסיעס פון דעם ווערק. אין דער צייַט, צום בייַשפּיל, וואָס דער פראַנצייזישער וואַריאַנט איז דורכ־געדרונגען מיט רעליגיעזער סימבאָליק, איז דער איטאַליענישער רעאַליסטיש און וועלטלעך. אָט די וועזנטלעכע סתּיות האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון די ביכער וועגן בבאָן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן. דער סוזשעט פון דעם **בבֿא־בוך** האָט אין יעדער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור דורכגעמאַכט אַ באַזונדערע אינערלעכע אַנטוויקלונג. ער האָט זיך געענדערט אין הסכּם מיט די געשיכטלעכע פּראָצעסן וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם לעבן פון יעדן געגעבענעם פאָלק. יעדע עפּאָכע האָט צוגעגעבן איר אַראָמאַט און נייַע טעמאַ־טישע ליניעס. בבאָן גופֿא קאָן מען מיט רעכט צורעכענען צו די „וועלט־גע־שטאַלטן" אין דער ליטעראַטור. נישט קוקנדיק אויף די מעטאַמאָרפאָזעס וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין פאַרשידענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, האָט ער פאַרהיט זייַן טיפּישע באַדייַטונג.

וועגן וואַנדערנדיקע מאָטיוון אין דער וועלט־ליטעראַטור און וועגן דער באַדייַטונג פון די אַזוי גערופענע „עפּאָכאַלע געשטאַלטן" האָט זייַנער צייַט אַ סך געשריבן י. נוסינאָוו. נישט קוקנדיק אויף אַ געוויסער סכעמאַטישקייט פון זייַנע אַרבעטן, זענען אין זיי פאַראַן פיל אינטערעסאַנטע באַטראַכטונגען און ליטעראַ־טור־היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס.

י. נוסינאָווס פאַרדינסטן אין געביט פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט דער געלערנטער פ. נ. בערקאָוו אין זייַן פאָרטראָג „דער צושטייַער פון די מיזרחדיקע סלאַוון בייַם פונאַנדעראַרבעטן די אַזוי גערופענע וועלטגעשטאַלטן", וואָס ער האָט געלייענט אויף דעם זעקסטן צוזאַמענפאָר פון די סלאַוויסטן (פּראַג 1968).

דאָס אַנטשטיין פון ווערק אויף אינטערנאַציאָנאַלע וואַנדערנדיקע מאָטיוון און טעמעס איז קודם־כּל אַ באַווייַז, אַז די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור האָט דער־גרייכט אַ באַשטימטן גראַד פון רייַפקייט און איז בכּוח אָנצוהייבן אַ דיאַלאָג מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע קולטורן. אין אַסימילירן און אַרייַנוועבן אין דער אייגענער סבֿיבֿה פרעמדע קולטורווערטן קומט צום אויסדרוק די שאַפערישע אייגנאַרטיקייט און די פאַרוואָרצלטקייט אין אייגענע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

איבערדיכטנדיק דעם **בבֿא־בוך** האָט אליהו בחור באַרייַכערט אונדזער לי־טעראַטור מיט איינעם פון די פּאָפּולערסטע ווערק אין דער דעמאָלטיקער אייראָ־

פעישער ליטעראטור. נישט נאָר דעם שטאָף און די טעמע, אויך די פֿאָרעם, ריט־מיק און רייד־מעלאָדיק האָט ער אַנטליִען ביי דער איטאַליענישער ליטעראטור.

די גאַנצקייט פֿון אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש ווערק ווערט באַשטימט נישט בלויז דורך זיין איינהייטלעכער סוזשעטישער ליניע, נאָר אויך דורך דער באַציִונג פֿון דעם שרייבער צו דעם שטאָף, מיט וועלכן ער אָפּערירט. אליהו בחור איז נישט געווען קיין פּאַסיווער איבערדערציילער פֿון די אויסטערלישע געשיכטעס וועגן בבא פֿון אַנטאָנאַ. אין יעדער סטאַנצע פֿילט מען בחוש זיין צוגאַנג צו די מענטשן און צו די געשעענישן, וואָס ער שילדערט. פֿון די קורצע רעפֿלעקסעס, בילדער און פֿאַרגלייכן, מיט וועלכע ער בייגט זיך פֿון צייט צו צייט אָפּ פֿון דער אַלגעמיינער סוזשעטישער ליניע, קוקט ער אַרויס ווי אַ טיפּישער רענעסאַנס־קינסטלער, ביי וועלכן דאָס ערנסטע האָט זיך געפּאָרט מיט שפּאַס, דער אָבער־גלויבן איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט לעסטערונג.

אליהו בחור האָט איינגעהילט זיין ווערק אין אַזאַ שפּראַכלעכן לבוש, אַז זיינע לייענערס אָדער צוהערערס, וואָס האָבן דעמאָלט אין תּוך זיך אויסגעלעבט רעליגיעז, האָבן נישט געפֿילט ווי ער פֿירט זיי פֿאַמעלעך אַרויס פֿון די שמאָלע און טונקעלע געטאָגאַסן אין אַ פֿרעמדער און ווייט נישט היילִיקער וועלט. זיי האָבן זיך אויך גלייך נישט אָנגעשטויסן אין זיין לעסטערנדיקן און פֿאַרשייטן געלעכטער, וועלכן ער האָט קונציק פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער פֿון מוסר. און עס איז זייער סימפּטאָמאַטיש וואָס גראָד אָט דאָס ווערק פֿון אליהו בחור האָט אַזוי אויסגענומען ביי די יידישע פֿאָלקסמאַסן, אַז זיי האָבן עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ באָבע־מעשׂה; גראָד אָט דאָס פֿאַרשייטע ווערק האָט גערייצט און באַפֿרוכפּערט די שאַפֿערישע פֿאַנטאַזיע ביי אַ גרויסער צאָל אַנאָנימע אויטאָרן פֿון די אויסטערלישע „באָבע־מעשׂיות״.

פֿאַראַן מערקווערדיקע אַנאַלאָגיעס אין דער געשיכטלעכער מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון דעם רוסישן און יידישן בבא־וואַריאַנט. ביידע זענען אייגנציייטיק אַנטשטאַנען. און פֿאַר ביידע האָט געדינט ווי אַ מוסטער די איטאַליענישע ווערסיע. אויך זייער פֿאָלקלאָריזאַציע פֿאַלט זיך כּראָנאָלאָגיש צונויף. די ערשטע אויסגאַבעס פֿון דער „בבא־מעשׂה״ באַווייזן זיך אין פּעריאָד ווען עס הייבן אָן דערשיינען די באַרימטע רוסישע לובאָק־ביכעלעך, אין וועלכע ס׳ווערן זייער ברייט אויסגענוצט עפּיזאָדן און מאָטיוון פֿון דעם בבא־בוך. עס באַווייזן זיך ספּעציעלע איבערשרייבערס, וואָס פֿאַרשפּרייטן די „באָבע־מעשׂיות״ אין פֿאַרשידענע האַנטשריפֿטלעכע ווערסיעס.

די „בבא־מעשׂה״ איז אין אַכצנטן יאָרהונדערט אַזוי אַריינגעדרונגען אין רוסישן פֿאָלקלאָר, אַז מ. וו. לאָמאָנאָסאָוו האָט זי אין זיין „ריטאָריקאַ״ אַפֿילו אָנגערופֿן „ראָסייסקאַיאַ סקאַזקאַ״ — אַ רוסישע מעשׂה.

# בבא דאנטונא

הייסט דש בוך אין הופש ג'
טרעכט · מן קענט וואל
אויך בחורש ג'
מעכט :
איז ווארדן
גידרוקט
צו
אייזנה אין דער שטאט · אונ
אליה המחבר איז גלייך
דש פרט :

שערבלאַט פון בבא־בוך

נישט פֿאַראַן קיין איין באַדײַטנדיקער רוסישער שרײַבער פֿון נײַנצנטן יאָר־הונדערט, אין וועמענס ווערק די געשיכטעס וועגן בבאן זאָלן אַזוי אָדער אַנדערש נישט באַקומען קיין אָפּקלאַנג. א. ב. ראַדישטשעוו שרײַבט אַפֿילו אַן אַ גאַנצע פּאָעמע „באָווא״. וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פֿון די בבא־געשיכטעס אין רוסישן פֿאָלקלאָר זאָגט עדות פּושקינס באַרימט ליד „אַ חלום״:

О прелести таинственных ночей,
Когда в чепце, в старинном одеянье,
Она, духов молитвой уклоня,
С усердием перекрестит меня
И шопотом рассказывать мне станет
О мертвецах, о подвигах Бовы...
От ужаса не шелохнусь бывало,
Едва дыша, прижмусь под одеяло,
Не чувствуя ни ног, ни головы.

מעשׂיות וועגן בבאן זענען נאָך הײַנט צו טאָג פֿאַרשפּרייט אין דעם אוקראַאיִנישן, ווײַסרוסישן, בוריאַטישן פֿאָלקלאָר און אין דעם פֿאָלקלאָר פֿון אַנדערע פֿעלקער. אין דער סאָוועטישער פֿאָלקלאָריסטיק זענען באַקאַנט זעכצן רוסישע וואַריאַנטן פֿון דער בבא־מעשׂה, וואָס זענען פֿאַרשריבן פֿאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר.

די ייִדישע בבא־מעשׂיות האָבן באַשטימט נישט אויסגעמיטן די אײַנפֿלוסן פֿון דעם סלאַווישן פֿאָלקלאָר. די טעמע איז שוין אָבער אויסער די ראַמען פֿון אונדזער הײַנטיקער נאָטיץ. עס איז אפֿשר נאָר כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז אין דער אויסגאַבע פֿון דער בבא־מעשׂה אין ווילנע, 1824, הייסט שוין דער מחבר נישט אליהו בחור אַשכּנזי, נאָר עליאַס גיעמיץ.

צו די ווערסיעס פֿון דעם בבא־בוך, וואָס זענען זײַנער צײַט אַנטשטאַנען לויט דעם איטאַליענישן וואַריאַנט, ווערט חוץ דער רוסישער און ייִדישער, אויך פֿאַררעכנט די רומענישע. אין דער צײַט אָבער וואָס די ווײַסרוסישע, פֿון וועלכער עס איז אַנטשטאַנען דער רוסישער וואַריאַנט, איז אַן אוממיטלדיקער פּראָדוקט פֿון דער ווענעציאַנער רעדאַקציע און די ייִדישע — פֿון דער טאָסקאַנער, איז די רומענישע אַן איבערזעצונג פֿון דעם ייִדישן נוסח.

אויף דעם שער־בלאַט פֿון דער רומענישער אויסגאַבע פֿון 1881 איז אָנגעוויזן, אַז די איבערזעצונג האָט געמאַכט אַ געוויסער מ. עזיאל.

צי איז עס צופֿעליק נישט מיכל עזיאל, וואָס האָט אין דער זעלביקער צײַט רעדאַקטירט אין בוקאַרעשט דאָס ייִדישע וואָכנבלאַט היועץ און וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר פֿריִער געגרינדעט די ערשטע ייִדישע טעגלעכע צײַטונג אין רומעניע דער יודישער טעלעגראַף.

מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק, גרייטנדיק אַן אַרבעט אין דעם סעמינאַר פאַר ליטעראַטור בײַם טשערנאָוויצער יידישן שולפאַראיין, האָב איך געהאַלט: אין די הענט אָט די רומענישע איבערזעצונג. ווערליק עס געדענקט זיך, איז געבליבן אַן אײַנדרוק, אַז מ. עזיאל איז קיין גאָר גרויסער רומענישער סטיליסט נישט געווען. אליהו בחורס וועלשיזמען (איטאַליענישע ווערטער) זענען אים גאַנץ גוט צו ניץ געקומען. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט די יידישיזמען, וואָס האָבן זיך שוין אין יענער צײַט אײַנגעבירגערט אין דער שפּראַך פון די רומעניש רעדנדיקע יידן.



א זײַטל אויס אליהו לעוויטאַס אייגנהענטיקן מאַנוסקריפּט

אויפֿן זכרון אָבער טאָר מען זיך נישט פֿאַרלאָזן.

אַ טעמע פֿאַר זיך איז די מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון אליהו בחורס בבאַ־בוך צו „בבא־מעשׂה". מע האָט די דערשײַנונג בײַ אונדז נישט געפֿאָרשט. אָפּגעקומען איז מען דערמיט, וואָס מע האָט באַשטימט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ פֿאַר־גרײַזטער איבערדרוק פֿון דעם אַלטן ראָמאַן, אין וועלכן מע האָט אומבאַהאָלפֿן „איבערגעפֿירט די סטאַנצעס אין פּראָסט־פּשוטער פּראָזע".

דער פּראָצעס איז אָבער פֿאָרגעקומען נישט אַזוי איינפֿאַך, ווי מע האָט זיך עס פֿאָרגעשטעלט. נישט נאָר דאָס בבאַ־בוך, — די באַדײַטנדיקסטע ווערק פֿון דער אַלטיִדישער ליטעראַטור, ווי דער יוסיפֿון (ערשטע אויסגאַבע 1546), מעשׂה־בוך (1602) א״אַ האָבן דורכגעמאַכט אַן ענלעכע טראַנספֿאָרמאַציע. דאָס אַלץ איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון XVIII י״ה, ווען די ליטעראַטור האָט גענומען אָפּגיין פֿון אַלטע שאַב־לאָנען און זיך אַ קער געטאָן מער צו דעם רעאַלן לעבן און צו דער לעבעדיקער ריידשפּראַך. די לעקסיק און דער סטיל פֿון דער פֿריִערדיקער ליטעראַטור איז פֿאַר דעם לייענער פֿון יענער צײַט שוין געווען פֿאַרעלטערט און אומפֿאַרשטענד־לעך, האָט מען אויך פֿאַר די באַליבטע און פּאָפּולערע ווערק פֿון דער אַלטער ליטעראַטור געמוזט שאַפֿן אַ נײַעם שפּראַכלעכן לבוש. דאָס, אַגב, האָבן שוין זײַנער צײַט באַשטעטיקט אַליין די אַלטע אַנאָנימע דרוקערס און פֿאַקטרעגערס. אויף דעם שער־בלאַט פֿון איינעם פֿון די ערשטע אויסגאַבעס פֿון דער בבא־מעשׂה לייענען מיר:

„בבא־מעשׂה דיזי שיינע מעשׂה פֿון בבא האָבן מיר געדרוקט אויף עש ניי. עש איז פֿיר איין לענגשטי צייט גדרוקט גווארן אבער עש איז שוין לאַנג פֿאר ביי. אויך איז עש פֿריר גדרוקט גווארן אין איין שווער לשון און ניט איטלכר האָט קאנין פֿאר שטיין. דרום האבן מיר עש איבר גשטעלט אז עש זאָל קאנן ליינן איין יעדר פֿון דעם גמיין. אויך האבן מיר עס גדרוקט אויף שיינה אותיות און שיין פּאפּיר און שיינה טינט. אז איין יעדר זאל דר צו לופֿן געשווינד".

אין זײַן נײַער טראַנספֿאָרמאַציע האָט דאָס אַלטע ווערק אָנגעהויבן אויף ס׳נײַ צו לעבן. אין משך פֿון דעם XIX י״ה און אין אָנהייב XX י״ה איז עס נאָך גע־ווען איינס פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע און געלייענטע ביכער. די ביבליאָגראַפֿן פֿאַר־צייכענען פֿערציק פֿאַרשיידענע אויפֿלאַגעס.

מיט דער צײַט האָט זיך געענדערט נישט נאָר די פֿאָרעם און די שפּראַך פֿון דעם ווערק. אומבאַמערקטערהייט האָבן אַהין אָנגעהויבן זיך אַרײַנשמוגלען עלע־מענטן פֿון דעם נײַעם שטייגער און פֿאָלקלאָר. עס האָבן אויך פּאַסירט פֿאַרקערטע דערשײַנונגען, ווען די העלדן פֿון דעם אַלטן בבאַ־בוך זענען געוואָרן אָפּטע און גאַנץ היימישע געסט אין מינדלעכע פֿאָלקס־מעשׂיות און לעגענדעס.

## די „טעריכטע ביכער"

דאָס געביט פֿון פֿאָרשן די געשיכטע פֿון דער אַלטייִדישער ליטעראַטור געפֿינט זיך בײַ אונדז נאָך אין די קינדער־וויקעלעך. די ערשטע סיגטעטישע אַרבעטן האָבן כמעט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק געשאַפֿן מאַקס עריק און ישׂראל צינבערג. דער פֿאַרדינסט פֿון ביידע געלערנטע באַשטייט קודם־כּל אין דעם וואָס זיי זענען געווען די ערשטע וועלכע האָבן, יעדער אויף זײַן אופֿן, אָנגעמערקט דעם אַלגע־מיינעם אַנטוויקלונגס־וועג פֿון דער ליטעראַטור און באַהאַנדלט איר כאַראַקטער און באַטײַט. ביז הײַנט צו טאָג אָבער האָבן מיר נישט קיין אויספֿירלעכע מאָנאָ־גראַפֿישע אויספֿאָרשונגען וועגן די וויכטיקסטע שאַפֿערס פֿון דער אַלטייִדישער לי־טעראַטור. עס קומען נישט צו קיין וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פֿון די זשאַנערס, סטילן, פֿאָרמען, וואָס זענען געווען אין איר גילטיק. די ייִדישע ליטעראַטור, צום בײַשפּיל, איז געווען פֿון די ערשטע, נאָך דער איטאַליענישער, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט דער סטאַנצע־פֿאָרעם. פּונקט ווי אין אַלע ליטעראַטורן פֿון אייראָפּע, האָבן אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דעם מיטל־עלטער קורסירט אַלטע, טראַדיציאָנעלע געשטאַלטן. אויבנאויפֿיק קאָן זיך דאַכטן, אַז די שרײַבערס האָבן נישט געשאַפֿן קיין נײַע סוזשעטן, נאָר איבערגע־דיכטעט אַלטע טעמעס און מאָטיוון. אין דער אמתן אָבער זענען זיי געווען גע־טרײַע אָבסערוואַטאָרן פֿון זייער צײַט. אויסנוצנדיק אין זייערע ווערק בילדער, פֿאַרגלײַכן, מעטאַפֿאָרן און עפּיטעטן פֿון דעם ־רעאַלן לעבן, האָבן זיי די אַלטע סוזשעטן פֿאַרוואַנדלט אין ליטעראַרישע און היסטאָרישע דאָקומענטן פֿון דער עפּאָכע, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און געווירקט.

די אַלטייִדישע ליטעראַטור איז נישט געווען איינהייטלעך און אויך נישט איינטאָניק. עס זענען אין איר פֿאַרגעקומען שטרײַטן צווישן פֿאַרשיידענע ריכטונגען און סטילן. דער אָנהענגער און פֿאַרשפּרייטער פֿון דעם מעשׂה־בוך (1602) יעקבֿ בן־אבֿרהם פֿון מעזשריטש, למשל, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די משלים פֿון דעם קו־בוך, קעגן דיטריך פֿון בערן, מײַנסטער הילדעבראַנט און אַנדערע ווערק. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז אין זיי פֿאַראַן נישט מער ווי „ווערליך אייטל שמוץ..." אויך דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם (זײַנער צייט) זייער פֿאַרשפּרייטן

**לב טוב** (1620) יצחק בן־אליקום פון פויזן האט געהאלטן, אז: „די זעלביקע בי־כער זענען אייטל שיבושים״. אפילו דער אייראפעיש געבילדעטער קארנעליא (ישראל) אדלקינד (אנהייב 16טן י״ה), וואס האט, ווי ער אליין דערציילט, א סך יארן זיך פארנומען מיט דרוקן און פארשפרייטן וועלטלעכע ביכער, איז אויף דער עלטער פרום געווארן, און כדי אויסצוקויפן זיינע יוגנטזינד (חטאת נעורים), האט ער באשטימט צו דרוקן נאר אזעלכע ספרים וואס קאנען, לויט זיין מיין, פארגעסן מאכן די „טעריכטע״ (נארישע) ווערק, ווי דיטריך פון בערן, פון דעם שיינעם גליק א״א. צו דעם צוועק האט ער אפילו געפרווט צוציען דעם לעצטן טרובאדור פון דער יידישער שפילמאן־דיכטונג אליהו בחור.

אין די פארווערטער צו די אלטע אויסגאבעס — און עס איז כמעט נישט פאראן קיין איין בוך פון יענער צייט, וואס זאל נישט האבן קיין ספעציעלע הקדמה פון דעם מחבר אדער פון דעם ארויסגעבער, — איז פאראן א רייכער מאטעריאל, לויט וועלכן מע קאן שאפן א קלאר בילד וועגן די אידעישע שטריטן, וואס זענען פארגעקומען אין דער אלט־יידישער ליטעראטור. באזונדערס אינטע־רעסאנט און באלערנדיק זענען די מאטעריאלן ארום דער שפראך־פאלעמיק, וואס איז אין יענע צייטן פארגעקומען.

עס האבן זיך דעמאלט געפונען אזעלכע, וואס האבן געהאלטן, אז אין עברי־טייטש דארף מען שרייבן נאר די „טעריכטע״ ביכער. פילאסאפישע, רעליגיעזע, עטישע ווערק דארפן געשאפן ווערן אויסשליסלעך אין לשון־קודש, און עס איז א לעסטערונג, האבן זיי געטענהט, צו באנוצן זיך מיטן לשון פון דעם פראסטן המון פאר אזעלכע ביכער.

קעגן דער דיסקרימינאציע פון דער פאלקסשפראך זענען ארויסגעטראטן א סך אנגעזעענע שרייבערס און געלערנטע. אין זייער פארטיידיקן „דאס לשון פון דעם געמיינעם מאן״ האבן זיי געמאכט אינטערעסאנטע קולטור־היסטארישע אנאלאגיעס וועגן דער ראלע פון דער פאלקסשפראך אין דער יידישער געשיכטע.

כאראקטעריסטיש אין דעם פרט איז די ארויסטרעטונג פון דעם אמסטער־דאמער רב משה פראנקפורטער, מחבר פון דעם אייגנארטיקן בוך נפש יהודה. אין דעם פארווארט צו זיין יידישער איבערזעצונג פון יצחק אבואבס מנורת המאור טרעט ער שארף ארויס קעגן די וואס האלטן, „דאס עס ניט רעכט גע־טאן ווערט, דאס מען זעלבע ספרים אין לשון אשכנז שרייבט״.

„נאך איין גרעסער זאך, — דערווידערט דארטן מ. פראנקפורטער, — וויל איך זיי אנוויזן, דאס איינסט אלע אונדזערע ספרים, די הארבסטע און שווער־סטע זיין צו לערנען, זיי גאר ווייניק אין לשון־הקודש געמאכט געווארן, נייערט אין דעם פארווארט צו זיין יידישער איבערזעצונג פון יצחק אבואבס מנורת ירושלמי איז אין דאס לשון, וואס מאנען, ווייבער, קינדער אין ישראל גערעדט האבן און ניט אין לשון־קודש; אויך אונדזער גמרא, וועלכע געהייסן ווערט

תּלמוד־בבלי, איז גאָר פיל דערינען, וואָס קיין לשון־הקודש איז. דער מדרש איז גאָר פיל דאָס קיין לשון־הקודש איז, נײַערט איז דאָס לשון ווי דער געמיינער מאָן אין די לענדער גערעדט האָט, ווו דער ספר געמאַכט איז; דער תּרגום יהונתן און ירושלמי, ווו פיל סודות דרינען שטייען, איז געמאַכט אין געמיין לשון, דאָס איטלעכער זאָל קענען פאַרשטיין; דער זוהר איז איין ספר קדוש ונורא מאוד, וועלכעס אײַטל סודות התורה איז — איז געמאַכט ניט אין לשון הקודש, נײַערט אין דעם לשון, וואָס מען אין דאָס לאַנד פון בבל גערעדט האָט, און דעסגלײַכן פיל מער ספרים" (אויסלייג מאָדערניזירט).

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די „טערייטשע ביכער" איז זייער אידענטישקייט מיט דעם בעל־פּה־פאָלקסשאַפן. די גרענעצן צווישן דעם פאָלק־לאָר און דער שריפטלעכער ליטעראַטור זענען דעמאָלט נאָך נישט געווען אַזוי שטרענג, ווי אין דער מאָדערנער צײַט. די אַלטע אויטאָרן פלעגן אין אַ נישט־געענדערטער פאָרעם אַרײַנוועבן אין זייערע ביכער גאַנצע פאָלקס־כראָניקעס, לידער, מעשיות, לעגענדעס. עס איז פאַראַן אויך אַ פאַרקערטע דערשײַנונג, ווען גאַנצע ווערק, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון אינדיווידועלן שאַפן, דרינגען אַרײַן אין פאָלקלאָר. דאָס איז, מעגלעך, איינע פון די סיבות וואָס אַ גרויסער טייל פון דער אַלטער ליטעראַטור איז דערגאַנגען צו אונדז אַנאָנים.

אין אַט דער, אַזוי צו זאָגן, אָרגאַנישער באַהעפטונג פון דעם מינדלעכן און שריפטלעכן שאַפן באַשטייט די היסטאָרישע מעלה פון דער וועלטלעכער ליטע־ראַטור אין דער ייִדישער שפּראַך. מיר קאָנען אַ דאַנק איר זיך שאַפן אַ מער־וויניקער רעאַלע פאָרשטעלונג פון דעם ייִדישן לעבן אין יענער צײַט. ייִדיש האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אויסבילדונג פון דעם גײַסטיקן לעבן פונעם פאָלק. די מחיצה צווישן עברי־טײַטש און לשון־קודש איז נישט געווען אַזאַ גרויסע, ווי צווישן דעם לאַטײַן און די „וווּלגאַרע" פאָלקס־שפּראַכן בײַ די אייראָפּעיִשע פעלקער. פאַרקערט,ביידע שפּראַכן און ליטעראַ־טורן האָבן זיך קעגנזײַטיק באַפרוכפּערט. מע קאָן צונויפשטעלן אַ רײַכן לעקסיקאָן פון אויטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן דעם סטיל און כאַראַקטער פון ביידע ליטע־ראַטורן.

„איינע און די זעלביקע טעמעס, — האָט געשריבן י. צינבערג, — מאַכן דורך פּאַראַלעל די זעלביקע גילגול־מחילות הן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, הן אין דער ייִדישער, פון מדרש צו פּיוט, פון פּיוט צו וועלטלעכן עפּאָס..."

די פּראָזעאָלאָגיע אין די העברעיִשע ווערק פון יענער צײַט איז שטאַרק באַווירקט פון דער לעבעדיקער ריידשפּראַך. דאָס האָט געבראַכט צום אויפ־קום פון אַ ספּעציפישן סטיל אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. דעם גײַסט פון עברי־טײַטש פילט מען, למשל, זייער בולט אין סינטאַקס פון יהודה חסידס (גע־שטאָרבן 1217) ספר חסידים: „כשבא אדם ללכת", „ומצד אחר באים לו מעות". אַט

דער סטיל האָט שוין היינט צו טאָג הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון איבער זיבן הונדערט יאָר, אָנהייבנדיק פֿון יהודה חסיד ביז מענדעלע מוכר־ספֿרים און ש. י. עגנון. אויך אין מענדעלעס און אין עגנונס העברעיִש הערט זיך דער עכאָ פֿון ייִדיש: „וכל הקהל תמהים אנה באה הצדקה״, „שיש לו הרבה מעט ממנו״, „ולא היה עוזב להכות אותו״, „ולקח את הפּאַטשיילע והלך לו״.

אין דער אַלטייִדישער ליטעראַטור געפֿינען זיך שוין די שפּורן פֿון געוויסע טענדענצן און סטילן פֿאַר דער מאָדערנער ליטעראַטור. פֿון איר האָט י. ל. פּרץ געשעפּט סאָציאַלע און עטישע מאָטיוון פֿאַר זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס און מעשׂהלעך. אָן די פֿאַנטאַסטישע „העכער פֿון דער ערד״־דערציילונגען פֿון דעם מעשׂה־בוך וועלן מיר זיך מסתּמא קיין מאָל נישט דערשלאָגן צו די קוואַלן פֿון דעם נסתּרס גערעכטס. עס איז באַשטימט נישט קיין צופֿאַל וואָס דער נסתּר האָט אָנגערופֿן איינס פֿון זײַנע ווערק: „בבא־מעשׂה, אָדער די מעשׂה פֿון די מלכים״. צי איז אין דעם פֿאַקט נישט פֿאַראַן קיין רמז ווי אַזוי צו לייזן די „רע־טענישן״ פֿון דעם נסתּרס טעמעס און סטיל אין דעם ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן?

אויך דער דיכטער איציק מאַנגער האָט נישט איין מאָל אַליין אָנגעוויזן אויף זײַנע ווײַטע ליטעראַרישע אָבות. אין דעם סאָנעט „וועגן זיך״ שרײַבט ער צווישן אַנדערן:

> און אָט בין איך דאָס אייניקל פֿון אונדזערע אַלטע נאַרן:
> רב אײַזיק וואַליך ווירמייסן און רב שלמה פֿון פּראָגן.

בײַם פֿאָרשן די פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטע־ראַטור זענען אונדזערע געלערנטע כּמעט ווי נישט דערגאַנגען ווײַטער פֿון דער השׂכּלה און דעם חסידיזם. די זוימען פֿון אירע ריכטונגען, סטילן, זשאַנערס זענען אָבער שוין דאַך פֿאַרזייט געוואָרן אין די פֿריִערדיקע תּקופֿות. אַ גרינטלעכע און אַלזײַטיקע אויספֿאָרשונג פֿון דעם אַלעמען וועט אויף אַ סך פֿאַרברייטערן דעם היסטאָרישן פּאַן און פֿאַרטיפֿערן דעם אינהאַלט און באַטײַט פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט דערפֿון וואָס די אַלטייִדישע ליטעראַטור האָט נישט נאָר אַ היסטאָריש־ און דערקענטעניש־ווערט. מע באַדאַרף נאָר אַריבערשפּרײַזן געוויסע שפּראַכלעכע באַריערן, כּדי געפֿינען אין איר אויך ווערק פֿון אַ לאַנג־דויערנדיקן ווערט.

# מאַמע־לשון

דער אופֿן ווי מען האָט אָנגערופֿן די ייִדישע שפּראַך אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן פֿון איר געשיכטע איז פֿאַר זיך אַליין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. דער ערשטער נאָמען וואָס מען האָט איר געגעבן איז געווען „לשון־אַשכּנז". מיר טרעפֿן אים שוין בײַ רש"י, באַגעגענען אים אויך אין דעם עלטסטן באַקאַנטן כּתב־יד פֿון דער ערוך (1290). די אַראַמעיִשע ווערטער ווערן אין דעם דאָזיקן גלאָסאַר אויסגעטײַטשט אויף אַלט־פֿראַנצייזיש און אויף „לשון־אַשכּנז". אויך אין דעם ווערטערבוך שׂפה ברורה פֿון נתן האַנאָווער (פּראָג 1660) רעדט זיך וועגן „לשון אַשכּנז המורגל בלשוננו".

אַ געוויסע צײַט האָט מען טאַקע אין דער שפּראַכפֿאָרשונג אָנגעהויבן דעם ייִחוס־בריוו פֿון ייִדיש מיט רש"ין. די מאָדערנע פֿאָרשערס האָבן אָבער דערוויזן, אַז די געשיכטע פֿון ייִדיש הייבט זיך אָן אַ סך פֿריִער, פֿון סוף נײַנטן יאָרהונדערט (מ. ווײַנרײַך, נ. זיסקינד, ל. פֿוקס א"א).

אין רעזולטאַט פֿון באַשטימטע היסטאָרישע געשעענישן האָט זיך פֿאַרברייטערט די געאָגראַפֿיע פֿון ייִדיש און זי האָט אַריבערגעשפּרײַזט די גרענעצן פֿון דײַטשלאַנד (אַשכּנז). ייִדישע צענטערס זענען אויפֿגעקומען אין ווענעציע און פּראָג, אַמסטערדאַם און קראָקע. און הגם מען האָט נאָך ווײַטער פֿאָרגעזעצט רופֿן ייִדיש „לשון־אַשכּנז", האָט עס אָבער שוין נישט געהאַט קיין ריין געאָגראַפֿישן באַטײַט. איינצײַטיק מיטן אַלטן נאָמען האָט מען אָנגעהויבן רופֿן ייִדיש אויך מיטן נאָמען „עברי־טײַטש". אין דער הקדמה צו דער ייִדישער איבערזעצונג פֿונעם ספֿר דניאל (באַזעל 1557) לייענען מיר: „אין טײַטש אויס דעם עברי האָב איך עש גיברויכט". דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז מיטן וואָרט „טײַטש" האָט מען נישט שטענדיק אין זינען געהאַט דײַטש. אין יענע ווײַטע יאָרן זענען אַנטשטאַנען אַ סך איבערזעצונגען פֿון העברעיִש (עברי). געוויינטלעך פֿלעגט מען די ווערק דרוקן פּאַראַלעל אין ביידע שפּראַכן — אין עברי און אין טײַטש. אַ גרויסער טייל פֿון זיי זענען נישט געווען קיין איבערזעצונגען אין הײַנטיקן זין פֿון וואָרט. דעם טעקסט פֿון אָריגינאַל פֿלעגט מען מערסטנס פֿאַרברייטערן, קאָמענטירן, טײַטשן. מען פֿלעגט אויך אַרײַנפֿירן אַנאַלאָגיעס פֿון אַנדערע ווערק

אָדער בכלל נײַע סוזשעטן און מאָטיוון אין גײַסט פֿון דער צײַט ווען דאָס ווערק איז דערשינען. פֿון אָט דעם אייגנאַרטיקן זיווג, זעט אויס, איז אויך געבוירן געוואָרן דער כאַראַקטעריסטישער נאָמען „עברי־טײַטש". „מחזור עם פירוש לשון הקודש ועם פירוש לשון אשכנז הנקרא עברי־טײַטש", איז אָנגעוויזן אויפֿן שער־בלאַט פֿון אַן אַלטן מחזור.

מיט דעם באַגריף „עברי־טײַטש" האָט זיך אויך באַנוצט אַ טייל נישט־ייִדישע געלערנטע־הומאַניסטן. יאָהאַן בוקסטאָרף (1564—1629), למשל, האָט אַפֿילו אָנגערופֿן זײַן באַרימטע אַרבעט וועגן ייִדיש: „לעקציעס צום באַנוצן און פּראַקטיצירן העברעיִש־טײַטש".

אין זעכצנטן און זיבעצנטן י״ה איז דער פּראָצענט העברעיִזמען אין ייִדיש געווען זייער גרויס. אויך די פֿרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן (גערמאַנישע, ראָמאַנישע) האָבן שוין דעמאָלט באַקומען אַן אייגענעם קלאַנג און טאָן. די דײַטשישע געלערנטע פֿון יענער צײַט האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון די העברעיִשע אײַנפֿלוסן.

דער געלערנטער י. ק. וואַגענזײַל האָט אָנגעוויזן: „מיט קיין שום אַנדערער שפּראַך זענען זיך ייִדן נישט אַזוי לעסטערלעך באַגאַנגען ווי מיט אונדזער דײַטש. זיי האָבן אים צוגעגעבן אַ פֿרעמדן טאָן און קלאַנג — — אויסגעטראַכט נײַע אומבאַקאַנטע ווערטער און אויך זייער אַ סך העברעיִשע ווערטער און רעדנסאַרטן אַרײַנגעמישט אין דײַטש. דײַטש האָט באַקומען בײַ זיי אַזאַ אויסזען, אַז ווער עס הערט זיי ריידן אין דער שפּראַך גלייבט אַז זיי ריידן נישט אַנדערש ווי אין אַ ריינעם העברעיִש"...

מיטן נאָמען „יודיש" באַגעגענען מיר זיך צום ערשטן מאָל אין איינעם פֿון די באַדײַטנדיקסטע ווערק פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, אין דעם מלכים־בוך (אױגסבורג 1543). עס איז ממש צו באַוווּנדערן דעם אײַנפֿאַל בײַ דעם אַלטן אַנאָנימען מחבר. ער שטעלט אַוועק דעם נאָמען „יודיש" אין זײַן מלכים־בוך פּונקט אין אַזאַ אָרט, ווו עס קומט פֿאָר דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, ריב לשונות אין דער ייִדישער געשיכטע.

איבערדיכטנדיק דעם באַרימטן דיאַלאָג (מלכים ב׳ יח), וואָס קומט פֿאָר צווישן די פֿירערס פֿון אַלטן יהודה מיטן פֿאַרשטייער פֿון אשור, ווען זיי בעטן זיך בײַ אים ער זאָל ריידן צו זיי אין אַ שפּראַך וואָס דער המון פֿאַרשטייט נישט, דערווידערט דער לעצטער און זאָגט, אַז ער רעדט ספּעציעל אין דער „פֿאָלקס־שפּראַך", דאָס פֿאָלק זאָל פֿאַרשטיין און וויסן, וואָס פֿאַר אַן אומגליק זײַנע פֿירערס ברענגען אויף אים. און דער אויטאָר, פֿון זײַן זײַט, באַמערקט דערבײַ: „ערשט רעט ער בישיידלעך יודיש מיט העלער שטים".

בײַ דעם אַנאָנימען אויטאָר איז מסתמא דער נאָמען ייִדיש אַנטשטאַנען לויט דער אַסאָציאַציע מיט דעם אַלטן ביבלישן וואָרט „יהודית". צווישן ביידע ווער־

טער איז פאַראַן נישט נאָר אַ געוויסע האָמאָפאָנעטישע ענלעכקייט, עס איז ביי זיי פאַראַן אויך אַ געמיינזאַמער זין און באַטייט. אין דער אַשכּנזישער הברה, ווע־מעס אורוויגעלע עס איז געווען דאָס אַלטע כּנען (די ספרדישע הברה איז אַנט־שטאַנען אין גלות־בבל), הערט זיך דאָס וואָרט יהודית ווי „יודיש", ווען דער פונקט איז אויף דער לינקער זייט פון דעם אות ש.

אין תּנך ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט דער נאָמען פון דער שפּראַך, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט די אַלטע ישראלים. רש"י און דער רמב"ן, קאָמענטירנדיק אייניקע ערטער פון תּנך (בראשית מ"ה, כב, ישעיה יט, י"ח), האָבן זייער שפּראַך אָנגערופן לשון־כּנען. די באַצייכענונג לשון־עברי באַגע־געגען מיר ערשט אין דער משנה (גיטין ט"ח, ידים ה׳ד), אין מדרש (בראשית רבה מ"ב). דאַקעגן ווערט דאָס וואָרט „יהודית" דערמאָנט דריי מאָל אין תּנך (מלכים ב, י"ח, ישעיה ל"ו, נחמיה י"ג) און יעדעס מאָל ווי די שפּראַך פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, אין קעגנזאַץ צו דער, מיט וועלכער עס באַנוצט זיך דער פאַרמעגלעכער שיכט. דער אַנאָנימער אויטאָר פון מלכים־בוך האָט זיך אַנדערש נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז כּדי דאָס פשוטע פאָלק וואָס לעבט שוין איצט ביי דעם טייך ריין, זאָל אויך פאַרשטיין, באַדאַרף אַפילו דער אַלטער פאָלקן־פירער פון אשור ריידן „בישיידלעך יודיש מיט העלער שטים".

חוץ די דערמאָנטע נעמען, האָט מען זיך אויך באַנוצט מיטן נאָמען „טייטש", מערסטנס „יידיש־טייטש". און אַזוי ווי אין משך פון דורות איז די יידישע פרוי געווען אַ געטרייע קענערין פון דעם בוך אין יידיש, האָט מען נישט נאָר די שפּראַך, נאָר אַפילו די ספּעציעלע שריפט, אין וועלכן די יידישע ביכער פלעגן געדרוקט ווערן, אָנגערופן „ווייבערטייטש־שריפט".

דער ערשטער וואָס האָט די יידישע שפּראַך אָנגערופן פשוט, היימיש און צערטלעך מאַמע־לשון, איז געווען אַן איינפאַכער מענטש פון פאָלק, אָדער ווי ער אַליין רופט זיך, אַ „לאַנטץ־מאַן" פון דעם דרום־דייטשן יישוב הערגערס־הויזן, אַהרון בן־שמואל.

מעגלעך אַז דאָס פאָלק האָט לאַנג שוין זיך באַנוצט מיט דעם אויסדרוק. אַהרון פון הערגערסהויזן איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט זיין פּאָעטישן חן און טיפן מיין. ביז אים האָט קיינער דעם אויסדרוק אויפן פּאַפּיר נישט אַרויפגעבראַכט. זיין ביאָגראַפיע איז אונדז אומבאַקאַנט. פון דעם פאָרוואָרט צו זיין אייגנאַרטיק ביכעלע ליבליכע תּפילה אודר גרעפטיגה ארטצי־נייא פאר גוף און נשמה (פירט 1709) איז צו זען, אַז ער איז זייער פרי געבליבן אַ יתום און האָט זיין גאַנץ לעבן געליטן „פון דלות, צרות און ווידערווערדיקייט". אַ שטיקל טרייסט אין זיין שווער לעבן האָט ער געפונען נאָר אין די „ליבליכה ספרים אין דער מוטער־לשון".

דער נאָמען פון זיין אייגענעם ספר גיט נישט געבוי איבער זיין אמתן טאָן און כאַראַקטער. נישט קיין תפילות אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט האָבן מיר דאָ, נאָר פאַרביטערטע מאָנאָלאָגן „פון איין לאַנטץ־מאָן דער קיין למדן איז", פון "איין משרת", אָדער „פון איין אָרעם פילצל" (מיידל), פאַר וועלכע אַהרון פון הערגערסהויזן האָט געוואָלט ברענגען „אַ גרעפּטיגה אַרטצנייא פאַר גוף און נשמה".

ליבה ברורה
ליבליכה תפילה
אודר גרעפטגה
ארטצנייא
פאר גוף . אן . נשמה

ליבליכה תפילה, פירט(?) תסח (1709)

## אין פראָפיל פון צײַטן

אויפן שער־בלאַט פון זײַן ספר האָט ער געשריבן:

ליבע ברידר
קופט דיזה
ליבליכה תפילה
אודר גרעפטיגה
ארטצנייא
פאר גוף און נשמה

דיא ניט אין זאַלכס טײַטשן דרוקן גיוועזן איז וויל דיא וועלט שטייט און לאַזט אײַער ווײַב און קינדר פלײַסיק דארינען לייאנן; זאָ ווערדן איר גוף און נשמה רעכט ערקוויקן; דען דיזש ליכט ווערט לײַכטן אין אײַערם הערצן; זאָ בלט אלז דיא קינדר איבר לייאנן ווערן זאָ ווערן גלײַך אָך ור שטין אירה תפילות דאָ; ווערן זיא גניסן עולם־הזה און עולם־הבא וכן יהי רצון.

פון אַ ריין ליטעראַריש־עסטעטישן שטאַנדפּונקט איז אפשר אַהרון פון הער־געדסהויזנס „גרעפטיגה ארטצנייא" נישט אָנגעשריבן מיט אַ שטאַרקער קינסט־לערישער קראַפט. מיר זענען אָבער מוחל דעם אויטאָר זײַנע קינסטלערישע אומ־באַהאָלפנקייטן און באַוווּנדערן דעם טיף עטישן געפיל און די גרויסע מיסיע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און געמלעך: העלפן דעם מענטשן, „דעם שוואַכן משרת און אָרעמען פּילצל", אין זײַן „מוטער־לשון".

אַהרון פון הערגערסהויזן טרעט אַרויס פאַר אַ ראַדיקאַלער רעפאָרעם אין דער דערציִונג פון יונגן דור. דעם קינדס האַרץ, דערקלערט ער אין דער הקדמה צו זײַן ספר, איז ווי אַ ניי, נאָך נישט באַשריבן בוך. אויב מען וועט אין אים אַרײַנ־שרײַבן גוטע און קלוגע זאַכן, אין אַ קלאָרער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך, וועט פון אים אַרויסוואַקסן אַ גוטער און קלוגער מענטש. „דרום — מאַכט ער אַן אויספיר, — זאָל מען מיט דעם קינד לערנען אין דעם מוטער־לשון".

און כדי אויפצוהייבן דאָס חשיבות פון מוטער־לשון, האָט ער זײַן בוך אָפּ־געדרוקט אין דעם שריפט, מיט וועלכן מען פלעגט דרוקן נאָר העברעיִשע ספרים. זײַן בוך, אַגב, איז געווען דאָס ערשטע אין יידיש, וואָס איז געדרוקט נישט אין דעם ווײַבערטײַטש־שריפט, נאָר אין דעם קוואַדראַטשריפט.

אַהרון בן־שמואל פון הערגערסהויזן האָט געהאָפט מיט זײַן בוך נוצן און „גרויס שלום צו ברענגען". זײַנע מחשבות און דרײַסטקייט צו דרוקן זײַן בוך אין „כתב אשור", אין דעם שריפט וואָס מען האָט אין יענער צײַט דערלויבט דרוקן נאָר העברעיִשע ספרים, האָט אָבער אַרויסגערופן אַ שטאַרקן גרימצאָרן בײַ די „תקיפים" און „למדנים". מען האָט אים, און זײַן בוך, אַרײַנגעלייגט אין חרם. זײַן נאָמען וואָלט מסתמא אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, ווען מען וואָלט צופעליק, אין 1830, נישט געפונען זײַן בוך באַהאַלטן אויף אַ בוידעם פון אַן אַלטער שול אין הערגערסהויזן.

# דער „יִדיש־טײַטשען רייד־ און שרײַב־אַרט"

## 1

איינצײַטיק מיטן אינטערעס צו העברעיִש איז בײַ אַ טייל אייראָפּעיִשע געלערנטע אויפגעקומען אויך דער אינטערעס צו יִדיש. דאָס ערשטע ווערק פון אַ נישט־יִדישן געלערנטן וועגן העברעיִש איז געווען יאָהאַן רײַכלינס „רודימענטאַ העבראַיִקאַ", דערשינען אין 1506. די ערשטע צו אונדז דערגאַנגענע געדרוקטע „אַנווײַזונגען ווי צו לייענען און שרײַבן יִדיש־טײַטש" זענען דערשינען אין 1514. געשאַפן האָט זיי י. רײַכלינס אַ נאָענטער פרײַנד און מיטאַרבעטער — יאָהאַן בעשענשטיין (1472—1532).

אַזוי אַרום האָט די יִדיש־פאָרשונג שוין הײַנט צו טאָג הינטער זיך אַ געשיכטע פון איבער פיר הונדערט פופציק יאָר. פאַר דער צײַט זענען געשאַפן געוואָרן אַ סך באַדײַטנדיקע ווערק. אין אויסבילדן די וויסנשאַפט וועגן דער יִדישער שפּראַך און ליטעראַטור האָבן אַנטייל גענומען אַנגעזעענע הומאַניסטן.

איינער פון די גרעסטע אייראָפּעיִשע געלערנטע העברעיִסטן יאָהאַן בוקסטאָרף (1564—1629) איז אויך דער אויטאָר פון דער ערשטער גרינטלעכער אַרבעט וועגן יִדיש. אין זײַן פונדאַמענטאַל לאַטײַניש ווערק „גראַמאַטישער אוצר פון דער הייליקער העברעיִשער שפּראַך" (באַזעל 1609) איז פאַראַן אַ ספּעציעלע בײַלאַגע אונטערן נאָמען „לעקציעס צום באַנוצן און פּראַקטיצירן העברעיִש־טײַטש". עס ווערן אין זיי באַהאַנדלט פּראַגעס פון יִדישער פאָנעטיק, אויסלייג און וואָרטבילדונג. פאַראַן דאָרט אויך אַ ספּעציעלע ביבליאָגראַפיע פון צוואַנציק ביכער און אַ קורצע כרעסטאָמאַטיע פון דער אַלטער יִדישער ליטעראַטור.

י. בוקסטאָרפס אַרבעט איז זייער אַ וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט וועגן דער געשיכטע פון יִדיש. שוין ביז צו דעם אויפקום פון דער קלאַסיק ווערן אָנגעמערקט דרײַ באַדײַטנדיקע פּעריאָדן אין דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דער יִדישער שפּראַך: אַלטיִדיש (צײַט זײַן יִחוס פון די סאַמע אָנהייבן ביזן יאָר 1500), אין וועלכן די פרעמדע מקורים זענען נאָך נישט ענדגילטיק אַסימילירט געוואָרן. מע האָט דעמאָלט געפּראַוועט נאָך אויפן דײַטשישן אופן די „ברייליפט" און נישט אויפן העברעיִשן אַ „חתונה"; מיטל־יִדיש (1500—

1700), פאַר וועלכן עס איז כאַראַקטעריסטיש דאָס באַנוצן זיך מיט מער העב־רעיִזמען און אין וועלכן דער סלאַווישער עלעמענט האָט אָנגעהויבן וועגן זיך דערמאָנען אין העבריש ; בײַ יידיש (XVIII — אָנהייב XIX י״ה), ווען די שפּראַך האָט זיך ענדגילטיק אויסגעפאָרמירט און באַקומען איר בולטע דיאַלעקטישע פונאַנדערטיילונג. י. בוקסטאָרף האָט אין זײַן ארבעט פאַרפיקסירט אייניקע אייגנטימלעכע שטריכן פון דעם מיטל־יידיש. אויב פאַרגלײַכן זײַנע גראַמאַטישע כּללים מיט די, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז אים, קאָן מען זען די אַנטוויק־לונג וואָס יידיש האָט פאַר דער צײַט דורכגעמאַכט. אין אַלטיידיש, אַ שטייגער, באַגעגענען מיר קאַפּאַ און נישט קאָפּ, ווײַבאַ (ווײַב), קינדאַ (קינד), שפּײַזאַ (שפּײַז) אד״גל. אין מיטל־יידיש איז דער אַלף בײַם סוף וואָרט שוין נישט פאַראַן. י. בוקסטאָרף פאַרצייכנט אים נאָר נאָך אַ וואָקאַל (דיאַ זייאַ).

די גראַמאַטיקער פון XVI י״ה (פּאַול פאַגיוס און דער אויטאָר פון די כּללים „וויא מען טײַטש לייענען און שרײַבן זאָל״ — ספר מדות, 1543) ווײַזן אָן, אַז ווען דער אַלף שטייט בײַם סוף וואָרט, „זאַ טוט עז ניקש דען עש מאַכט דער גישריפט אַ צירונג״. דאָס איז אָבער נישט נאָר געווען אײנפאַך אַ צירונג, עס איז גיכער אַן עדות וועגן השפּעות פון די די שכנותדיקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, און קודם־כּל פון דײַטש און פראַנצייזיש.

שוין אליהו בחור (1469—1549) האָט אין זײַן בוך תּשבי אָנגעוויזן, אַז אין יידיש זענען פאַראַן אַ סך פראַנצייזישע ווערטער, וואָס אייניקע האַלטן, אַז זיי שטאַמען פון העברעיִש.

וועגן דעם אַז „וויכטיק און בולט איז די פראַנצייזישע פאַרב פון דער יידיש־טײַטשער קאָנסטרוקציע״, האָט אין דער מאָדערנער צײַט אויך אָנגעוויזן י. מ. יאָסט (1793—1860) אין זײַן אַרטיקל : „יידיש־טײַטש״ (אין דער גרובער־ענצי־קלאָפּעדיע פאַר וויסנשאַפט און קונסט, 1859).

יאָהאַן בוקסטאָרף, ווען ער באַהאַנדלט די פאָרמען פון דער יידישער רייד־שפּראַך, באַמערקט ער שוין אויך, אַז דער יידישער וואָרט־אוצר באַשטייט, חוץ פון אייגענער וואָרטשאַפונג, העברעיִשע, דײַטשישע מאָרפעמעס און ווערטער, אויך פון קענטיקע ראָמאַנישע וואָרצלען (בענטשן, דאַוונען, לייענען א״א). י. בוקסטאָרף איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעטײַט אויף דעם שוין דעמאָלט אַרײַנדרינגענדיקן סלאַווישן עלעמענט אין דער יידישער שפּראַך. ער האָט אויפגעכאַפּט אַפילו דעם „ענק״, אַנשטאָט „איַיך״ אין פוילישן יידיש.

דער גרויסער באַטײַט פון י. בוקסטאָרפס פילאָלאָגישע אויספירן באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט זיי געבויט נישט בלויז לויט דער ליטעראַרישער בוך־שפּראַך, נאָר אויך אויפן סמך פונעם לעבעדיקן פאָלקס־לשון, אָדער, ווי ער דריקט זיך אַליין אויס, — „איך האָב באַאָבאַכטעט זייער ריידן״. און אַן אָבסערוואַטאָר איז ער געווען זייער אַ גוטער. וועגן דעם זאָגן עדות די פײַנע שפּראַכלעכע אייגנ־

טימלעכקייטן, וואָס ער האָט פאַרפיקסירט. עס איז אויך אינטערעסאַנט דער פאָלגנדיקער אויספיר, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט, סוף XVI — אָנהייב XVII י״ה געמאַכט: „דאָס דײַטשע לשון, — שרײַבט ער, — איז בײַ זיי קיין מאָל נישט ריין, זייער אָפט מישן זיי אַרײַן העברעיִשע ווערטער, סײַ אין שרײַבן, סײַ אין ריידן און אָט אַזוי לערנען זיי ריידן זייערע קינדער״. ער באַמערקט דערבײַ: זיי „האַלטן זיך אַזוי פעסט בײַ דער העברעיִשער ווענדונג, אַז זיי פאַרטונקלען די דײַטשע ווענדונג״...

אין אַן אַנדער אָרט שרײַבט ער, אַז „זיי פאַרדאַרבן העברעיִשע צײַטווערטער״ און בייגן זיי אויפן דײַטשישן שטייגער (געגנבעט, באַגנבעט אד״גל).

מיט דעם „פאַרטונקלען דײַטשע ווענדונגען״ און „פאַרדאַרבן העברעיִשע צײַטווערטער״ הייבט זיך אָן דער אײַגנאַרטיקער שאַפערישער וועג פון ייִדיש צו זײַן אייגענער, זעלבשטענדיקער שפּראַכלעכער עקסיסטענץ. און יאָהאַן בוקס־טאָרף איז אַן אויטאָריטעטער גבית־עדות וועגן די ווײַטע היסטאָרישע אָנהייבן פון אָט דעם פּראָצעס.

אינעם אַרײַנפיר צו זײַן אַרבעט שטרײַכט י. בוקסטאָרף אונטער די נוצן וואָס ייִדיש קאָן ברענגען, באַזונדערס בײַם דערלערנען די העברעיִשע שפּראַך. ער דערמאָנט אויך וועגן דער באַזונדערער שריפט פון די אין ייִדיש געדרוקטע ביכער.

ווי באַוווּסט, זענען חוץ אין דעם פּירקאַנטיקן שריפט, אָדער „כתב אשור״, ווי מע פלעגט אים אַ מאָל רופן, געדרוקט געוואָרן ייִדישע ביכער אויך אין פאַר־שיידענע אַנדערע שריפטן. אין רש״י־כתב, מעשיט־ אָדער מאַשקעט־כתב, וועלש־כתב א״אַ. אין אייניקע קוואַלן ווערן אויך אָנגעוויזן אויף „מועלאַק־כתב, כתב צרפתי״, „כתב ספרדי״ — שריפטן וואָס זענען ביז הײַנט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. שוין אָפּגערעדט פון דעם גאָר אוראַלטן העברעיִשן כתב (כתב עברי).

דער שריפט אין וועלכן מע פלעגט דרוקן די ייִדישע ביכער, האָט מען אויך גערופן „ווייבערטײַטש־שריפט״, ווײַל אין אים זענען מערסטן טייל געדרוקט געוואָרן ביכער פאַר „ווײַבער און מיידן״, פאַר „בעלי־בתים און בחורים אליביידן״. ביזן XIX י״ה האָט מען ייִדישע ביכער אין דעם פּירקאַנטיקן שריפט נישט געדרוקט. און ווען אין דעם דרום־דײַטשישן שטעטעלע הערגערסהויזען האָט זיך געפונען אַ געוויסער אהרן בן שמואל, וואָס האָט אין 1709 געוואַגט אָפּצודרוקן זײַנע „ליבליכה תפילה אודר גרעפטיקה ארטצנייא פאַר גוף און נשמה״ אין דעם קוואַדראַטן שריפט, האָט מען אויף אים אַרויפגעלייגט אַ חרם.

י. בוקסטאָרף באַהאַנדלט נישט די פּראָבלעם פון דעם ייִדישן שריפט. ער קאָנסטאַטירט בלויז דעם פאַקט, אַז די ביכער אין דער ייִדישער שפּראַך זענען נישט געדרוקט אין דעם „ביבל־שריפט״ און זענען פאַר נישט־ייִדן שווער צו לייענען. „אין די ביכער אָבער, — גיט ער צו, — זענען פאַראַן אַ סך סודות,

וואָס קאָנען וואַרפן אַ העלע שײַן אויף דער יידישער געשיכטע". דערפאַר, ראָט ער, לוינט זיך אויך אויסצולערנען די שפּראַך און דעם שריפט.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז י. בוקסטאָרף פאַרצייכנט אויך די ביכער מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט. דאָס איז בכלל די ערשטע רשימה פון יידישע געדרוקטע ביכער, און פון איר הייבט זיך אין תּוך אָן די געשיכטע פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע.

אין דער רשימה זענען אײַנגעשלאָסן פּראָזאַישע און פּאַראַפראַזיסטישע איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער, רעליגיעזע ביכער און מוסר־ליטעראַטור, ווערטערביכער, שיינע ליטעראַטור, פאָלקלאָריסטישע און עטנאָגראַפישע ווערק. י. בוקסטאָרף האָט פאַרצייכנט יידישע אָריגינעלע ווערק אָדער איבערזעצונגען פון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

עס איז מערקווערדיק וואָס אין זײַן רשימה איז נישט פאַראַן קיין איין איבערזעצונג פון דער אייראָפעיִשער, אָדער קאָנקרעט דײַטשישער ליטעראַטור, הגם אַזעלכע איבערזעצונגען זענען אין יענער צײַט זייער פאַרשפּרייט געווען אין דער יידישער סביבה (אַרטוס־ראָמאַן, דיטריך פון בערן, מײַסטער הילדעבראַנט, בבא־בוך א"א). י. בוקסטאָרפס קנאַפּע ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג שפּיגלט אין אַ געוויסער מאָס אָפּ די פאַרשיידענע ריכטונגען און זשאַנערס פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור.

2

יאָהאַן קריסטאָף וואַגענזײַל (1633—1705), איינער פון די באַדײַטנדיקסטע און אויטאָריטעטע געלערנטע פון XVII י"ה, איז געווען פאַר דער נישט־יידישער וועלט דער קאָלאָמבוס פון דער יידישער ליטעראַטור. ביז אים האָבן אָנגעזעענע אייראָפעיִשע פאָרשערס, ווי יאָהאַן בעשענשטיין און פּאַול פאַגיוס, סעבאַסטיאַן מינסטער און יאָהאַן בוקסטאָרף, דער עיקר זיך באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער פילאָלאָגיע. י. וואַגענזײַל איז געווען דער ערשטער וועלט־געלערנטער, וואָס האָט גרינטלעך געפאָרשט אויך דעם יידישן פאָלקלאָר און די יידישע ליטעראַטור. ס'איז מערקווערדיק, ווי אַזוי י. וואַגענזײַל האָט מיט קרוב דרײַ הונדערט יאָר צוריק אָפּגעשאַצט דעם באַטײַט פון דער יידישער ליטעראַטור:

„...אין דעם דאָזיקן דיאַלעקט, — האָט ער געשריבן, — זענען געדרוקט פיל געשיכטע־ביכער, וואָס באַשטייען סײַ פון וואָרע, סײַ פון אויסגעדיכטעטע דערציילונגען; זיי פאַרמאָגן אין זיך, באַזונדערס די לעצטע, אַ מערקווערדיקן חן. די יידן זענען אין אַלע צײַטן געווען מײַסטערס... אין לעגענדעס, אַלעגאָריעס, רעטענישן און באַלערנדיקע משלים. דאָס איז צו זען נישט נאָר פון דער גמרא, נאָר שוין אין דעם תּנך גופא. עס איז נישטאָ קיין בעסער מיטל אָפּצוטרײַבן די זאָרגן,

שווערע געדאַנקען און טרויעריקייטן, ווי מיט די ייִדיש־טײַטשע ביכער: זיי גייען אײַן אַזוי גוט, אַז מע קאָן זיי אַזוי גרינג נישט פֿאַרגעסן״...

י. וואַגענזײַל האָט געשאַפֿן אַ סך ווערק וועגן געשיכטע און רעכט, פֿילאָ־לאָגיע און פֿאָלקלאָר. כּמעט אין אַלע זײַנע ווערק ברענגט ער בײַשפּילן און אַנאַ־לאָגיעס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין זײַן גרויסן בוך וועגן די מיזרחדיקע שפּראַכן ״Sota״ (1674) באַהאַנדלט ער אויך אייניקע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; ער גיט דאָרטן זייער אַ גינסטיקע אָפּשאַצונג דער ערשטער שריפֿט־שטעלערין אין דער ייִדישער שפּראַך, רבקה טיקטינער (געשטאָרבן אַרום 1550), און ברענגט אויסצוגן פֿון איר בוך מינקת רבקה, כאָטש צו די פּראָבלעמען וואָס ווערן אין דעם בוך באַהאַנדלט האָט עס נישט קיין שײַכות.

באַרימט איז זײַן בוך: **בעלערונג דער ייִדיש־טײַטשען רייד־ און שרײַב־אַרט**... (קעניגסבערג, 1699). חוץ אַ „באַריכט, ווי דאָס ייִדיש־טײַטש צו לעזן״, ברענגט דאָרט י. וואַגענזײַל זייער אַ רײַכן אויסוואַל פֿון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. דער גרעסטער טייל ווערק, וואָס זענען אײַנגעשלאָסן אין דער אַנטאָלאָגיע, זענען פּאַראַלעל מיט דעם ייִדישן טעקסט אויך אָפּגעדרוקט אין אַ לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע.

די אַנטאָלאָגיע עפֿנט זיך מיט אייניקע מוסטערן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק־לאָר. „איך מאַך, — שרײַבט וואַגענזײַל, — דעם אָנהייב מיט דרײַ לידער, וואָס ייִדישע מענער און פֿרויען זינגען מיט גרויס געשריי, בעת זיי לאָזן זיך ווילגיין און ווען זיי זענען זיך משׂמח. דער עיקר געשעט עס אין דעם יום־טוב פּסח״...

די ייִדישע וואַריאַנטן פֿון די לידער „אחד מי יודע״ און „חד־גדיא״, וועלכע עס ברענגט דאָרט י. וואַגענזײַל, זענען באַזונדערס אינטערעסאַנט. ענלעכע לידער אויף אַזעלכע מאָטיוון זענען געווען פֿאַרשפּרייט אין דעם פֿאָלקלאָר פֿון אַלע אייראָפּעיִשע פֿעלקער. ביז הײַנט איז די פֿאַרגלײַכנדיקע ליטעראַטור־פֿאָרשונג נישט אין שטאַנד פֿעסטצושטעלן, ווו עס זענען אַזעלכע לידער צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען. לויט לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886) איז דאָס העברעיִשע ליד „אחד מי יודע״ אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּסחדיקער הגדה ערשט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון XVI י״ה. י. וואַגענזײַל האָט פּאַראַלעל מיט דעם ייִדישן וואַ־ריאַנט פֿון „אחד מי יודע״ („איינש דאָש וויש איך״) אָפּגעדרוקט אין דער לאַ־טײַנישער שפּראַך אַן ענלעכן טרינקליד, וואָס עס פֿלעגן זינגען מאַנאַכן. מיגלעך אַז ער האָט מיט דעם געוואָלט אָנטײַטן אויף דעם אורקוואַל פֿון אָט דעם מאָטיוו. אויך וועגן דעם צווייטן ליד „איין ציקליין, איין ציקליין״ (חד־גדיא — איין ציגעלע) זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע השערות: אויב דער דײַטשישער פֿאָלקלאָריסט ג. ראַכהאָלץ באַשטעטיקט, אַז די זייער פֿאַרשפּרייטע חד־גדיא־מאָטיוון אין דעם דײַטשישן פֿאָלקלאָר זענען אויפֿגעקומען אונטער דער ווירקונג פֿון דעם ייִדיש־אַראַמעיִשן אָריגינאַל, האַלט דער באַדײַטנדיקער ייִדישער גע־

לערנטער אַלפרעד לאַנדוי (1850—1936), אַז די יידישע וואַריאַנטן זענען אַ פּראָדוקט פון דייטשישע איינפלוסן. אין דער ערשטער געדרוקטער אויסגאַבע פון דער פסח־אַגדה (פּראָג 1526) זענען די לידער „חד־גדיא" און „אחד מי יודע" נישט פאַראַן. אין דער פּראַגער אויסגאַבע פון 1590 איז „חד־גדיא" אָפּגעדרוקט אין אַראַמעיִש און יידיש־טייטש.

נאָך די פאָלקלאָריסטישע מוסטערן ברענגט י. וואַגענזייל צווייגאַנצע קינסט־לערישע ווערק: די היסטאָרישע פּאָעמע פון אלחנן העלן מגילת ווינץ (ערשטע אויסגאַבע, 1616) און אַ יידישן וואַריאַנט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרטוס־ראָמאַן.

אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג איז לאַנג שוין אָנגענומען, אַז דער יידישער וואַריאַנט „איין שיין מעשה פון קיניג אַרטוש הויף" איז אַנטשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דעם דייטשישן וואַריאַנט „וויגאַלאָ", וואָס עס האָט געשאַפן ווירנט פאָן גראַווענבערג אין אָנהייב XIII י"ה.

ביי דער געלעגנהייט איז אפשר אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען דעם פאָלגנ־דיקן פאַקט: בעת מע האָט אין 1780 אָפּגעדרוקט אין דאַנציג די גרויסע זאַמ־לונג „ערציילונגען אויס דעם העלדנאַלטער טויטשער נאַציאָנען" האָט מען אין איר איינגעשלאָסן נישט גראַווענבערגס „וויגאַלאָ", נאָר דעם יידישן וואַריאַנט, וואָס י. וואַגענזייל האָט אין אַ לאַטייַנישער טראַנסקריפּציע אָפּגעדרוקט אין זיין בעלערונג...

זיין אַנטאָלאָגיע פאַרענדיקט י. וואַגענזייל מיט אַ קאַפּיטל פון דעם מוסר־בוך לב טוב (1620) און מיט זיבן נאָוועלן פון דעם באַרימטן מעשה־בוך.

י. וואַגענזייל איז נישט דער ערשטער פון די נישט־יידישע געלערנטע, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם מעשה־בוך. נאָך אין יאָר 1612 איז דאָס בוך דערשינען אין אַ דייטשישער איבערזעצונג פון ב. העלוויג, פּראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט אין העסען.

„דאָס מעשה־בוך, — האָט געשריבן מאַקס עריק, — איז מער ווי אַ ווערק; ס'איז אַ גאַנצע ליטעראַרישע שול, און ביזן סוף XVII י"ה איז דאָס מעשה־בוך דער שפּיגלער פון דער יידישער בעלעטריסטיק, פון וועלכן עס שעפּן סיי דאָס געדרוקטע פאָלקסביכל, סיי די מינדלעכע פאָלקסשאַפונג".

דאָס מעשה־בוך איז אויך אַ וויכטיקער קוואַל פאַר דער קאָמפּאַראַטיווער פאָרשונג פון דעם אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר. שוין דער קליינער ציקל נאָוועלן, וואָס י. וואַגענזייל האָט אָפּגעקליבן (אין דעם מעשה־בוך זענען פאַראַן איבער צוויי הונדערט פופציק מעשיות און דערציילונגען), האָט אַרויסגערופן גרויס אינטע־רעס, מע האָט די נאָוועלן אַ סך מאָל איבערגעדרוקט. בכלל האָט י. וואַגענזיילס ווערק אויסגעפּילט אַ וויכטיקע היסטאָרישע מיסיע. אין משך פון אייניקע יאָר־

הונדערטער איז עס געווען דער איינציקער קוואַל פֿאַר נישט־ייִדישע פֿאָרשערס, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אין דער לעצטער אויפֿלאַגע פֿון דער באַקאַנטער בראָקהויז־ענציקלאָפּעדיע (1962) ווערט, צווישן אַנדערן, אָנגעוויזן, אַז פֿון דער גרויסער צאָל ביכער, וואָס י. וואַגענזײַל האָט געשאַפֿן, האָבן ביז הײַנט צו טאָג אַ דויערנדיקן ווערט זײַן בוך וועגן דער קונסט פֿון די מײַסטער־זינגערס (1697) און די **בעלערונג דער ייִדיש־טײַטשען רייד־ און שרײַב־אַרט**, אין וועלכן י. וואַגענזײַל דערשײַנט ווי דער אַנטדעקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

## 3

פֿאַרשיידן זענען געווען די וועגן וואָס האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן געפֿירט אַנגעזעענע אייראָפּעיִשע שרײַבערס און געלערנטע צו פֿאָרשן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור. אייניקע האָבן זיך דערמיט אינטערעסירט פֿון אַ ריין וויסנשאַפֿט־לעך־פֿילאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אַנדערע פֿון נײַגער נענטער צו באַקענען זיך מיט דעם רעאַלן ייִדישן לעבן. דאָס באַשעפֿטיקן זיך מיט ייִדיש איז אויך אָפֿט מאָל פֿאַרבונדן געווען מיט דעם אינטערעס צו העברעיִש.

מיט ייִדיש האָבן זיך אינטערעסירט נישט נאָר שרײַבערס און געלערנטע. עברי־טײַטש איז, למשל, אויך אַרײַנגעדרונגען אין דער שפּראַך פֿון די אונטער־שטע און דעקלאַסירטע שיכטן פֿון דײַטשישן פֿאָלק.

אין סעבאַסטיאַן בראַנטס **נאַרן־שיף** (1494) איז דאָס דרײַ־און־זעכציקסטע קאַפּיטל ספּעציעל געווידמעט די בעטלערס. אָן דער הילף פֿון ייִדיש און העברעיִש איז נישט מעגלעך צו פֿאַרשטיין די גאַנצע לעקסיק פֿון אָט דעם קאַפּיטל.

אין דער **נאַרן־שיף**, אין פֿאַרשיידענע פּיקאַרעסקאָ־נאָוועלעס, זענען פֿאַראַן אַ סך כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס מיר געפֿינען אויך אין די אַלטע דערציילונ־גען און לידער וועגן די ייִדישע אורחי־פּורחי־לײַט.

נישט קיין אַנדערער ווי מאַרטין לוטער האָט געשריבן, אַז די „ראָטוועלש־שפּראַך שטאַמט פֿון די ייִדן". אין XIX י"ה, ווען די דײַטשישע געלערנטע פֿריד־ריך אווע־לאַלעמאַן האָט זיך פֿאַרמאָסטן היסטאָריש אויסצופֿאָרשן „דאָס דויטשע גאַונערטום" (1858—1862), איז ער צוגעטראָטן צו זײַן אַרבעט אונטערן אײַנ־פֿלוס פֿון אָט דער טעאָריע.

זײַן פֿילאָלאָגישער טאַלאַנט און גרויסע ערודיציע האָבן אים געהאָלפֿן אױ־בערשפּרײַזן די באַגרענעצטע ראַמען פֿון דער טעאָריע. „דער שטאָף, — שרײַבט ער, — איז אונטער די הענט אַזוי ריזן גרויס זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן, אַז עס איז אוממעגלעך געוואָרן אים באַהאַנדלען לויט די פֿריִער אָנגעמערקטע כּוונות". מיט דעם פֿאַרנעם און באַטײַט פֿון זײַנע אויספֿאָרשונגען איז ער געווען, לויט בער באָראָכאָוון, דער גרעסטער פֿאָרשער אויפֿן געביט פֿון ייִדיש־טײַטשער פֿילאָלאָגיע.

אין זײַנע צוויי ביכער איז פֿאַראַן נישט נאָר אַן אויספּירלעכע און גרינטלעכע גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ער באַשרײַבט אויך די אַנטוויקלונגס־פּאַזעס פֿון דער ליטעראַטור און גיט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן די גראַמאַטישע און לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק, אָנהייבנדיק פֿון XVI י״ה. בײַם פֿאַרשן די פֿאַר־שיידענע אַספּעקטן פֿון ייִדיש מאַכט אַווע־לאַלעמאַן דורך ווײַטע קולטור־היס־טאָרישע עקסקורסיעס און ברענגט דערבײַ אייגנאַרטיקע, אָפֿט מאָל זייער ריזיקאַלי־שע אַנאַלאָגיעס. אינטערעסאַנט איז זײַן פּאָלעמיק מיט לעאָפּאָלד צונץ. ער שאַצט גינסטיק אָפּ דעם קוואַליפֿיצירטן אַנאַליז פֿון די לעקסישע עלעמענטן אין ייִדיש וואָס ל. צונץ מאַכט אין זײַן בוך די גאָטעסדינסטלעכע פֿאָרטרעגע דער יודען (1832, ז' 438—442).

גלײַכצײַטיק טרעט ער אָבער אַרויס קעגן דעם אויספֿיר, אַז ערשט אין XVI י״ה, און נאָך שטאַרקער אין די צוויי ווײַטערדיקע יאָרהונדערטער האָט זיך דער דיאַלעקט בײַ די ייִדן אויסגעבילדעט צו אַן אייגענעם, אַזוי גערופֿענעם „ייִדיש־טײַטש״.

דעם אַנטשיידנדיקן באַווײַז פֿון דעם הויכן עלטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, — דערווידערט אַווע־לאַלעמאַן, — גיט דאָס גאַנצע שפּראַכגעבוי פֿון ייִדיש־דײַטש, באַזונדערס דער וואָקאַליזם און די דיפֿטאָנגען. דער ייִדישער וואָקאַליזם איז, לויט אים, אַ רעזולטאַט פֿון (באַנוצנדיק זיך מיט זײַן סטיל) אַן איבערראַשנ־דיקע פֿאַראייניקונג פֿון די דרײַ העברעיִשע הויפּט־וואָקאַלן אַ, י, ו מיט דער אַלט־הויכדײַטשישער פֿאָנעטיק. אין די קאַפּיטלען וועגן דעם ייִדישן וואָקאַליזם שטעלט ער זיך, צווישן אַנדערן, באַזונדערס אָפּ אויף דעם שטומען אַלף. די פֿי־לאָלאָגן, האַלט ער, האָבן נישט ריכטיק באַנומען דעם היסטאָרישן באַטײַט פֿון דער דערשײַנונג, מחמת זיי האָבן זיך באַנוצט נאָר מיט דער שפּראַך פֿון זייער צײַט, ווען דער אות האָט שוין פֿאַרלוירן זײַן קדמונישע פֿונקציע. אין דער אמתן שטעלט ער מיט זיך פֿאָר אַ רודימענט פֿון פֿאַרשווונדענע שפּורן פֿון אַלט־הויכ־דײַטשישע אײַנפֿלוסן, ווען דער שטומער אַלף האָט אויסגעפּילט אַן אוממיטלדיקע וואָקאַליזירנדיקע פֿונקציע.

אַווע־לאַלעמאַן הייבט אָן די געשיכטע פֿון ייִדיש מיט גאַנצע טויזנט יאָר פֿריער איידער ל. צונץ. אין אונטערשייד פֿון דער אָנגענומענער מיינונג בײַ ייִדי־שע און נישט־ייִדישע פֿאָרשערס, זוכט ער די שפּורן פֿון ייִדיש נישט בלויז אין מיטל־הויכדײַטש (1100—1500), נאָר אויך אין אַלט־הויכדײַטש (750—1100). „מיט אַ ווונדערלעכער איבערגעגעבנקייט און איבערראַשנדיקער פּינקטלעכקייט, — שרײַבט ער, — האָבן זיך אין ייִדיש פֿאַרהיט אַלט־הויכדײַטשישע און אַלט־נידער־דײַטשישע ווערטער, און דערמיט איז ייִדיש אויך פֿון אַ וויכטיקער באַדײַטונג פֿאַר דער גערמאַניסטיק״.

אַווע־לאַלעמאַן ווײַזט אויך אָן אויף אַ צווייטער, פֿאַרקערטער דערשײַנונג: „נישט קיין קליינע צאָל יידישע ווערטער, — שרײַבט ער, — האָבן זיך היימלעך געמאַכט אין דעם דײַטשישן שפּראַכבאָדן, און אָפֿט מאָל ווײַזט זיך אַפֿילו אויס, אַז זיי זענען פֿון דײַטשישע וואָרצלען אַרויסגעוואַקסן".

אַווע־לאַלעמאַן ברענגט אַ גרעסערן אויסוואַל פֿון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכן ער האָט אויך אײַנגעשלאָסן איבערזעצונגען פֿון די שילדבורגער זעלדזאַמע און קורצווײַליגע געשיכטן און איין וווּנדערבאַרע געשיכטע פֿון אוילן שפּיגל, וואָס איז געווען געדרוקט, ווי עס איז אָנגעוויזן אויפֿן שערבלאַט „אין דיזעם יאָר, ווען דאָס ביר טײַער וואַהר". עס איז אינטערעסאַנט אויך צו באַמערקן, אַז די אַנטאָלאָגיע איז געדרוקט מיט פֿאַרשיידענעם יידישן שריפֿט (קוואַדראַטשריפֿט, רש״י־ און מעשקעט־כּתב) און איז אויך פֿאַרזען מיט פֿילאָלאָגישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע באַמערקונגען.

פֿון אַ באַזונדערן ווערט איז דאָס ווערטערבוך, אין וועלכן עס זענען פֿאַראַן קרוב אַכט טויזנט העברעיִשע און אַראַמעיִשע ווערטער וואָס ווערן גענוצט אין ייִדיש.

אַווע־לאַלעמאַנס ווערק איז זייער גינסטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן מצד פֿאַרשיידענע יידישע געלערנטע. נחום שטיף האָט וועגן אים געשריבן, אַז: „ער איז אפֿשר דער לעצטער פֿון די מערקווערדיקע אַלטע דײַטשישע גריבלערס און יידיש־קענערס. ווי מע זאָל זיך נישט באַציִען צו זײַנע ריזיקאַלישע השערות, דער־הויפּט וועגן יידישן וואָקאַליזם, מוז מען דאָך מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ באַוווּנ־דערן, וויפֿל דער מאַן האָט געטאָן פֿאַר דער יידישער גראַמאַטיק, אויף וואָס פֿאַר אַ הייך פֿון פֿילאָלאָגישער פֿאָרשונג ער האָט זיך אויפֿגעהויבן".

פֿאַרשטייט זיך, אַז הײַנט צו טאָג זענען אַ סך פֿון אַווע־לאַלעמאַנס פֿאָראַלגע־מיינערונגען און אויספֿירן שוין פֿאַרעלטערט, אָבער דער רײַכער פֿאַקטישער מאַ־טעריאַל אין זײַנע צוויי ביכער וועגן יידיש, וועלכע באַשטייען פֿון איבער 800 זײַטן, האָט זײַן ווערט נישט פֿאַרלוירן.

4

יאָהאַן וואָלפֿגאַנג געטעס באַהאַווונטקייט אין דער העברעיִשער שפּראַך, אין דער ביבל, איז באַוווּסט. ער אַליין האָט וועגן דעם אויספֿירלעך דערציילט אין זײַן קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפֿיע דיכטונג און וואַרהייט. כּמעט אין גאַנצן אומ־באַקאַנט איז געטעס קענטעניש אין יידיש. ווייניק ווער עס ווייסט אַז ער האָט אַפֿילו אין דער יוגנט אָנגעשריבן אייניקע זאַכן אין אָט דער שפּראַך.

י. וו. געטע האָט זיך אויסגעלערנט יידיש נישט פֿון די ביכער, נאָר דער־עיקרשט פֿון זײַנע אוממיטלדיקע פֿאַרבינדונגען מיט יידן. אין דעם האָט אים אויך צוגעהאָלפֿן דער פֿראַנקפֿורטער דײַטשער דיאַלעקט וואָס האָט אין זיך פֿאַרהיט אַ

סך אידיאָמען פון מיטל־הויכדײַטש, וועלכער האָט צום מערסטן געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון דער ייִדישער שפּראַך.

גישט לײַכט האָט דער יונגער געטע געקאָנט בײַ זיך פּועלן אַריבערצושפּרײַזן די טויערן פון געטאָ. די שטרענגע לוטעראַנישע דערציִונג, גאָטפרידס כראָניק מיט די שוידערלעכע געשיכטעס וועגן דער גרויזאַמקייט פון די ייִדן האָט געלאָזט טיפע שפּורן אין זײַן פּסיכיק.

ערשט דער קאַנאָנען־עכאָ פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע איז אין שטאַנד געווען צו פאַרטויבן דעם טרומייטן־געשאַל וואָס האָט יעדן אָוונט דערמאָנט, אַז עס איז צײַט צו פאַרשליסן די טויערן פון געטאָ. נאָך אין 1767, ווען די ייִדן האָבן זיך געווענדט צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון פראַנקפורט מען זאָל דערלויבן די ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך צו שפּאַצירן אין די שכנותדיקע פּאַרקן, איז די שטאָט־פאַרוואַלטונג געווען אויסער זיך פון אָט דער חוצפּה. עס האָט געדאַרפט נאָך פיל וואַסערן דורכשווימען אין דעם טײַך מײַן, ביז וואַנען מע האָט עס דערלויבט. נישט קיין אַנדערע ווי געטעס מאַמע האָט דאַן געשריבן איר זון, דעם מיניסטער פון ווײַמאַר: „אונדזער פראַנקפורט האָט פאַרלוירן זײַן גלאַנץ, יעדער ייִד קאָן איצט זיצן אין שטאָטגאָרטן אויף אַ באַנק". זי האָט נישט געוווסט אָדער נישט גע־וואָלט וויסן, די מאַדאַם קאַטאַרינאַ עליזאַבעט, אַז דאָרטן האָבן שוין געשטיפּט לוד־וויג בערנע און היינריך הײַנע, וואָס וועלן אין אַ צײַט אַרום באַרימט מאַכן נישט נאָר פראַנקפורט, נאָר די גאַנצע דײַטשישע קולטור.

די ייִדישע יוגנט האָט זיך שטענדיק אַן עצה געגעבן, ווען מע האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון געטאָ. זי האָט זיך פאַרווײַלט אויפן ייִדישן בית־עולם; פון דאָרטן פלעגן די יונגע־לײַט אַריבערשפּרינגען די גריבער און זיך אַרויסכאַפּן אויף דעם פישערפעלד וואָס האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט, לענג־אויס דעם טײַך מײַן. דאָ, אויף דעם פישערפעלד, דערציילט געטע אין דיכטונג און וואָרהייט, פלעגט ער שבת זיך טרעפן מיט די חנעוודיקע ייִדישע מיידלעך, וועלכע האָבן גאָר נישט געהאַט דאַקעגן זיך צו באַגעגענען מיט „אַ קריסטלעכן בחור וואָס איז געווען צו זיי אויפ־מערקזאַם און פרײַנדלעך". די מעלאַנכאָלישע טענער און נישט איבעריק פריילעכע אַקצענטן אין זייער שפּראַך האָבן צוגעצויגן דעם יונגן געטע. פון זייערע לידער איז ער נישט איין מאָל געבליבן ליגן אַ פאַרגאַפטער אין דעם שאָטן לעבן דעם טהרה־שטיבל. דער ייִדישער בית־עולם איז בכלל אים געווען באַקאַנט. דורך דעם פענצטער פון זײַן „גאָרטן־צימער" אויפן צווייטן שטאָק פלעגט ער אָפט מאָל באַ־וווּנדערן ווי די זון ווערט אונטער די מצבות פאַרזונקען. דער שטענדיקער אָקסן־געוווי וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן אַרום בית־עולם, האָט אים געשטערט גוט אײַנ־צוהערן זיך אין די מיידלשע ניגונים. האָבן זיי אים פאַרבעטן אין טאַנצהויז בײַ זיי אין גאַס. די פאַרשיידנפאַרביקע צייכענונגען אויף די טירן פון די הײַזער האָבן דער גאַס צוגעגעבן אַ באַזונדערע עקזאָטישקייט. אויף איין טיר, למשל, איז געווען אָנגע־

מאַלט אַ שיף, וואָס ווערט געוואָרפן פון שטורמישע כוואַליעס. געוווינט האָט דאָרט דער סוחר אורי פייבוש שיף, וואָס האָט געבראַכט זיינע סחורות פון יענער זייט ים. ווען אַ הויז מיט אַ רויטער שילד און ווען אַ הויז וואָס אויף זיין טיר איז געווען אויסגעמאָלט אַ בעט, האָט געטע אַ סך געהערט. אין פראַנקפורט האָט מען דערציילט פאַרשיידענע וויצן וועגן מאיר־אַנשל ראָטשילד און איטשע־מאיר בעטמאַן, וועלכע פלעגן זיך אַמפּערן איבער אַ קונה.

בייגעקומען די ערשטע שטערונגען, פלעגט דער יונגער געטע שוין זיין אַן אָפּטער גאַסט אין געטאָ. בעת איינעם אַ באַזוך האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ מוראדיקע שרפה. מיט געטעס אַנטייל איז דאָס פייער אויסגעלאָשן געוואָרן. דער פאַל האָט אים פאַרשאַפט אַ סך צוטרוי ביי די מענטשן פון געטאָ און זיי פלעגן אים פאַרבעטן אויף זייערע שימחות און יום־טובים. באַזונדערס האָט ביי אים אויסגענומען דער יום־טוב פורים, וואָס פלעגט געפייערט ווערן מיט אַ באַזונדערן פּאַראַד.

„...אונדזערע פראַנקפורטער יידן פראַוווען דעם פורים און האָמאַן־פעסט אויף זייער אַ לוסטיקן אופן; זיי רעשן, עסן, טרינקען און מאַכן זיך פריילעך דורך פאַרשיידענע פאַרווײַלונגען... זיי האָבן איינגעאָרדנט אין זייער קוואַרטאַל אַ טעאַטער... אויך קריסטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די פאַרשטעלונגען און זענען געגאַנגען קוקן"... (י. י. שודט, ייִדישע מערקווערדיקייט, ז' 314).

אַז י. וו. געטע איז באַקאַנט געווען מיט די יידישע פורים־שפּילן קאָן מען אײַנזען פון דעם אַלטאַנער בוך Josif וואָס ווערט אים צוגעשריבן, און אויך פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע יוסף, וועגן וועלכער ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

אין דיכטונג און וואַרהייט דערציילט אויך געטע, אַז צו פאַרטיפערן זיינע קענטעגישן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, האָט ער אין דער יוגנט פאַרפאַסט אַ ראָמאַן אין בריוו וועגן זעקס ברידער, וועלכע זענען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער. דער עלטסטער ברודער באַשרייבט זיינע איבערלעבענישן אין אַ גוטן קלאַסישן דייטש. דער צווייטער, וואָס שטודירט טעאָלאָגיע, באַשרייבט זיינע אײַנדרוקן אין לאַטיין און פאַרענדיקט שטענדיק מיט אַ פּ.ס. אין גריכיש. דער ברודער וואָס פאַרנעמט זיך מיט מיסחר שרייבט זיינע בריוו אין דער האַנדלס־שפּראַך ענגליש. דער פערטער לעבט אין פראַנקרייך און שרייבט פראַנצייזיש. דער פינפטער — איטאַליעניש. דעם סאַמע יינגסטן איז שוין קיין אַנדער שפּראַך נישט איבערגעבליבן, ווי דער יידיש־טייטש. באַשרייבט ער טאַקע זיין לעבן מיט אַ משונהדיקער שפּראַך. די אַנדערע ברידער קאָנען נישט לייענען און געפינען זיך אין אַן אומהיימלעכער און פאַרצווייפלטער לאַגע. ביי די עלטערן האָט דער קלוגער אײַנפאַל פון זייער מיזיניק אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן שמייכל.

נישט נאָר דער העלד פון זיין יוגנט־ראָמאַן, אַליין געטע האָט איין מאָל אויף אַזאַ אופן איבערראַשט די דייטשישע הויכע געזעלשאַפט בעת ער האָט אין

## אין פראָפיל פון צייטן

אַ פייערלעכער שטימונג אויף דער חתונה פון זיין פעטער יאָהאַן קאַספּאַר טעק־סטאַר אים באַגריסט מיט אַ ליד אין דער ייִדיש־טייטשער שפּראַך, „וואָס האָט עטוואָס פּאַטעטישעס אין זיך".

חוץ די געבראַכטע ביאָגראַפישע פּרטים איז אויך אינטערעסאַנט געטעס אָפּשאַצונג און כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט איינגעזען, צווישן אַנדערע, שטריכן פון דעם מאַסיוון און פּאַמפּעזן מערב־איראָ־פּעישן באַראָק.

# ראַנד־באַמערקונגען

די מעשׂה איז אַן אייגנאַרטיקער זשאַנער אין דער ליטעראַטור, מיט זײַן אייגענער, ספּעציפֿישער שפּראַך און בילדערוועלט. אין דער מעשׂה איז צו מערקן אַ געוויסע קרובישאַפֿט מיט דער באַלאַדע און מיט דעם משל. מיט דער באַלאַדע פֿאַראייניקט זי דאָס פֿאַנטאַסטישע און אויסערגעוויינלעכע, מיט דעם משל — דער אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם, דאָס באַלעבן און פֿאַרמענטשלעכן די נאַטור.

די מעשׂה איז דער סאַמע אוניווערסאַלער ליטעראַרישער זשאַנער, וואָס ווייסט נישט פֿון קיין אָרט, צײַט־ און רוים־גרענעצן. אירע העלדן זענען ס׳רוב טיפּאָלאָגישע געשטאַלטן, וועמענס גענעזיס הייבט זיך אָן אין ווײַטן געשיכטלעכן עבר. מעשׂיות האָבן געשריבן די באַדײַטנדיקסטע שאַפֿערס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור: וואָלטער און געטע, טאָלסטאָי און האָפֿמאַן, אָסקאַר ווײַלד און עדגאַר פּאָ. אויך אין ייִדיש איז פֿאַראַן זייער אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַטור אין דעם זשאַנער.

וואָלטן מיר געהאַט גרינטלעכע אויספֿאָרשונגען וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פֿון די זשאַנערס און סטילן אין אונדזער ליטעראַטור, וואָלט, צום בײַשפּיל, די גענעאַלאָגיע און די מקורות פֿון דעם נסתּרס סטיל און טיפֿן־גאַלעריי שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זײַן אַ רעטעניש. שוין אָפּגערעדט דערפֿון, וואָס עס וואָלט בולטער געוואָרן דאָס נאָוואַטאָרישע אין זײַן שאַפֿן און דער נײַער אינהאַלט וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם אויסערלעך אַלטמאָדישן אויסזען פֿון זײַנע געשטאַלטן. און עס איז גלאַט אינטערעסאַנט נאָכצופֿאָלגן די וועגן און אומוועגן וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט, למשל, דער „שוואַרצער נזיר״ און „דאָס רויטע ייִדעלע״ פֿון מאיר שאַצס היסטאָרישער אַלעגאָריע מעשׂה פֿון אַקדמות (לעצטער דרוק, פּירט 1694), ביז זיי זענען אָנגעקומען צום נסתּרס מעשׂיות.

דער מעשׂה־זשאַנער איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז די ייִדישע ליטעראַטור. „אין דרײַ ריכטונגען, — האָט געשריבן מאַקס עריק, — פֿאַרצווײַגט זיך די ייִדישע דערציילנדיקע דיכטונג אין 16—18טן י״ה, ס׳איז דער ראָמאַן און פֿאָלקסבוך, די מעשׂה, די נאָוועלע. דער אויסגאַנגספּונקט פֿון אַזאַ קלאַסיפֿיקאַציע גיט קודם־כּל דער שטאָף: דער ראָמאַן פֿון דער פֿרעמד, די מעשׂה פֿון תּלמוד, מדרשים,

יידיש־היסטאָרישע לעגענדע, די נאָוועלע — אַ קאָמבינאַציע פון פרעמדע און יידישע דערציילנדיקע מאָטיוון...״

דעם הויכפּונקט אין דעם מעשה־זשאַנער פון יענער תּקופה האָט דערגרייכט נחמן בראַצלאַווער. זיין צושטייער אויף דעם געביט האָט געשאַפן די בריק, וואָס פאַראייניקט דאָס אַלטע און נייַע מעשהלע אין דער ליטעראַטור. בכלל האָט זיך יעדע עפּאָכע איר מעשהלע. דער מעשה־דיכטער איז פאַרבונדן מיט דעם גייַסט פון זיין צייַט. אים אינטערעסירט ווייניקער דער שטייגער פון דער צייַט, ער זוכט אין דעם רעאַלן דאָס אידעאַלע. אויב אין די דערציילונגען און נאָוועלעס פון דער אַלטיידישער ליטעראַטור דערוויסן מיר זיך, ווי אַזוי דער יידישער מענטש האָט געלעבט אין יענער צייַט, דערציילן אונדז די מעשיות וועגן וואָס ער האָט גע־טרוימט. דעם מעשה־דיכטער האָט געשטיקט דער גרויל און די העסלעכקייטן פון זיין צייַט, איז ער אַנטלאָפן אין דער וועלט פון חלומות. „און וואָס איז אַ חלום, — האָט געשריבן י. ל. פּרץ, — אַ חלום טראַכט נישט אויס. ער בינדט נאָר צו־זאַמען... שטעלט איבער, דרייט אויס; נעמען נעמט ער אַלץ פון לעבן... וואָס שאַדט, אויב ער פאַרבט אַ מאָל שענער, מאָלט פאַנטאַסטישער. און ווער באמת ווייסט די ריכטיקע גרענעצן צווישן חלום און לעבן ?... טייל מאָל שטעקט אינעם חלום אַזוי פיל לעבן, אַזוי פיל אמת, אַזוי פיל ברענענדיקע צרות און אַזאַ לע־בעדיק נחת...״

און פּרץ טאַקע איז דער וואָס האָט דערהייבן די יידישע מעשה צו די קינסט־לערישע הייכן פון דעם זשאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור. אויב אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס״ און אין „חסידיש״ האָט ער אין תּוך געשילדערט מאָטיוון פון דעם עבר און אין דערציילונגען און דראַמעס — סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען פון זיין צייַט, דערשיינט ער אין די מעשהלעך ווי דער דיכטער פון דער צוקונפט.

אין די מעשהלעך שילדערט י. ל. פּרץ ס׳רוב טרוימערס און זוכערס פון נייַע וועגן, מענטשן דרייסטע און שטאָלצע, וואָס צעשטערן די צוימען פון די קאָנ־ווענציאָנעלע לעבנס־פּרינציפּן. עס קומט זיי אויס אַ סך אויסצושטיין, נישט אַלע פאַרשטייען זיי. מע באַטראַכט זיי אַפילו פאַר שוואַכזיניקע און מע פאַרשפּאַרט זיי אין „פליגל פאַר משוגעים״. „מיר ווייטער קומט פאַר, — שרייבט וועגן זיי פּרץ, — אַז די אַלע, וואָס מע האַלט זיי פאַר משוגעים... זענען נאָר נייַגעריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב אַ מאָל אַראָפּצוכאַפּן פון טראַקט, פון שאָסיי און זוכן אין אַ זייט נייַע וועגן... מאַנכע זענען גאָר פרייַע פייגל, איבער די לופטן פליִען זיי... גאַנץ אָפט האָב איך הנאה וואָס איך לעב צווישן די דרייסטע וועגזוכערס... בייַ זיי איז, ווייניקסטנס, נישט אַזוי לאַנגווייַליק...״

אין די ווייַטערדיקע אַנטוויקלונגס־פּעריאָדן פון דער יידישער ליטעראַטור איז אויפגעקומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרייַבערס, וואָס האָבן פאַרגעזעצט פּרצעס טראַ־

דיציע אין דעם זשאַנער. די סאַמע אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין דער ריכטונג איז געווען דער נסתּר. אינטערעסאַנט איז דער גבית־עדות פֿון ש. ניגערן וועגן דעם רעזאָנאַנס פֿון דעם נסתּרס ערשט ווערק: „די גאַנצע ייִדיש־ליטעראַרישע יוגנט פֿון יענער צײַט האָט געזוכט צו פֿאַראייניקן ייִדיש־גײַסטיקע טראַדיציעס מיט רוסיש־ אָדער פּויליש־קינסטלערישן מאָדערניזם... איז זיך לײַכט פֿאָרצושטעלן די פֿרייד וואָס זי האָט זיך דערפֿרייט מיט נסתּרן... עפּעס אַ קליינקייט — אַ מאָדערניסטיש־ראַפֿינירטער דיכטער, וואָס איז אַזוי אײַנגעטונקט אין ייִדישע קולטור־טראַדיציעס! נסתּרס פּראָזע איז דערצו נאָך געווען נישט אַלטערלעך ריטמיש; ס׳איז געווען אַ פּראָזע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פֿון פּערזן — אַ פּראָזע, וואָס פּרץ איז געווען דער ערשטער זי אײַנצופֿירן בײַ אונדז...״ (ש. ניגער, ייִדישע שרײַבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, ניו־יאָרק 1958).

די פֿעדעם וואָס פֿאַרבינדן דעם נסתּר מיט י. ל. פּרצן זענען טעמאַטישע, שפּראַכלעכע און טיפּאָלאָגישע. מע דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אויף דעם פּערזאָנען־צעטל פֿון „בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״: אַ לאַמער, אַ געקעפּטער, אַ געהאַנגענער, אַ וואַנדערער, אַ נאַכטוועכטער, אַן אַלטער געץ איבערן ברונעם, אַ זינדיקע, אויסגעשמירט מיט סמאָלע, אָנגעזועצט מיט פֿעדערן, אַ מסור מיט דער אַרויסגעריסענער צונג אין די הענט אאַ״וו. צי דערמאָנען זיי נישט אין דער געשטאַלטן־גאַלעריע פֿון דעם נסתּרס מעשׂיות? מע קאָן אויך אָנווײַזן אויף געמיינזאַמס צווישן לילים געשטאַלט פֿון „מאָניש״ מיט נסתּרס לילי פֿון „אונטער אַ פּלויט״. זיי זענען ענלעך צווישן זיך נישט נאָר לויט דער אייפֿאָנישקייט פֿון זייערע נעמען, נאָר אויך מיט זייער אינערלעכער כאַראַקטעריסטיק און אידעיִשער פֿונקציע אין די ווערק.

אַ צווייטע וויכטיקע פֿאָרזעצונג פֿון די פּרץ־טראַדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען די שאַפֿונגען פֿון אליעזר שטיינבאַרג. אין איינער פֿון זײַנע אַלעגאָריעס שרײַבט י. ל. פּרץ: „די מעשׂה וואָס איך האָב דערציילט איז, ווי אַלע מעשׂהלעך, אַ משל און ווי יעדער משל נישט מיט אַלע פּרטים כּדומה לנימשל, מען מוז דאָך עפּעס צוגעבן לנוי... להידור המעשׂה...״ (פֿון שיינקייט וועגן... צו באַפּוצן די מעשׂה).

אויך אליעזר שטיינבאַרגס מעשׂהלעך זענען אין תּוך משלים. און נישט נאָר אין די מעשׂהלעך, אויך אין די משלים איז פֿאַראַן אַ סך, וואָס דערמאָנט אין פּרצן. עס איז גענוג צו פֿאַרגלײַכן פּרצעס מעשׂהלע „דער דין־תּורה״ מיט שטיינבאַרגס משל „פֿאַרן בית־דין של־מעלה״. אַ געוויסע קרובישאַפֿט אין דער טעמע, שפּראַך און מעטאַפֿאָריק קאָן מען אויך אײַנזען צווישן פּרצעס „אַ קעלבערנער קל־וחומר״ מיט שטיינבאַרגס „דער חלף און די זעג״. דער נימשל איז, פֿאַרשטייט זיך, בײַ זייביידן אַן אַנדערער. די צײַטן זענען אַנדערע און די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונגען פֿאַרשיידענע. מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל שפּעט פּרץ פֿון די

מענטשן, וואָס זענען קרבנות פון זייערע אייגענע קל־וחומרס. שטיינבאַרג איז סאַרקאַסטיש און בייז:

קומט דער מוסר־השׂכל און שיט צו אַ ביסל זאַלץ:
נאָך עד־היום איז אַ זעג, אַ באַלמעלאָכע,
גאָר אַ פלעק אין דער משפחה,
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה.

י. ל. פרצעס פילאָסאָפישע מעשׂיות זענען ליטעראַטור פאַר דערוואַקסענע. אין אליעזר שטיינבאַרגס מעשׂהלעך האָט די אייבערהאַנט דער פעדאַגאָג, זיי זענען פאַר קליין און גרויס. אין זײַן „כויקערל הויקערל" וועלן קינדער געפינען פרייד פון די כעלעמער חכמות, דערוואַקסענע — אַ פּאַראָדיע אויפן אינטעליגענט, דעם חוקר, וואָס בלײַבט מיט זײַן הויקער, ווײַל ער גריבלט זיך נאָר אין זיך און קאָן נישט אויסלערנען די כעלעמער, זיי זאָלן וויסן ווי צו געניסן פון די רײַכטימער וואָס געהערן זיי.

— „פאַר וואָס זשע?

— נישט געטאָן איך מיטן שטעקן וואָס באַדאַרפט צו זײַן: געפאָכט מיטן שטעקן, געקלאַפט מיטן שטעקן, און באַדאַרפט איך גאָר מיט אים איבערן האַלדז־און־נאַקן געבן זיי: כעלעמער וואָס איר זענט! די טישן געגרייט, אונטער אַלעם גוטן ברעכן זיי זיך, און איר ווייסט נישט וואָס איר האָט צו טאָן?

— און פאַר וואָס זשע נישט געטאָן אַזוי?

— שפּעט דערמאָנט זיך"...

עס איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז דער נסתּר מיט זײַן ספּעציפישן סטיל און פאָרעם שטייט אין אַ זײַט פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג אין דער ליטעראַטור און אַז ער האָט נישט קיין מיטגייערס. אויסגעפינען זײַנע השפּעות איז נישט אַזוי לײַכט. זיי ליגן נישט גלײַך אויף דער אייבערפלאַך. איך מיין אָבער, ווען מע וועט זיך גוט אײַנהערן אין קיפּניסעס מעשׂיות, וועט מען דערהערן אין זיי אַן עכאָ פון דעם נסתּר. אויך אַלטער קאַציזנע האָט נישט אויסגעמיטן דעם נסתּרס השפּעה. אין דוד איגנאַטאָווס געהיימעניספולע און לעגענדאַרע „וווּנדער־מעשׂיות פון אַלטן פּראָג" איז נישט גרינג צו געפינען געמיינזאַמס מיט דעם נסתּר. אין זײַן בוך דאָס פאַרבאָרגענע ליכט איז ער צוגעפאַלן צו דעם זעלביקן קוואַל פון וועלכן עס האָט געטרונקען דער נסתּר: צו די מעשׂיות פון נחמן בראַצ־

לאָווער. וואָס באַדאַרף מען מער, אַפּילו דוד בערגעלסאָן, ווען ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דעם מעשהלע־זשאַנער, איז געוואָרן נסתּריש. אויך ער איז אַנט־לאָפֿן פֿון דער ערד און „די בת־מלכּה ,אמת׳" אָוועקגעפֿירט מיט זיך אין ווײַטע מידבריות, זי באַהאַלטן אין אַ פּאַלאַץ און פֿאַרן טויער אַוועקגעשטעלט אַ מלאך מיט אַן אויפֿשריפֿט אויף זײַנע פֿליגל „דער מלאך וואָס היט אָפּ דעם אמת".

„און די מעשהלעך, — האָט געשריבן י. ל. פּרץ, — זענען נאָר די שאָלן, וואָס האָבן אינעווייניק אין זיך אַ באַהאַלטענעם אמת... מע דאַרף נאָר קענען עפֿענען די שאָל, וועט שוין דאָס קערנדל אמת אַרויס..."

# היסטאָרישע קוריאָזן

וואָס טיפֿער מיר דרינגען אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון דער קולטור, אַלץ קלאָרער ווערט דאָס וויטאַלע און דויערהאַפֿטיקע אין איר. אויבנאויפֿיק נאָר זעען געוויסע דערשײַנונגען אויס אומפֿאַרשטענדלעך און אַפֿילו אויסטערליש. לאָמיר אויף טשיקאַוועס באַטראַכטן אייניקע, אַזוי צו זאָגן, קוריאָזן פֿון דער געשיכטע.

די אויפֿקלערונגס־באַוועגונג האָט, לויט אימאַנועל קאַנט, באַטײַט דעם מענטשנס אַרויסגיין פֿון זײַן מינעריעריקייט־צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפֿונען לויט זײַן אייגענעם ווילן. די מינער־יעריקייט איז נישט געווען קיין רע־זולטאַט פֿון נישט גענוגנדיקן פֿאַרשטאַנד, נאָר פֿון נישט גענוגנדיקער אַנטשלאָסנ־קייט זיך מיט דעם פֿאַרשטאַנד צו באַנוצן. דער הויפּטדעוויז פֿון דער אויפֿקלע־רונג איז, לויט קאַנטן, געווען: האָב דעם מוט זיך צו באַנוצן מיטן אייגענעם שׂכל.

נישט אַלץ אָבער איז אין דער אויפֿקלערונגס־באַוועגונג געווען ראַציאָנאַל, באַזונדערס אין איר ערשטן פּעריאָד, און קודם־כּל אין דער באַציִונג צו דער אייגענער שפּראַך און קולטור. די ערשטע דײַטשישע אויפֿקלערערס, למשל, האָבן פּשוט געהאַט אַ ווידערווילן און זיך געשעמט צו באַנוצן מיט דעם „איינפֿאַכן און גראָבן דײַטשישן זשאַרגאָן". אין זייערע סאַלאָנען האָבן זיי גערעדט נאָר פֿראַנצייזיש, און די ערשטע הייסע פֿאַרטיידיקערס פֿון דער דײַטשישער שפּראַך זענען געווען יידישע אויפֿקלערערס.

משה מענדעלסאָן האָט געטאַדלט די דײַטשישע אינטעליגענץ פֿאַר איר ניהי־ליסטישן צוגאַנג צו אייגענע נאַציאָנאַלע ווערטן. „צי וועלן זיי, — פֿרעגט ער אין זײַנע **פֿילאָסאָפֿישע שמועסן** (1755), — קיין מאָל נישט דערקענען זייער אייגענעם ווערט? צי וועלן זיי אייביק אויסבײַטן אייגן גאָלד אויף פֿרעמד פֿלי־טער־גאָלד?". מענדעלסאָן האָט שאַרף קריטיקירט די קרײַזן פֿון דער דײַטשישער געזעלשאַפֿט, וואָס האָבן באַטראַכט דײַטש ווי אַ „באַרבאַרישן קודערוועלש", נישט שווינענדיק אַפֿילו דעם „אויפֿגעקלערטן" מאָנאַרך פֿרידריך דעם גרויסן.

די יידישע אויפֿקלערערס האָבן געהאַט אַ גענוג קלאָרע פֿאַרשטעלונג וועגן דער ראָלע פֿון שפּראַך אין דער אויסבילדונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, און אין

דער פּראַקטיק, אין די באַציִונגען צו זייער פֿאָלק מיט זײַן שפּראַך און ליטעראַטור, זענען זיי געווען ראַדיקאַלער פֿון זייערע דײַטשישע קאָלעגעס. די ערשטע טרעגערס פֿון די השׂכּלה־אידעען אין מערב־אייראָפּע האָבן דער עיקר זיך רעקרוטירט פֿון דער אויפֿקומענדיקער ייִדישער בורזשואַזיע, וואָס איז אין תּוך געווען קאָסמאָ־פּאָליטיש און האָט די קלאַסן־אידעען געשטעלט העכער פֿון די נאַציאָנאַלע פֿאָלקס־אינטערעסן.

עס וועט אפֿשר קלינגען ווי אַ קוריאָז, נאָר עס איז אַ היסטאָרישער פֿאַקט: ייִדיש האָט דעמאָלט געפֿונען אירע הייסע פֿאַרטיידיקערס צווישן דײַטשישע שרײַ־בערס און געלערנטע. בעת דוד פֿרידלענדער, איינער פֿון די זײַלן אין דער ייִדי־שער השׂכּלה אין דײַטשלאַנד, האָט אין זײַן „זענדונג אָן די דויטשע יודען" דערקלערט, אַז „דאס אונטער אונס איבליכי יודיש־דויטש, איינֵי רעגללאָזי פֿאַר־שטימלטי און אונפֿאַרשטענדליכי שפּראַכי, מיסטי גאנץ אפּגעשאַפֿט ווערין", האָט דער דײַטשישער פֿילאָלאָג גאָטפֿריד זעליק געהאַלטן, אַז „וואָס מער אין אונד־זערע טאָלעראַנטע צײַטן די ייִדן פֿאַרמערן און שפּרייטן אויס זייער ווירקונג, אַלץ ניצלעכער און נייטיקער איז, אַז די ייִדיש־דײַטשע שפּראַך וואָס איז בײַ דער דאָזיקער נאַציע אַ מאָל אײַנגעפֿירט געוואָרן און ווערט כּסדר באַנוצט, זאָל אויך צווישן אונדז ווערן באַקאַנט, בפֿרט אַז זי וועט צווישן די ייִדן משמעות קיין מאָל נישט אין גאַנצן בטל ווערן" (פֿון דער הקדמה צו זײַן לערבוך צור גרינט־לעכן ערקלערונג דער ייִדיש־דויטשן שפּראַכע, ערשטע אויפֿלאַגע — 1767, צווייטע — 1792).

אין דער צײַט ווען די ייִדישע אויפֿקלערערס האָבן דערקלערט, אַז „אין דער זאָגענאַנטן ייִדיש־דײַטשן שפּראַכי קייני ריכטיגי בגריפֿי פֿאַן אירגנט איינם דינגי אין דער וועלט ערלאַנגן קאַן", האָט געטע געשריבן איין טייל פֿון זײַן יוגנט־ראָ־מאַן אין דער ייִדיש־דײַטשישער שפּראַך, „וואָס האָט, ווי ער באַמערקט אין דיכטונג און וואַרהייט, עטוואָס פּאַטעטישעס אין זיך, שטריכן פֿון דעם מאַסיוון און פּאַמפּעזן מערב־אייראָפּעיִשן באַראָק".

נאָך אויף דער שוועל פֿון דעם אַכצנטן י"ה האָט דער דײַטשישער געלערנ־טער און מיסיאָנער יאָהאַן קריסטאָף וואַגענזײַל געשריבן: „אויב מע מיינט באמת צו דערלאַנגען די ייִדן אַ מיטלײַדנדיקע און הילפֿיקע האַנט... בלײַבט קיין זאַך נישט איבער ווי צופּאַסן זיך צו זיי, שרײַבן לויט זייער דיאַלעקט און אויך דרוקן די דאָזיקע ווערק אין זייער שריפֿט".

י. ק. וואַגענזײַל האָט אויך געשריבן, אַז אין זײַנע אייגענע סעמיטאָלאָגישע פֿאָרשונגען און איבערזעצונגען זענען זײַנע ייִדיש־קענטענישן אים זייער צו ניץ געקומען; „אויב איך שטעל זיך אָפּ, — האָט ער אָנגעוויזן, — איבער אַ וואָרט אָדער אַ זאַץ פֿון דער ביבל, נעם איך פֿריִער פֿאַר אַלץ אין דער האַנט דעם באַר

משה,[1] וואָס דערקלערט אַלע טונקעלע ווענדונגען און האַרבע העברעיִשע ווערטער אויף יִידיש־טײַטש... דערנאָך גיב איך אַ קוק אין קימחיס ספֿר השורשים,[2] און האַלט זיך אַן עצה מיט כאַלדעיִשע, גריכישע, לאַטײַנישע און אַנדערע איבערזעצערס... עס טרעפֿט אַ סך מאָל אַז די יִדיש־טײַטשע איבערזעצונגען... קומט מיר צו ניץ, אײדער אַלע אַנדערע הילפֿסמיטלען, און אַז בײַ זײער אַנווײַז בלײַב איך".

אין דער איבער פֿיר־הונדערט־יאָריקער געשיכטע פֿון יִדיש־פֿאָרשונג זענען נישט דערשינען אַזוי פֿיל ביכער וועגן דער יִדישער שפּראַך און ליטעראַטור פֿון נישט קײן יִדישע געלערנטע, ווי גראָד אין דעם אַכצנטן י"ה, ערב און בעת דער אַנטשטײונג פֿון דער השׂכּלה מיט אירע יִדיש־פֿײַנטלעכע טענדענצן. אין דעם האַלער אוניווערסיטעט האָט איבער זעכציק יאָר עקסיסטירט אַפֿילו אַ ספּעציעלער אינסטיטוט צו לערנען יִדיש און העברעיִש (1728—1791). דער גרינדער און אָנפֿירער פֿון דעם אינסטיטוט י. ח. קאַלענבערג האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע אײַנלײטונג צו יִדיש־דײַטשער שפּראַך, וואָס איז אין אַ קורצער צײַט דערשינען אין דרײַ אויפֿלאַגעס (1733, 1738, 1749). ער איז אויך דער אויטאָר פֿון דעם ערשטן יִדיש־דײַטשישן ווערטערבוך (1736).

אין פֿיר גרויסע ביכער יִדישע מערקווערדיקײטן (1710—1718) האָט דער פֿראַנקפֿורטער פּראָפֿעסאָר יאָהאַן יאַקאָב שודט צונויפֿגעזאַמלט אַ רײַכן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יִדישן פֿאָלקלאָר, טעאַטער און ליטעראַטור. צווישן די פֿאַרשײדנאַרטיקע מערקווערדיקײטן האָט י. ק. שודט אויך אײַנגעשלאָסן די ערשטע צו אונדז דערגאַנגענע פּורים־שפּילן אין יִדיש: אַקטאַ אסתּר מיט אַחשורוש און מכירת־יוסף. פֿון אַ באַזונדערער באַדײַטונג זענען וו. מ. כריזאַנדערס צווײ ביכער: יִדיש־טײַטשע גראַמאַטיק און אונטערריכט פֿאַן נוטצן דעם יִדיש־טײַטש (1750). כריזאַנדערס אויספֿירלעכע ביבליאָגראַפֿיע וועגן יִדיש פֿון גישט יִדישע געלערנטע און זײַנע עטימאָלאָגישע און סינטאַקסישע באַמערקונגען קאָנען נאָך הײַנט צו ניץ קומען די פֿאָרשערס פֿון אַלט־ און מערב־יִדיש.

אַ באַזונדערן פֿלײַס אין באַנוצן זיך מיט דער יִדישער שפּראַך האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן די מיסיאָנערן. בעת די יִדיש'ע אויפֿקלערערס זענען פֿון דער הויט געקראָכן צו פֿאַרמיאוסן די יִדיש־טײַטשע ביכער און פֿאַרבײַטן זײ מיט מ. מענדעלסאָנס ביבל־איבערזעצונג, האָט מען אין דער אַזוי גערופֿענער קאָנפֿעסיאָנאַלער ביבליאַ פּענטאַפּלאַ לעבן לוטערס, פּיסקאַטאָס און אולענבערגס איבערזעצונגען אײַנגעשלאָסן אויך די יִדישע איבערזעצונג פֿון יוסף וויצנהויזן.

---

1. באר משה — אַ העברעיִש־יִדישער ווערטערבוך פון משה שערטל (פּראָג 1604).
2. ספֿר השורשים — פון דוד קימחי (1160—1235), באַרימטער גראַמאַטיקער און ביבל־קאָמענטאַטאָר.

נישט שטענדיק זענען די יידישע ביכער געמאַכט געוואָרן מיט אַ „מיטליידנ־דיקער און הילפיקער האַנט". עס זענען אין יענער צייט אויך דערשינען אַ ריי ביכער אין יידיש גאָר פון אַן אַנדער סאָרט, אָנגעשריבענע פון נישט־יידן אָדער פון משומדים.

„עקלהאַפט איז די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, ליטעראַטור, — האָט זיינער צייט געשריבן בער באָראָכאָוו, — פאָרט טאָר מען זי נישט אין גאַנצן אָוועקמאַכן אונטערן האַנט. ערשטנס, איז זי צו גרויס אין צאָל, כדי מ׳זאָל זי נאָר איגנאָרירן: דער גרעסטער טייל... באַשטייט פון עם־הארצישן און רעקלאַמע־שרייענדיקן שונד, דער קלענערער טייל אָבער באַשטייט פון ערנסטע שריפטן... זיי זענען אָדער געשריבן פון די נידעריקסטע שיכטן פון יידישע הענדלערס, אָדער זענען פשוט געגנבעט געוואָרן ביי אַזוינע קענער"... („די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג", געדרוקט אין דער פנקס, ז׳ 11, ווילנע 1912).

איינס פון די ערשטע ביכער פון דעם סאָרט ליטעראַטור איז געווען דער יידישער שפראַך־מייסטער. אויף דעם שער־בלאַט איז נישט אָנגעוויזן די דאַטע, ווען עס איז דערשינען. דער דייטשישער פאָרשער י. מ. וואַגנער האָט אין זיינע ראַטוועלשע סטודיען (1863) אָנגעוויזן, אַז דאָס בוך זאָל האָבן געווען דערשינען אין יאָר 1702. עס איז אויך נישט באַוווסט דער נאָמען פון אויטאָר. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די גאָטישע איניציאַלן י. וו. און פאַרצייכנט, אַז דאָס בוך איז „אָנגעשריבן פון איינעם וואָס האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט צווישן יידן".

דער יידישער שפראַך־מייסטער איז אָנגעשריבן אין פאָרעם פון אַ דיאַלאָג וועגן די זיטן און מינהגים אין יידישן שטייגער. דער אויטאָר האָט פאַר זיי אויס־געזוכט נאָר גרויע און טונקעלע פאַרבן. די שפראַך אָבער פון דעם שפראַך־מייס־טער שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשטימטן אינטערעס פאַר דער פילאָלאָגיע. דער אויטאָר איז געווען אַ גוטער קענער פון יידיש. „ער האָט פאַרמאָגט, — ווי עס האָט באַמערקט דער דייטשישער פילאָלאָג און יידיש־פאָרשער אַווע־לאַלעמאַן, — אַ גרויסע דערפאַרונג אין יידישע פאַלקסטימלעכע אויסדרוקן". אַ באַזונדערע שוואַכקייט ווייזט ער אַרויס צו העברעיזמען: „למה ביזטו משקר", „מיין טויוועך חבר זיי עס לוי אויסע", „לכן, וויל אני שלך מבקש זיין... מיר מעלאַמעדן ווי הכל בהמות אויף לשון הקודש הייסן".

דער אויטאָר איז, פאַרשטייט זיך, אויסן געווען צו שאַפן אַ פאַראָדיע, ווייזן אַז נישט בלויז דער שטייגער, נאָר אויך די שפראַך ביי יידן איז אומפאַרשטענד־לעך. צוליב דעם האָט ער זי איבערגעלאָדן מיט העברעיזמען. פון די אַנדערע מאַ־טעריאַלן וואָס מיר האָבן וועגן דער ריידשפראַך פון יענער צייט איז אָבער צו זען, אַז די לעקסיק פון דעם יידישן שפראַך־מייסטער איז נישט שטאַרק ווייט פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט.

W V2 / 39397

# Jüdischer Sprach-Meister;
oder
# Erklärung,
was
zwischen zweyen Juden, als einen Rabinen und Handelsmann, in einen Discours von unterschiedlichen Sachen, auf ihre gewöhnliche Redens-Art / abgehandelt wird;
worzu /
um besserer Deutlichkeit willen, ein Christ kommt, mit solchen auch einen Handel thun will, und ihnen etwas darbey anbiethet;
worüber
die Juden endlich in einen Zanck gerathen, und jener sich der Frömmigkeit, dieser aber, ihres Geschlechts Gewohnheit nach, des Betrugs befleißiget.
Sonderlich denen nutzlich, welche vieles mit Juden zu handeln haben / um daraus nicht allein derselben gemeine Sprache zu verstehen / sondern auch zu erlernen.
Aufgezeichnet
von einem / der ehedessen unter diesem Volck viele Jahre zugebracht / nun aber von gantzen Hertzen GOtt liebet / und seinen Nächsten gerne dienet.
J. W.
Fürst M. Lieve: Bibliotek.
Erstes Stuck.

Gedruckt in dem jetzigen Jahr.

שער־בלאַט פֿון יידישער שפּראַך־מייסטער

פֿאַר דעם מערבֿ־ייִדיש פֿון סוף זיבעצנטן, אָנהייב אַכצנטן י״ה איז כאַראַק־טעריסטיש דאָס באַנוצן זיך מיט אַ סך העברעיִזמען. אויך די וואָרט־קאָנסטרוק־ציע און דער זאַץ־סדר האָט געשטימט מיטן גײַסט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך.

די ענדערונגען אין דער צײַט האָבן מיט זיך אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם גײַסט אין דער שפּראַך, נײַע מאָרפֿעמעס און אויסדרוקן. אַלטע באַגריפֿן און אידיאָמען זענען פֿאַרביטן געוואָרן מיט נײַע ייִדישע וואָרט־אויסבילדונגען און העברעיִזמען.

די ייִדישע ליטעראַטור פֿון 15טן—16טן י״ה דערציילט אונדז נישט, למשל, פֿון קיין חתונות. מע פּראָוועט אין איר בלויז „ברײַליפֿטן״. דאָס וואָרט „ברײַליפֿט״ שטאַמט פֿון דעם מיטל־הויכדײַטשישן „ברוט לאָוף״, וואָס באַטײַט נאָכלויפֿן די כּלה. אין איינעם מיטן וואָרט האָבן די ייִדן זיך אויך צוגעאייגנט אייניקע דײַטשי־שע חתונה־מינהגים. פֿון די אַלטע ביכער איז צו זען, אַז אין טאָג פֿון דער חתונה האָט אויך די ייִדישע יוגנט אָוועקגעפֿירט חתן־כּלה צום הויף פֿון אַ ספּעציעלן טאַנצהויז. אונטערן פֿרײַען הימל פֿלעגן זיי דאָרטן אַ גאַנצן טאָג „טאַנצן און שפּרינגען, שפּילן אין האַרפֿן און גילדענע פֿינגערלעך פֿאַר זיי וואַרפֿן״. ערבֿ דער חופּה פֿלעגן זיי זיך אין צוויי גרופּעס צעטיילן, ייִנגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער. די מיידלעך האָבן געשאַפֿן אַן ענגן קרײַז אַרום דער כּלה, פֿון וואַנען דער חתן האָט זי באַדאַרפֿט אַרויסכאַפּן.

נישט אין אַלע געגנטן אָפּילו איז געווען פֿאַרשפּרייט דער מינהג פֿון שטעלן אַ חופּה. אין אייניקע ערטער פֿלעגט מען זיך „מייען״ (משמח זײַן) לויטן מוסטער פֿון די דײַטשישע שכנים. אַנשטאָט שטעלן אַ חופּה האָט מען דעם חתן אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעלן מאַנטל מיט אַ גרויסן קאַפּיושאָן, וועלכן ער פֿלעגט אַריבערוואַרפֿן איבער זײַן קאָפּ און דער כּלהס קאָפּ. די צוגעדעקטע קעפּ, דאָס צעקושן זיך פֿון חתן־כּלה בײַ דער באַגלייטונג פֿון פֿריילעכע אויסגעשרייען איז געווען אַ צייכן אַז זיי זענען פֿאַרקנסט.

אין דעם שפּראַך־מײַסטער פּראָוועט מען שוין אַ חתונה און מע שטעלט שוין אַ חופּה. דערפֿאַר אָבער האַלט מען אין אים נאָך פֿון דעם אַלטן מינהג צו באַ־שיטן חתן־כּלה מיט ווייץ און דערבײַ טוט מען „אָרן די תּפֿילה״, דאָס לאַטײַנישע וואָרט „אָרן״ (אָרען, אָראַרע — גאָט בעטן) האָט שיינע עטלעכע יאָרהונדערט זיך געפֿילט היימיש אין דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס פֿון פֿראַנ־צייזיש שטאַמענדיקע וואָרט „דאַוונען״ (דעווינער) אין איינעם מיט אַנדערע ווער־טער פֿון דעם מין (ווי בענטשן, אַלמער, אַלקער א״א) האָט זיך אין ייִדיש אײַנגע־בירגערט אַ סך שפּעטער.

אין שײַכות מיט דעם ייִדישן שפּראַך־מײַסטער דאַרף מען נאָך באַמערקן פֿאָלגנדיקס: דער ייִדישער טעקסט איז אָפּגעדרוקט מיט גאָטישע אותיות. דערמיט זענען אין אַ געוויסער מאָס געטרײַ פֿאַרצייכנט געוואָרן אייניקע אייגנטימלעכ־קייטן פֿון דער דעמאָלטיקער ריידשפּראַך, באַזונדערס פֿון די העברעיִזמען. עס

איז נישט אַזוי לײַכט צו באַשטימען ווי אַזוי, למשל, האָבן בײַ אונדזערע באָבעס געקלונגען די ווערטער „צאינה וראינה". אין אייניקע דאָקומענטן איז פאַר־צייכנט „צענע רענע", אין אַנדערע „צענע ווערענע". אין דעם שפּראַך־מײַסטער איז מיט גאָטישע אותיות אויסגעלייגט „צענע אורענע", נאָענט הייסט עס צו דעם העברעיִשן אָריגינאַל.

דער יידישער שפּראַך־מײַסטער שפּיגלט אָפּ דעם סטיל פון אַ געוויסער סביבה. די דײַטשישע איבערזעצונג וואָס גייט פּאַראַלעל מיט דעם יידישן טעקסט איז געמאַכט געוואָרן אין דעם בײַערישן דיאַלעקט. קאָן מען דערפון מאַכן אַן אויספיר, אַז אויך דער יידיש שטאַמט מסתמא פון דער זעלביקער געגנט.

די פאַקטן וועגן וועלכע מיר האָבן דערציילט זענען, פאַרשטייט זיך, אַ רע־זולטאַט פון אַ באַשטימטער היסטאָרישער געזעצמעסיקייט. אויבנאויפיק באַו" זעען זיי אויס קוריאָז און אויסטערליש.

# דרײַ רעפּליקעס

## א. „מכירת־יוסף"

פֿון די ערשטע דראַמאַטישע ווערק מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן די געשיכטע פֿון רוסישן טעאַטער אין דעם לעצטן פֿערטל פֿון XVII י״ה, איז געווען י. ג. גרעגאָריס ביבלישע קאָמעדיע מכירת־יוסף (Малая прохладная комедия об Иосифе). אין דער זעלביקער צײַט האָבן אויך אין די ייִדישע קוואַרטאַלן פֿון פּראַג און קראָקע, פֿראַנקפֿורט און אַמסטערדאַם אַרומגעוואַנדערט פֿאַרשיידענע פּורים־שפּילערס און אויפֿגעפֿירט אַ פֿאָלקס־קאָמעדיע מיט דעם זעלביקן נאָמען און אויף דער זעלביקער טעמע. און הגם בײדע קאָמעדיעס זענען אויפֿגעקומען אין פֿאַרשיידענע היסטאָרישע פּראָצעסן, איז צווישן זיי פֿאַראַן אַ מערקווערדיקע ענלעכקייט, וואָס טיילט זיי בײדע אויס פֿון די מערב־אייראָפּעיִשע דראַמעס אויף דער טעמע.

אָנהייבנדיק פֿון דער רעפֿאָרמאַציע, באַזונדערס אין דער צײַט פֿון דער קאָנטררעפֿאָרמאַציע, זענען כּמעט אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן ממש פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון דראַמעס אויף ביבלישע טעמעס. דער עיקר זענען אויסגענוצט געוואָרן די געשיכטעס וועגן יוספֿן מיט זײַנע ברידער. דער ווײַט גרעסטער טייל פֿון די דראַמאַטורגן האָט אויפֿגעפֿאַסט די יוסף־פֿיגור ווי אַ פּראָטאָטיפּ פֿון יעזוס קריסטוסן. די ביבלישע רעאַליסטישע געשטאַלטן זענען אין גאַנצן בטול געוואָרן אין אַן עולם־התוהו פֿון מיטל־עלטערלעכע מיסטעריעזע פֿיגורן... אין אָט דער חוסר־דעהדיקער וועלט פֿון שדים, רוחות און אַנדערע בײַזווונדער שטייען אין אַ זײַט, מיושבדיק און באַדאַכט, די רוסישע און ייִדישע מכירת־יוסף־קאָמעדיעס. אין זיי זענען נישטאָ קיין אַבסטראַקטע אַלעגאָריעס. עס לעבן און האַנדלען אויסשליסלעך רעאַלע מענטשן מיט זייערע לײַדנשאַפֿטן און כאַראַקטערן, לײדן און פֿריידן, ליבע און האַס. אמת, אויך דאָ איז דער סיפּור־המעשה נישט שטענדיק אין פֿולן הסכּם מיט דעם טראַדיציאָנעלן און קאַנאָניזירטן עפּאָס. בײדע אויטאָרן האָבן זיך היימיש געפֿילט אין דעם רוים פֿון תּנך, און גלײַכצײַטיק געפֿינען זיי זיך אויך אויסער אים. דער סוזשעט פֿון זייערע קאָמעדיעס איז טאַקע ביבליש,

אָבער די געדאַנקען און געפילן פון די העלדן זענען שוין מער אין גײַסט פון די נײַע היסטאָרישע באַדינגונגען.

אין אַ פאָרטראָג וועגן „די טראַדיציעס פון מיטל־עלטערלעכע און נײַע עלע־מענטן אין די פיעסעס וועגן יוסף אין XVII י״ה", אויפן זעקסטן אינטערנאַציאָ־נאַלן צונויפקום פון די סלאַוויסטן (פּראָג 1968), האָט די סאָוועטישע ליטעראַ־טור־פאָרשערין א. א. דערזשאַווינאַ, צווישן אַנדערן, אָנגעוויזן אויף די ווירקונגען פון דײַטשישע און האָלענדישע טעאַטער־טראַדיציעס אויף דער רוסישער דראַמאַ־טורגיע פון דער צווייטער העלפט XVII י״ה און דער עיקר אויף י. גרעגאָריס קאָמעדיע.

די דײַטשישע השפעות אויף די יידישע פאָלקסשפּילן זענען בכלל באַוווּסט. וועגן דעם האָט מען בײַ אונדז אַ סך געשריבן. ווייניקער אויסגעפאָרשט זענען די סלאַווישע אײַנפלוסן. נאָר זײַנער צײַט האָט שוין י. שיפּער געשריבן, אַז „די קונסט פון די יידישע 'פּיקלהערינגס' האָט פריִער אויפגעבליט אין די סלאַווישע געטאָס און איז ערשט שפּעטער אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אויפן באָדן פון די דײַטשישע געטאָס. פון זיכערע קוועלן דרינגט אַרויס, אַז די אחשורוש־שפּיל מיט איר 'פּרינץ מאַנדרינאַ' איז אין די דײַטשישע געטאָס באַקאַנט געוואָרן ערשט סוף XVII י״ה, דערקעגן אין די פּוילישע געטאָס איז זי אין דער זעלביקער צײַט געווען שוין אַ פּאָפּולערע פּיעסע, וועלכע מע פלעגט זינגט צענדליקער יאָרן שטעלן פּורים" (י. שיפּער, *געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע*, וואַרשע 1923).

אַ צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר וואָס האָט גורם געווען די ענלעכקייטן צווישן דער רוסישער און יידישער מכירת־יוסף־קאָמעדיע איז געווען דאָס וואָס זייערע אויטאָרן האָבן נישט מעכאַניש איבערגענומען די פרעמדע אײַנפלוסן. זיי האָבן די טעמע באַפרײַט פון מיטל־עלטערלעכע קריסטלעכע אַלעגאָריעס און צוריק איר אומגעקערט דעם רעאַליסטישן כאַראַקטער. דעם שטאָף פאַר זייערע קאָמע־דיעס האָבןביידע מחברים געשעפּט דירעקט פון זײַן אורקוואַל. עס איז באַוווּסט אַז י. ג. גרעגאָרי האָט גוט געקענט העברעיִש. אין זײַן ערשטער פּיעסע „אַקטאַ אחשורוש" (Артаксерксово Действо) האָט ער אַפילו אײַנגעשלאָסן גאַנצע אויסצוגן פון תהילים אין העברעיִשן אָריגינאַל.

דער אַנטשיידנדיקסטער מאָמענט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער אַנאַלאָגישער דערשײַנונג איז דער פאַקט וואָס ביידע קאָמעדיעס זענען אַ פּראָדוקט פון דעם באַראָק־גײַסט. אויך די דראַמאַטורגיע פון מערב־אייראָפּע האָט אין דער צײַט אָנגעהויבן באַקומען אַ מער הומאַניסטישע באַאַרבונג. אין די יוסף־דראַמעס, למשל, פון דעם פראַנצויז ליע זשע און פון דעם האָלענדער יאָסט וואָן־דען וואָנ־דעל, האָבן די רעאַלע מענטשלעכע טאַטן און לײַדנשאַפטן באַקומען אַן אייבער־האַנט איבער די אַבסטראַקטע פיגורן און אַלעגאָריעס.

ס׳איז נישט געווען באַוווּסט ווען די ייִדישע מכירת־יוסף־קאָמעדיע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן, ווי אויך ווער ס׳איז געווען איר אויטאָר. דער באַקאַנטער דײַטשישער אָריענטאַליסט י. י. שודט האָט זי איבערגעדרוקט אין זײַן בוך ייִדישע מערקווערדיקייטן (פראַנקרײַך 1701—1718) אין ייִדיש און אין אַ דײַטשישער איבערזעצונג.

י. י. שודט האָט אין זײַן בוך אויסגענוצט די אויסגאַבע פֿון דעם פֿראַנקפֿורטער פֿאַרלעגער יאָהאַן קעלנער (1713). ער דערמאָנט אויך אַ פֿריִערדיקע אויסגאַבע וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט „דער בחור לייב גינזבורג“. אויף דעם שערבלאַט פֿון לייב גינזבורגס אויסגאַבע איז אָבער נישט אָנגעוויזן נישט דאָס אָרט און נישט די צײַט, ווען די קאָמעדיע איז דערשינען. ביידע ייִדישע אויפֿלאַגעס זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען.

מיט דעם ייִדישן מכירת־יוסף האָט זיך אויך אינטערעסירט דער דײַטשישער פֿילאָלאָג אַווע־לאַלעמאַן וואָס איז, לויט נחום שטיף, אפֿשר דער לעצטער פֿון די מערקווערדיקע אַלטע דײַטשישע ייִדיש־קענערס. אַווע־לאַלעמאַן האָט אײַנגעשלאָסן אין דעם אויסוואַל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור (1862) אַ גרעסערן אויסצוג פֿון דער קאָמעדיע מיט אַ קורצער ליטעראַטור־היסטאָרישער אינפֿאָרמאַציע וועגן איר.

י. י. שודט האָט נישט בלויז איבערגעדרוקט דעם פֿולן טעקסט פֿון דער קאָמעדיע, נאָר אויך צוגעגעבן אַן אויספֿירלעכן באַריכט וועגן דעם ווי אַזוי מע האָט זי געשפּילט אין פֿראַנקפֿורטער געטאָ. דער באַריכט איז אַליין פֿאַר זיך אַ וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט.

„די פֿראַנקפֿורטער ייִדן, — שרײַבט צווישן אַנדערן י. י. שודט, — האָבן אײַנגעאָרדנט אין זייער קוואַרטאַל אַ טעאַטער... מע האָט דאָרט אויפֿגעפֿירט אַ קאָמעדיע מכירת־יוסף און דערבײַ האָט מען זיך באַנוצט מיט מאַשינעס, וועלכע מע געברויכט געוויינטלעך בעת אַזעלכע שוישפּילן. די שפּילערס זענען אויפֿגעטראָטן אין פֿאַרשיידענע קאָסטיומען. ס׳האָט אויך נישט געפֿעלט אַ פּיקלהערינג אין אַ בונטפֿאַרביקן קאָסטיום, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער... די ייִדן קאָנען זיך נישט אַנדערציילן פֿון די וווּנדערס, וואָס זענען דערבײַ געווען צו זען, ווי פֿײַער, הימל, דונער און כּלערליי ווונדערלעכע זאַכן... און אַזוי ווי אין דעם דאָזיקן טעאַטער זענען געגאַנגען גרויסע מאַסן, האָט מען אָוועקגעשטעלט בײַם טויער פֿונעם טעאַטער־הויז צוויי זעלנערס. אויך קריסטן האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט די פֿאַרשטעלונגען און זענען געגאַנגען קוקן“...

עס זענען פֿאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע דאָקומענטן וואָס דערציילן וועגן דעם גרויסן דערפֿאָלג וואָס די מכירת־יוסף־קאָמעדיע האָט געהאַט אויך אין אַנדערע שטעט.

עס איז נישט גרינג איצט צו באַשטימען וואָס עס האָט ביי דעם דעמאָלטיקן צושויער מער אויסגענומען: די קאָמעדיע גופא, צי דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן. אַ הײַנטיקער טעאַטער־קריטיקער וואָלט מכירת־יוסף געהאַלטן פאַר אַ טרוקענער און דידאַקטיש־ראַציאָנאַליסטישער פּיעסע. אייגנטלעך איז עס נישט קיין פּיעסע אין בוכשטעבלעכן זין. זי איז נישט אײַנגעטיילט אַפילו אין באַזונדערע אַקטן און סצענעס. דאָס איז גיכער אַ דראַמאַטישע פּאָעמע אין 69 בילדער, וואָס איז באַשטימט מער צום לייענען ווי צום שפּילן.

„דער אויטאָר, — האָט געשריבן י. שיפּער, — קומט נישט פון טעאַטער, נאָר פון דער ליטעראַטור. ער טראַכט ווייניקער וועגן דעם, אַז זײַן דראַמאַטישע שאַפונג זאָל קאָנען דערשײַנען פאַרן שפּיגל פון דער בינע, ווי וועגן דעם, אַז זי זאָל קאָנען ווערן אַ שטיק ליטעראַטור... אים איז באַוווּסט געווען די דראַמאַטישע ליטעראַטור פון דער ,שלעזישער שולע' און ער האָט אויך איבערגענומען אַ סך פון אירע מעלות און חסרונות. זײַן שטיק איז פּונקט אַזאַ געטאָקטע און לײַדנשאַפטלאָזע מוח־אַרבעט ווי די שטיק פון אָפּיץ אָדער קריסטיאַן ווייזע."[1]

ווער זשע איז געווען דער אויטאָר פון דער מכירת־יוסף־קאָמעדיע?

מ. שטיינשנײַדער האָט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז דאָס איז געווען אַ געוויסער יששכר בערמאַן פון לימבורג. שטיינשנײַדערן האָבן נאָכגעפאָלגט מ. באַסין אין זײַן אַנטאָלאָגיע פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע (1917) און ב. גאָרין אין זײַן בוך געשיכטע פון יידישן טעאַטער (1918). אויך אין די יידישע ענציקלאָפּעדיעס אין דער רוסישער און ענגלישער שפּראַכן איז י. בערמאַן אָנגעוויזן ווי דער אויטאָר פון דער קאָמעדיע. י. שיפּער האָט אָבער אָפּגעפרעגט די השערה.

סײַ מ. שטיינשנײַדער, סײַ י. שיפּער זענען זיך סומך אויף איינעם און דעם זעלביקן מקור: אויף י. י. שודטן, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז יששכר בערמאַן איז געווען „דער פערפערטיקער" פון דער קאָמעדיע. מ. שטיינשנײַדער האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף באַטײַטן — דער מחבר; י. שיפּער — דער רעזשיסאָר פון דער פאָרשטעלונג.

ביידע צדדים גייען זיך אָבער צונויף אין דער מיינונג, אַז מכירת־יוסף, אין אונטערשייד פון אַנדערע פאָלקס־קאָמעדיעס, איז נישט קיין מינדלעכע אימפּראָוויזאַציע פון אַנאָנימע פּורים־שפּילערס, נאָר אַ ווערק פון אַן אינדיווידועלער און אייגנאַרטיקער שאַפערישער פּערזענלעכקייט.

---

1. מאַרטין אָפּיץ (1597—1639) — דײַטשישער דיכטער און ליטעראַטור־טעאָרעטיקער; קריסטיאַן ווייזע (1652—1708) — דראַמאַטורג און ראָמאַניסט.

## ב. „אַקטאַ אסתּר מיט אחשורוש"

די פֿאָלקס־קאָמעדיע אַקטאַ אסתּר מיט אַחשורוש[2] איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין פּראַג (1720) און איז אויך דאָרטן „גשפּילט וואָרדן בחצוצרות ושאר מיני כלי זמר".[3] שוין אַליין דער אויסערלעכער אויסזען פֿון דער אויסגאַבע איז זייער אינטערעסאַנט. דער שער־בלאַט איז אָנגעמאָלט אין טיפּישן באַראָק־סטיל: אויף צוויי מאַסיווע זײַלן, אַרומגעפֿלאָכטענע מיט דינע צווײַגן, איז צוגעפּעסטיקט אַ ווײַסער טאָוול, אויף וועלכן עס איז מיט רעליעפֿע אותיות פֿאַרצייכנט דער נאָמען פֿון דער קאָמעדיע, ווען און ווו זי איז געדרוקט און געשפּילט געוואָרן. די ייִדישע אותיות זענען אָן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל און וועבן זיך האַרמאָניש צונויף מיט די אָרנאַמענטן אויף די ראַנדן פֿון דעם בלאַט. אויפֿן לעצטן זײַטל פֿון דעם בוך זענען רעפּראָדוצירט אייניקע האָלצשניטן: אַ גרופּע פּאַיאַצן אין פֿאַרביקע נאַרן־קאָסטיומען, ווי אויך די „פּאָרטרעטן" פֿון מרדכי און המן. מרדכי איז אויסגעפּוצט אין אַריסטאָקראַטישע קליידער פֿון אַ הויפֿמאַן, און המן אין אַ קריגערישער טראַכט פֿון אַ מיטל־עלטערלעכן ריטער.

די אַקטאַ אסתּר מיט אַחשורוש איז ווייניקער אײַנגעהילט אין אַ שלייער פֿון אַנאָנימקייט, ווי אַלע איבעריקע קאָמעדיעס פֿון דעם זשאַנער. אויף דעם שער־בלאַט איז אָנגעוויזן, אַז עס האָבן זי געשפּילט „ווילע יונגען" און אַז צום טעקסט פֿון אָט דער לוסטיקער שפּיל האָט צוגעלייגט אַ האַנט נישט קיין אַנדערער ווי אַליין דער ראָש־ישיבה, דער באַרימטער ביבליאָפֿיל דוד אָפּענהיים (1644—1736). מיט זײַן דערלויבעניש איז די קאָמעדיע געשפּילט און אָפּגעדרוקט געוואָרן. אין דעם לשון פֿונעם אָריגינאַל לייענט זיך עס אַזוי: „שיש שמה סמיכה — של אדונינו מורינו ורבינו הגאון המפֿורסם מוהר"ר דוד אָפּנהיים... אויף איין אָפֿנטליכן דעאַטרום גשפּילט וואָרדן"...

ד. אָפּענהיים האָט זיך פֿאַראייביקט אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור נישט נאָר מיט זײַן שײַכות צו דער קאָמעדיע אַקטאַ אסתּר מיט אַחשורוש. ער איז געווען דער ערשטער גרויסער און לײַדנשאַפֿטלעכער זאַמלער פֿון ביכער און מאַנוסקריפּטן. זײַן מיטצײַטלער, דער באַרימטער ביבליאָגראַף יאָהאַן קריסטאָף וואָלף, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט ד. אָפּענהיימס זאַמלונגען, ווען ער האָט געאַרבעט איבער זײַן גרויסער, פֿירבענדיקער ביבליאָטעקאַ העב־

---

2. אין 17טן י"ה האָט מען אָנשטאָט קאָמעדיע, טראַגעדיע זיך אָפט מאָל באַנוצט מיטן וואָרט „אַקטאַ", וואָס זײַן בוכשטעבלעכער באַטײַט איז האַנדלונג. די פּיעסע וואָס מע האָט אויפֿגעפֿירט אויף דער ערשטער רוסישער טעאַטראַלער פֿאָרשטעלונג (1672), האָט אויך געהייסן „אַקטאַ אַחשורוש" – „Артаксерксово Действо".

3. מיט פּויקן און אַנדערע פֿאַרשידענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן.

ראַיקאָ (1715—1733), האָט אין יענער צײַט געשריבן, אַז אָפּענהיימס ביבליאָ־
טעק איז באַשטאַנען פון איבער זיבן טויזנט ביכער און טויזנט מאַנוסקריפּטן.

אויפן סמך פון ד. אָפּענהיימס ביבליאָטעק האָט מ. שטיינשנײַדער אָנגע־
שריבן זײַן באַוווסטע אַרבעט יידישע טײַטשע ליטעראַטור (סעראַפּעום נר' IX, X,
1848—1849). מ. שטיינשנײַדער איז אויך געווען דער ערשטער פון די מאָדערנע
געלערנטע, וואָס האָט אויספירלעכער באַשריבן די אַקטאָ אסתר מיט אַחשורוש.
פון די זעקס און פערציק יידישע פורים־שפּילן, וועלכע ער פאַרצייכנט אין זײַן
פורים און פּאַראַדיע, איז זי פון די ערשטע געדרוקטע „שפּילן", וואָס זענען צו
אונדז דערגאַנגען. אין איר זענען שוין פאַראַן אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן,
וואָס זענען אייגנטימלעך פאַר אָט דעם ספּעציפישן זשאַנער אין דער יידישער
ליטעראַטור־געשיכטע. אין משך פון דעם 18טן און 19טן י"ה האָט מען זי נישט
נאָר איבערגעדרוקט און אַ סך מאָל געשפּילט, זי האָט אויך געדינט ווי אַ מין
סטערעאָטיפּישער מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע קאָמעדיעס. דער אַראָמאַט פון אירע
העלדן איז אויך דערגאַנגען ביז צו איציק מאַנגערס מגילה־לידער, וואָס זענען,
ווי דער דיכטער האָט אַליין אָנגעוויזן, „אַ שטיפּערײַ אַזאַ, אויפן שטייגער פון די
פורים־שפּילערס אין אַלע צײַטן".

פאַרשטייט זיך, אַז אין איציק מאַנגערס לידער קומט קודם־כל צום אויס־
דרוק דאָס וועלטגעפיל פון אַ מאָדערנעם דיכטער. ער האָט אָבער אויף אַ מײַס־
טערהאַפטן אופן אויסגענוצט אין זיי די שפּראַך און די בילדערוועלט פון די אַלטע
פורים־שפּילן:

„אין דעם ביכליין, שיין פאַרטראַכט, און גוט געמאַכט, און צום דרוק גע־
בראַכט, זײַנען פאַראַן, פיר יעדערמאַן, סײַ ווײַב, סײַ מאַן, פיל ווונדערלעכע זאַכן
צום וויינען און צום לאַכן, פיל אויסטערלישע זאַגן, אויס קיניגן אסתרס טאָגן,
דרום לויפט בעהענדן, אויס אַלע עקן און ענדן, דאָס שיין ביכליין קויפן, דאָס
דער וואַגאַנט, איציק מאַנגער גיגאַנט, אויס וואַלאַכיש לאַנד, מאַג האָבן וואָס
צו זויפן..."

איציק מאַנגערס דיכטערישע לייסטונגען אין דעם געביט האָט, חוץ אַלעמען,
דערמאָנט אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג וועגן דעם חוב, וואָס זי איז שולדיק
די אַלטע אַנאָנימע דיכטערס, וועלכע האָבן שוין אין זייערע פאָלקסשפּילן גע־
וואָרפן די זוימען פון דעם סאַטירישן און גראָטעסק־זשאַנער פון דער מאָדערנער
יידישער ליטעראַטור.

די אַלטע אַנאָנימע מחברים זענען נישט געווען קיין מעכאַנישע קאָפּירערס
פון פרעמדע טעמעס און שאַבלאָנען. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך
דערהויבן צו אינדיווידועלע און אייגנאַרטיקע פּאָעטישע ווערק.

אויב, למשל, ושתיס קלאָגליד אין דער אַקטאַ אסתר מיט אחשורוש ווירקט מיט זײַן דראַמאַטיזם און פּאַטעטישן ווייגעשריי —

פעלדזן־קליפּן, הויכע בערגן,
פינצטערע וועלדער און טיפע טאָל,
ווילדע טיהרן, וואַסערוואַלן,
פויגל לופט און עכאָשאַל,
העלפט מיר מײַנע שמערצן באַווייַנען...
העלפט פעלדזן, העלפט שטיינער,
העלפט, וואָס נאָר העלפן קאָן.
העלפט, העלפט, העלפט,
וואָס נאָר העלפן קאָן... —

דער זעלביקער מאָטיוו האָט בײַ אַ צווייטן אַנאָנימען אויטאָר שוין באַקומען גאָר אַן אַנדערע דיכטערישע אינטערפּרעטאַציע:

פּאָטער קיניג, קיניגלעכער פּאָטער,
איך וועל בײַ דיר זײַן,
אַ פייגעלע זײַן,
איך וועל דיר אָנזינגען און אָנשפּילן,
אָבי שענק מיר מײַן יונג לעבנכן
גאָר ליבלעך און גאָר פײַן...
פּאָטער קיניג, קיניגלעכער פּאָטער,
איך וועל דיר זײַן
אַ הינטעלע זײַן,
איך וועל דיר אָנהאָווקען און אָנבילן,
אָבי שענק מיר מײַן יונג לעבנכן
גאָר ליבלעך און גאָר פײַן...
פּאָטער קיניג, קיניגלעכער פּאָטער,
איך וועל דיר זײַן
אַ דינסטמעדכן זײַן,
איך וועל דיר אויסקערן און אויסראָמען,
אָבי שענק מיר מײַן יונג לעבנכן
גאָר ליבלעך און גאָר פײַן...

אַ סך אַזעלכע פאָלקסטימלעך־פּאָעטישע פּערלען ליגן פאַרבאָרגן צווישן די טאָוולען פון די אַלט פאַרשטויבטע פּורים־שפּילן. מע דאַרף זיך נאָר אָנטאָן די מי און אַרויסגראָבן זיי פון דעם באַרג מיסט, וואָס די צײַט האָט אויף זיי אַרויפגעוואַלגערט.

## ג. „אַלס דער סוף איז גוט — איז אַלעס גוט"

דער טומלדיקער און לאַכנדיקער אייראָפּעישער רענעסאַנס פונעם 18טן יאָר־הונדערט האָט אויך נישט אויסגעמיטן די ייִדישע גאַס. קיין סאַלאָנען זענען דאָ נישט אַנטשטאַנען, אָבער אין די טאַנצהײַזער האָבן די קלאַנגען פונעם טראַדיציאָנעלן פידל זיך האַרמאָניש אַרײַנגעוועבט אין די אַקאָרדן פונעם וויאָלאָנטשעל און פון דער פליט. מע האָט אויך געטאַנצט לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע. די „טרוים־שפּילן מיט פרידלעכעס ענדן די מען טאַריאַטרום נענט" זענען געווען אַלץ מער און מער ענלעך אויף די קאָמעדיעס פון מאָליער, ווי אויף די פּאָלקס־טימלעכע פורים־שפּילן פון פאַרצײַטנס.

„אין אַ זיכערן מיטוואָך צי דאָנערשטיק, — דערציילט אַ האָלענדישער שרײַבער אין אַן אַמסטערדאַמער צײַטונג פון דעם 25סטן מאַרץ 1726, — האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ הילצערנער שאָפּע, וואָס שטייט אין די יאָאַדיסע האַלטטוינען (נאָמען פון אַ גאַס אין געטאָ) און וועלכן די סמאָוסע אַרטיסטן (סמאָוסן — אַ זידלוואָרט פאַר ייִדן) האָבן איבערגעאַנדערשט אין אַ באַקוועמען טעאַטער. דער אינטעריער איז געווען באַשיידן און געשמאַק אויסגעשטאַט און איז גאָרנישט ענלעך געווען צו זײַן אויסערלעכן אויסזען. מע האָט דאָרט נישט געזען קיין געטער, געטינס און ים־נימפעס, וואָס שוועבן אין די טאַגיקע וואָלקנס... אַנשטאָט די באַלערנדיקע דערשײַנונגען האָט זיך דאָרט געפונען אַ קליינינקע בינע. רעכטס איז געשטאַנען אַ בופעט מיט כל־טוב: בראַנפן, זיסער קוכן, פײַקעס טאַביק און ווערעמדיקע פּאָמעראַנצן. צוויי בכּבודיקע ענגליײַכטערס, וואָס האָבן מן־הסתּם אַ מאָל באַלויכטן די טײַוולאָנישע חתונה פון פּראָזערפּינען, האָבן געפלאַקערט מיט זיבן פלאַמען... דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון פיר מוזיקאַנטן... געשפּילט האָט מען דאָס מזל איז קײַלעכיק"... און ווײַטער דערציילט דער האָלענדישער באַזוכער פון „סמאָוסן־טעאַטער" וועגן דער שפּיל פון די אַקטיאָרן, באַזונדערס וועגן לייבכע דעם היטל־מאַכער, וואָס האָט געשפּילט דעם קיניג, און נאַבאַראַ דעם פאַבריק־מאַכער, וואָס האָט געשפּילט די פּרינצעסין, און ענדיקט, ווי ער פאַרלאָזט די שאָפּע אַן אַנגעגליטער דורך ז"י „וואַרעמע סמאָוסע פרײַלינגס".

אין אָט די איבערגעאַנדערשטע שאָפּעס איז אויפגעקומען אַ רײַכע טעאַטער־קולטור און אַן אינטערעסאַנטע דראַמאַטישע ליטעראַטור. וועגן אַ סך ווערק פון יענער צײַט ווייסן מיר ביז הײַנט גאָרנישט. זיי ליגן אומבאַרירט אין די אַרכיוון און ביבליאָטעקן, און די מאָדערנע פאָרשערס האָבן זיי נאָך אַפילו נישט איבערגעלייענט. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך דער גרויסער אינטערעס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די אומבאַקאַנטע אַנאָנימע קאָמעדיע, וואָס דער געלערנטער ל. פוקס האָט געפונען אין 1946 אויף די חורבות פון דער אַמסטערדאַמער געטאָ.

דעם אויסגעשיפרירטן טעקסט מיט אַן איבערזעצונג אין מאָדערנעם ייִדיש האָט ל. פוקס אָפּגעדרוקט אין 1955 אין דעם פּאַריזער פאַרלאַג „אויפסנײַ". דער

נאָמען פֿון דער קאָמעדיע איז אַלס דער סוף איז גוט, — איז אַלעס גוט. צו דער אויסגאַבע האָט ל. פֿוקס אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן פֿאָרוואָרט וועגן דעם היסטאָרישן באַדן און קלימאַט פֿון דער צײַט, ווען די קאָמעדיע איז אַנטשטאַנען (פֿון דעם פֿאָרוואָרט, אגב, האָבן מיר אַנטליִען דעם פֿריִער געבראַכטן אויסצוג פֿון דער אַמסטערדאַמער צײַטונג).

די ייִדישע ליטעראַטור פֿון יענער תּקופֿה איז דורך און דורך אַ טענדענציעזע. די שרײַבערס זענען לײַדנשאַפֿטלעכע קעמפֿערס פֿאַר די אויפֿקלערונגס־אידעען, וואָס זענען אויפֿגעקומען אין דעם 18טן יאָהונדערט, אין דעם יאָרהונדערט פֿון די ליכטער, ווי מע רופֿט געוויינטלעך יענע צײַט. אויך דער אַנאָנימער אויטאָר פֿון דער קאָמעדיע פֿירט אַ האַפֿטיקן קאַמף קעגן „לײַכטזין און פֿרעמעלײַא". רעמבראַנדטיש קרייצן זיך בײַ אים איבער די ליניעס פֿון ליכט און שאָטן. ער שילדערט מענטשן, וואָס פֿירן אַ טאָפּלדיקן חשבון אין לעבן. אַרײַנפֿירנדיק אונדז אין דעם סאַמע דנאָ פֿון דעם דעמאָלטיקן לעבן, אין דער וועלט פֿון שנאָרערס און שווינדלערס, באַשרײַבט ער רעאַליסטיש זייערע רויע געפֿילן, גראָבע רייד און אויך זייער לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע, וואָס איז זייער אַן איינפֿאַכע: „די וועלט איז פֿול מיט רמאים (שווינדלערס), און רמאים מוזן פֿאַרט זײַן". איז מען טאַקע וואָס אין דער קאָרט און מע מאַכט נאָר דעם אַנשטעל, אַז מע איז גוט און פֿרום.

דער קאָמיזם אין דער פּיעסע באַקומט זיך נישט פֿון דער האַנדלונג, נאָר קודם־כּל פֿון אָט דער שפּיל, וואָס די מענטשן פֿירן מיט זיך גופֿא. צום סוף רײַסן זיי אַליין פֿון זיך אַראָפּ די מאַסקעס: מיר זענען נישט די וואָס איר מיינט. מיר האָבן זיך פֿאַרשטעלט, נישט אַזוי אײַך צו פֿאַרווײַלן, נאָר גיכער איר זאָלט פֿון דעם אַלעמען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השׂכּל און זיך נישט לאָזן נאַרן.

אין די גראָטעסקע בילדער שאַפֿט דער אויטאָר אַ שאַרפֿע סאָציאַלע סאַטירע.

מיר האָבן פֿאַר זיך אַ ווערק וואָס באַרײַכערט אונדזער פֿאַרשטעלונג וועגן דעם פּראָבלעמען־קרײַז פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער עפּאָכע ביז מענדעלען.

לויט דער רײַכקייט פֿון שפּראַך האָט די קאָמעדיע כּמעט נישט קיין גלײַכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער צווייטער העלפֿט 18טן יאָרהונדערט. אַפֿילו אַזעלכע באַדײַטנדיקע ווערק ווי ר' הענאָך אָדער וואָס טוט מען דערמיט פֿון איציק אייכל (1758—1804) און לײַכטזין און פֿרעמעלײַא פֿון אהרון האַלע וואָלפֿסאָן (1754—1835) זענען, לויט מ. ווינערס באַמערקונג, „פֿאַרט דײַטשע פּיעסעס, אין וועלכע עס ריידן באַשטימטע פֿיגורן ייִדיש"... „ייִדיש איז דאָ נאָר אַן עטנאָגראַפֿיש־נאַטוראַליסטישער עלעמענט אין אַ דײַטש ווערק". די אַנאָנימע קאָמעדיע איז אַ ריין ייִדישע פּיעסע, וווּ די שפּראַך איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה. זי פֿאַרמאָגט אַ רײַכע לעקסיק פֿון דער לעבעדיקער ריידשפּראַך אין סוף 18טן יאָרהונדערט.

# „סיפורי מעשׂיות"

סאַנטשאָ פּאַנטשאָ האָט געהאַלטן אַז דער וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם שלאָף, איז באַשטימט געווען זייער אַ קלוגער מענטש און מע דאַרף אים דערפֿאַר שטענדיק לויבן. נאָך מער דאַרף געלויבט ווערן, האָט צוגעגעבן דער באַרימטער דײַטשישער מעשׂה־דערציילער ע. ט. אַ. האָפֿמאַן (1776—1822), דער וואָס האָט געפֿונען דעם טרוים. „נישט דעם טרוים וואָס אַנטשטייט ווען מיר שלאָפֿן, נאָר דעם טרוים וואָס באַגלייט אונדזער גאַנץ לעבן, דעם טרוים וואָס רײַסט אונדז אַרויס פֿון דער דריקנדיקער אַטמאָספֿער אין טאָג־טעגלעכקייט, דעם טרוים וואָס פֿאַרוואַנדלט אונדזערע טרייסטלאָזע פֿלאָגן אין העלע האָפֿענונגען"...

אַן ענלעכן געדאַנק האָט אין דער זעלביקער צײַט אַרויסגעזאָגט דער ייִדישער מעשׂה־דערציילער נחמן בראַצלאַווער (1772—1811), וואָס האָט מן־הסתּם אפֿילו נישט געוווּסט וועגן זײַן גרויסן דײַטשישן מיטצײַטלער, פּונקט ווי ער האָט זיכער נישט געוווּסט, אַז מיט זײַנע מעשׂיות וועגן אַ בן־מלך און אַ בת־מלכּה, אַ חכם און אַ תּם, בעטלערס און קאַרליקעס זעצט ער פֿאָר אַן אייגנאַרטיקע טראַדיציע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. און דערגאַנגען איז אָט די טראַדיציע צו אים נישט דורך דער קינסטלערישער ליטעראַטור, נאָר דורכן פֿאָלקלאָר.

לויט דעם גבֿית־עדות פֿון נחמן בראַצלאַווערס עקערמאַן, נתן שטערנהאַרץ (1780—1845), האָט דער בראַצלאַווער ליב געהאַט צו הערן און דערציילן פֿאָלקס־מעשׂיות. „די וועלט זאָגט, — האָט נ. שטערנהאַרץ פֿאַרשריבן נחמן בראַצלאַווערס ווערטער, — אַז מיט מעשׂיות איז גוט אײַנצושלעפֿערן, און איך זאָג, אַז מיט מעשׂיות וועקט מען אויף מענטשן פֿון שלאָף"...

די פֿאָלקס־מעשׂה איז איינע פֿון די שווערסטע רעטענישן פֿאַר דער פֿאַרגלײַכנדיקער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט. די פֿאַרשיידענע טעאָריעס און פֿאָלקלאָריסטישע שולן (די אינדישע, פֿינלאַנדישע א"אַ), וואָס זענען פֿאַר דעם לעצטן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען, זענען נישט אין שטאַנד צו דערקלערן די סיבות וואָס האָבן גורם געווען די מערקווערדיקע ענלעכקייטן פֿון געשטאַלטן, מאָטיוון און סוזשעטן אין דעם פֿאָלקלאָר פֿון גאָר פֿאַרשיידענע פֿעלקער. „נישט געקוקט, — שרײַבט דער רוסישער געלערנטער וו. מ. זשירמונסקי, — אויף דער גרויסער

צאָל מאָנאָגראַפיעס (דער עיקר פון דער פינישער שול), געווידמעט איינצלנע מעשה־סוזשעטן, אויך אויף די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קאַטאַלאָגן פון מעשיות, צונויפגעשטעלטע לויט אאַרנעס סיסטעם,[1] איז ביז איצט נישט אויסגעקלאָרט, וועלכער טייל פון דעם מעשה־רעפּערטואַר ביי דעם אָדער יענעם פאָלק איז אַ צווישנפעלקערלעכער און וועלכער אַ לאָקאַלער; ווו האָבן מיר צו טאָן מיט אי־דענטישע סוזשעטן און ווו בלויז מיט ווייטע טעמאַטישע און סוזשעטישע ענ־לעכקייטן; וועלכע זענען די געאָגראַפישע גרענעצן אין דער פאַרשפּרייטונג פון די אידענטישע אָדער בלויז ענלעכע סוזשעטן; און קודם־כל — אין וואָס באַ־שטייען די אייגנאַרטיקע ענדערונגען פון די סוזשעטן אין די פאַרשיידענע נאַ־ציאָנאַלע ווערסיעס, זייער ספּעציפישער נאַציאָנאַל־שטייגערישער אינהאַלט, סאָ־ציאַלע באַציִונגען און פאָלקס־אידעאָלאָגיע, וואָס דערגאַנצט און ענדערט די סו־זשעטישע סכעמע״...[2]

אויך די יידישע פאָלקס־מעשה איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם, אַזאַ באַדייטנדיקער פאַרשער פונעם פאָלקלאָר אין דעם תּלמוד און אין מדרש, ווי לוי גינצבורג (1873—1953), האָט קאָנסטאַטירט אין זיין אַרבעט יידישער פאָלקלאָר: — מיזרח און מערב (1937), אַז אויף די מעשיות, וואָס זענען אויפגעקומען אין די יידישע ישובים פון אייראָפּע, האָט דער פאָלקלאָר פון די אַרומיקע פעלקער גע־ווירקט נישט ווייניקער ווי די מעשיות און אגדות פון דעם תּלמוד און מדרש.

אין דער עפּאָכע פון חסידיזם איז דער מעשה־זשאַנער באַזונדערס געווען פאַרשפּרייט. זיין העכסטע אַנטוויקלונג־סטאַדיע האָט ער דערגרייכט אין נחמן בראַצלאַווערס סיפּורי מעשיות.

נחמן בראַצלאַווערס מעשיות טיילן זיך אויס פון דעם אַלגעמיינעם חסידישן „מייסעגען״ — ווי י. אָקסענפעלד האָט זיך זיינער צייט אויסגעדריקט — נישט נאָר מיט דעם וואָס זיי זענען אַ פּראָדוקט פון אַן אינדיווידועלער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, נאָר אויך מיט זייערע אייגנאַרטיקע טעמעס און סוזשעטן.

נחמן בראַצלאַווער דערציילט נישט נאָר וועגן גלייביקע און אַפּיקורסים, וועגן נסים און נפלאות פון דעם צדיק. אים אינטערעסירן אויך די „קאַטאַוועסן״ פון פּשוטע מענטשן. ער קוקט אַפילו אַריין אין „טרינקהייזער״ און אַהין, ווו „הורן זיצן״. מע פּראָוועט אין זיינע מעשיות בעלער און מע שפּילט „קומעדיעס״. און ווען די מעשה פאָדערט עס, האָט דער פרומער רב נחמן אויך הנאה פון אַ יפת־תואר, „וואָס האָט אַלערליי חנען פון דער וועלט. און מחמת איר גרויס שיינקייט זענען אַ טייל געבליבן אין חלשות און אַ טייל משוגע געוואָרן מחמת חולאת האהבה״...

1. אאַרנע אַ. אַ. (1867—1925) — אַנגעזעענער פינלענדישער פאָלקלאָריסט.
2. ציטירט לויט דעם זאַמלבוך „דער סלאַווישער פאָלקלאָר און די היסטאָרישע ווירקלעכקייט״, מאָסקווע 1965, ז' 440.

פון די דרייַצן מעשיות וואָס נחמן בראַצלאַוווער האָט געשאַפן זענען צוויי („מעשה ממלך וקיסר", „מעשה מבעגיר ועני") וועגן די ליבעליידן פון יונגע מענטשן און וועגן די פאַנטאַסטישע פערעפעטיעס, וואָס עס קומט זיי אויס דורכצומאַכן ביז זיי זענען גובר די שטרויכלונגען וועלכע שטייען זיי אין וועג.

אַן אייביקער שטרייַט צווישן דעם גוטן און דעם שלעכטן קומט פאָר אין די מעשיות פון נחמן בראַצלאַוווער. עס באַשעפטיקט אים אין זיי נישט אַזוי די טראַדיציאָנעלע פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו". ער איז אָפּטימיסטישער פון זייַנע פאָרגייערס און גלייבט אַז סוף־כל־סוף מוז דער גערעכטער באַקומען זייַן לוין און דער רשע זייַן שטראָף. פון דער נאַטור, האַלט ער, איז דער מענטש אַ גוטער. דאָס שלעכטע אין אים איז אַ פּראָדוקט פון דער צייַט, פון דער סביבה. ער דאַרף עס נאָר אַליין אין זיך דערפילן, ווי ער הייבט זיך אָן ווערן קעגן דעם.

דער זין און דאָס שייַנע אין דער עטיק איז, לויט נחמן בראַצלאַוווער, דאָס זוכן און געפינען דאָס גוטע אין זיך.

וועגן ע. ט. אַ. האָפמאַן האָט דער דייַטשישער דיכטער און ליטעראַטור־היסטאָריקער קלאַבונד געשריבן, אַז זייַנע מעשיות באַדאַרף מען פאַר דעם גיין שלאָפן נישט לייענען. נישט נאָר וואָס מען האָט פון זיי אַ שלאָפלאָזע נאַכט, נאָר מע הייבט צום סוף אָן פאַר זיך אַליין מורא האָבן.

נחמן בראַצלאַוווערס מעשיות שרעקן נישט. פאַרקערט, עס הערשט אין זיי אַ גוטע און מילדע אַטמאָספער. זייערע העלדן ווערן גיך היימיש און נאָענט, און דער לייענער קאָן נישט זייַן גלייַכגילטיק צו זייער גורל. אויך קיין שדים און געשפענסטערס זענען אין זיי נישט פאַראַן. און אויב זיי באַווייַזן זיך ערגעץ ווו, ווי, למשל, אין דער „מעשה מחיגר", ווערן זיי זייער גיך פאַרטריבן, און — פאַרענדיקט דער בראַצלאַוווער — „גאָר די מעשה איז מרומז... ווער ס'האָט אויגן לאָז זען און ווער עס האָט אַ האַרץ לאָז פאַרשטיין, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך".

דער רוים פון נחמן בראַצלאַוווערס מעשיות איז אונדזער פּלאַנעטע. זיי זענען אין תוך ערדישע געשיכטעס. ער שוועבט נישט אין די הימלען. דאָ אויף דער ערד בויט ער זייַנע פּערלדיקע שלעסער און גילדענע בערג. עס זענען אין זיי פאַראַן אויך ווונדער־געשטאַלטן, וואָס הערשן איבער די ווינטן, איבער די חיות, עופות אד"גל. זיי זענען אָבער שטענדיק אונטערטעניק דעם מענטשנס ווילן. נאָר דער מענטש, די מוזיק און די נאַטור זענען די וויכטיקע און ווירקנדיקע כוחות אין נחמן בראַצלאַוווערס מעשיות. צווישן אָט די דרייַ כוחות איז פאַראַן אַ שטענדיקע האַרמאָניע. זיי לעבן און באַווירקן זיך קעגנזייַטיק. אַלץ לעבט און איז טעטיק. די גאַנצע נאַטור. „יעדעס גרעזעלע האָט זיך זייַן ניגון. און די פאַסטעכער זינגען זייער ליד לויטן ניגון פון די גראָזן און דאָס אָרט ווו זיי פאַשען זייערע שעפּע־

לעך... און ווער עס איז זוכה צו הערן די שירה פֿון יעדן גרעזעלע, קאָן פֿילן ווי שיין זי איז, ווי ריין זי איז. ריין פֿון יעדער פּניה, פֿון יענער מחשבה־זרה... אַלע תּענוגים פֿון דער וועלט זענען גאָרנישט אַקעגן דעם ווילד גרויסן תּענוג וואָס מע האָט, אַז מע הערט דעם וווּנדערלעכן ניגון"...

ווען מע זאָל פֿון נחמן בראַצלאַווערס מעשׂיות און פֿון זײַנע אַנדערע ספֿרים אויסטיילן באַזונדער די ערטער וועגן מוזיק און נאַטור, וואָלט מען געקאָנט מיי־נען, אַז נישט די „שבֿחי האר"י" און נישט די „שבֿחי בעש"ט" האָבן געשפּײַזט זײַן געמיט, נאָר די ווערק פֿון דער ראָמאַנטיק. זײַן פֿאַנטעזיסטישער צוגאַנג צו דער נאַטור, זײַן באַנעמען די מוזיק ווי אַ העכסטן אויסדרוק פֿון דער וועלט־האַרמאָניע רופֿן זיך אין אַ געווויסער מאָס איבער מיט די געדאַנקען פֿון האָפֿמאַ־נען און אַנדערע ראָמאַנטיקער.

צווישן נחמן בראַצלאַווערס און ע. ט. אַ. האָפֿמאַנס מעשׂיות איז אָבער פֿאַראַן אַ פּרינציפּיעל וועזנטלעכער אונטערשייד. אין האָפֿמאַנס מעשׂיות הערשן דעמאָ־ניש־פֿאַטאַלישע כּוחות. דער מענטש איז נישט מסוגל צו באַשטימען זײַן אייגענעם גורל. עס קומט אין אים פֿאָר אַ שטענדיקער ווידעראַנאַנד פֿון אינערלעכע אַנטי־פּאָדישע כּוחות. ער באַשטייט פֿון צוויי „איכן", און וואָס איין „איך" בויט, צע־שטערט דער צווייטער. נחמן בראַצלאַווער האָט אַ מאָניסטישן וועלטבאַנעם. ער זוכט שטענדיק די האַרמאָנישע און גאַנצע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

דער פּראָבלעמען־קרײַז פֿון נחמן בראַצלאַווערס מעשׂיות איז זייער פֿאַרשיידנ־אַרטיק. די עטישע און פֿילאָסאָפֿישע מאָטיוון זענען מערסטנס אײַנגעהילט אין אַ פֿאַנטאַסטיש־אַלעגאָרישער בילדערישקייט. די סאָציאַלע מאָטיוון זענען מער קאָנ־קרעטיזירט, די היפּערבאָלישע גראָטעסקבילדער וועגן די אומגערעכטיקייטן אין דער וועלט זענען ממש פֿון אַן אוניווערסאַלן פֿאַרנעם און באַטײַט. ווײַלנדיק, למשל, דערווײַזן די פֿאַרדאַרבענע ווירקונג וואָס דאָס געלט האָט אויף דעם מענטשן, קלערט נחמן בראַצלאַווער צו אַ מעשׂה וועגן „אַ מדינה וואָס דאָרט איז געווען גרויס עשירות. זיי זענען אַלע געווען עשירים, נאָר דאָס פּירעכץ פֿון דער מדינה איז געווען זייער ווילד, וואָרן עס האָט זיך בײַ זיי אַלץ געפֿירט ווײַדליק דעם עשירות. איטלעכנס מעלה און איטלעכענס כּבֿוד איז נאָר געווען ווײַדליק זײַן עשירות. עס איז בײַ זיי אויסגעזעצט געווען, אַז דער וואָס האָט זײַן אייגנס אַזוי פֿיל אַלפֿים געלט, קומט אים די מעלה און דער כּבֿוד... אַלע מעלות בײַ זיי איז אַלץ געווען ווײַדליק דעם געלט, וואָס איטלעכער האָט געהאָט... און אַזוי איז בײַ זיי אויסגעזעצט געווען, אַז ער האָט גאָר אַזוי פֿיל געלט, איז ער אַ גלאַטער מענטש, און אַז ער האָט אָבער נאָך ווייניקער, איז ער שוין גאָר קיין מענטש נישט, נאָר ער איז אַ חיה אָדער אַן עוף... עס איז שוין בײַ זיי אײַנגעוואָרצלט געווען אין דער דעה, אַז דער עיקר איז נאָר דאָס געלט... ביז עס איז בײַ זיי געבליבן, אַז דער וואָס ער וועט האָבן זייער פֿיל געלט,

אַזוי פיל און אַזוי פיל אלפים ורבבות, דער זאָל זײַן אַ גאָט... איז די מדינה אַוודאי פול געווען מיט רציחה און גזילה״...

די קרוין פון נחמן בראַצלאַווערס שאַפן איז די מעשה וועגן זיבן בעטלערס: אַ בלינדער, אַ טויבער, אַ היקעוואַטער, אַ הויקער אאַ״וו. צום סוף ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז נישט זיי באַזיצן די פעלערן, נאָר די סביבה וואָס רינגלט זיי אַרום. אין דער אמתן זענען זיי די פּערפעקסטסטע מענטשן אין דער געזעלשאַפט — דענקערס, דיכטערס, מאָלערס און מוזיקערס. נאָר ווײַל זיי ברעכן די באַרמעס פון דעם קאָנווענציאָנעלן דענקען און דעקן אויף די חסרונות פון דעם לעבן, האַלט מען זיי פאַר חסר־דעהניקעס, פאַר גײַסטיקע אינוואַלידן.

די מעשה וואָס יעדער בעטלער באַזונדער דערציילט האָט אין זיך איר ספּעציפישע פאַנטאַסטיק און קאָנקרעטע געדאַנקלעכקייט. אין יעדער מעשה אַנט־פּלעקט זיך אַן אַנדער זײַט פון דער ווירקלעכקייט, און אַלע צוזאַמען שאַפן אַ בילד וועגן די ליידן און פריידן אין דער וועלט.

„עס איז דאָ איינער וואָס האָט יסורים פון זיך אַליין און עס איז דאָ איינער וואָס לײַדט פון זײַנע שכנים און עס איז דאָ איינער וואָס האָט צרות פון זײַן משפחה און איינער וואָס נעמט זיך צום האַרצן די ליידן פון זײַן שטאָט. אָבער עס איז פאַראַן אַזאַ מענטש וואָס די ליידן פון דער גאַנצער וועלט זענען זײַנע ליידן״...

וויפל טיפזיניקייט און, ווי מיר וואָלטן זיך הײַנט אויסגעדריקט, סאָציאַלן חוש ווײַזט נחמן בראַצלאַווער אַרויס אין דער מעשה פון דעם טויבן בעטלער!

„איר מיינט, אַז איך בין טויב? איך בין גאָרנישט טויב. נאָר די גאַנצע וועלט טרעפט בײַ מיר גאָרנישט אָן, אַז איך זאָל הערן זייער חסרון... עס איז פאַראַן אַ מדינה וואָס זיי האָבן געהאַט אַ גאָרטן און אין דעם גאָרטן זענען געווען פּירות, וואָס זיי האָבן געהאַט אַלערליי טעמים, אַלערליי ריחות וואָס אין דער וועלט, און אַלערליי מראות; וואָס פאַר אַ פאַרב אין אַלע קוויטן וואָס אין דער וועלט, איז אַלץ געווען דאָרט אין דעם גאָרטן. און עס איז געווען איבער דעם גאָרטן אַן אָגראָדניק. פלעגט די מדינה (האָבן) צו לעבן חיים טובים דורך דעם גאָרטן. איז דאָרט דער אָגראָדניק פאַרפאַלן געוואָרן. מילא, וואָס עס איז דאָרט דאָ אין דעם גאָרטן מוז בוודאַי שוין גאָר צו נישט ווערן. וואָרעם עס איז שוין נישטאָ דער אָגראָדניק וואָס זאָל דעם גאָרטן פּילעווען. נאָר זיי וואָלטן נאָך געקאָנט לעבן פון דער ווידערוואָקסונג וואָס עס וואַקסט אין גאָרטן אַליין, פון דעם וואָס עס פאַלט אַראָפּ. איז אָנגעקומען דער מלך, אַן אומדערבאַרעמדיקער און האָט זיי קאַליע געמאַכט דעם גאָרטן... און נישט נאָר האָט ער קאַליע געמאַכט דעם גאָרטן, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט... דרײַ קיטעס״... און זיי האָבן שוין קאַליע געמאַכט די גאַנצע מדינה. און שוין זײַנער צײַט האָט נחמן בראַצלאַווער זיך אונטערגענומען, דורך דעם טויבן בעטלער, צו לערנען די מענטשן, אַז זיי ווילן

נאָר דאַן פּטור ווערן פֿון זייערעליידן, ווען זיי וועלן פֿאַרטרײַבן דעם „מלך אכזר" מיט זײַנע אונטערהעלפֿערס.

...„און אַז איר וועט אַזוי טאָן, זאָג איך אײַך, אַז לא די וואָס עס וועט בײַ אײַך פֿאַרריכט ווערן דער טעם און די מראה און דער ריח. נאָך מער, אַפֿילו דער אָגראַדניק וואָס ער איז בײַ אײַך פֿאַרפֿאַלן געוואָרן וועט ער זיך אויך קאָנען אָפּזוכן"...

און פּונקט ווי דער טויבער בעטלער איז מער הערעוודיק ווי אַנדערע, אַזוי איז דער בלינדער מער זעעוודיק.

...„איר מיינט אַז איך בין אַ בלינדער, איך בין גאָרנישט בלינד. די גאַנצע וועלט טרעפֿט בײַ מיר נישט אָן ווי איין אויגנבליק... וואָרעם איך בין זייער אַלט און איך בין נאָך גאָר יונג. און איך האָב נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן צו לעבן און בין פֿאָרט זייער אַלט"... אַזוי רעדט דער פֿאָרשטייער פֿון דעם נײַעם דור, וואָס איז ערשט אַרויף אויף דער געשיכטלעכער אַרענע, און כאָטש ער איז יונג אין יאָרן, איז ער אַלט מיט דערפֿאַרונג און וויסן וואָס ער האָט געירשנט פֿון די פֿריִער־דיקע דורות. זײַן קוקווינקל איז קלאָר, די האָריזאָנטן ברייטערע און דאָס אַלץ העלפֿט אים טיפֿער באַנעמען דעם גײַסט פֿון דער צײַט.

און דער בעסטער אויסדריקער פֿון דעם צײַטגײַסט איז דער שרײַבער, דער פּאָעט.

...„עטץ מיינט אַז איך בין אַ כבד־פּה, איך בין גאָר קיין כבד־פּה נישט... אַדרבא, איך בין אַ מליץ און אַ דברן זייער אַ ווילער... אַז איך הייב אָן צו ריידן מײַנע שירים מיט מײַנע לידער, איז גאָרנישט פֿאַרהאַנדן קיין באַשעפֿע־ניש אין דער וועלט וואָס זאָל עס נישט וועלן הערן. און עס איז אין זיי דאָ אַ כּל־החכמות, און איך האָב אַ הסכמה דערויף פֿון דעם גרויסן מאַן, וואָס ער הייסט דער אמתער איש־חסד... דער עיקר צײַט ווערט נאָר דורך אמתע חסדים, און איך גיי אום און נעם צונויף אַלע אמתע חסדים און ברענג זיי צו דעם אמתן איש־חסד וואָס דערפֿון ווערט דער זמן"...

און ווײַל ער איז אַ דיכטער, דריקט ער אויס זײַנע געדאַנקען אין פּאָע־טישע מעטאַפֿאָרן און בילדער:

...„עס איז פֿאַראַן אַ באַרג. אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין. פֿון דעם שטיין גייט אַ קוואַל. און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ. און די וועלט אין גאַנצן האָט אויך אַ האַרץ. און דאָס האַרץ פֿון דער וועלט... איז האַרציקער איידער אַן אַנ־דערס האַרץ. און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייט אין איין עק פֿון דער וועלט. און דאָס האַרץ פֿון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פֿון וועלט. און דאָס האַרץ שטייט אַקעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט תּמיד זייער אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל... און דער קוואַל גלוסט צו דעם האַרץ אויך. און דאָס האַרץ האָט צוויי שלאַפֿקייטן: איינס, וואָרעם די זון יאָגט עס און ברענט עס,

ווײַל עס בענקט אַלץ און וויל קומען צום קוואַל. און דאָס אַנדערע שלאָפֿקייט האָט דאָס האַרץ, מחמת דאָס בענקען און דאָס גלוסטן. נאָר אַז דאָס האַרץ באַדאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען, קומט אַ גרויסער פֿויגל און פֿאַרשפּרייט די פֿליגל אויף אים און פֿאַרשטעלט אים די זון. דעמאָלט רוט זיך דאָס האַרץ אָפּ אַ ביסל. און אַפֿילו דע־מאָלט קוקט עס אויך אַקעגן דעם קוואַל און בענקט אַלץ... און אַז ער שטייט אַקעגן באַרג זעט ער אַרויס דעם שפּיץ באַרג, וואָס דאָרט איז דער קוואַל. אָבער תּיכּף ווי באַלד ער וויל צוגיין צום באַרג זעט ער שוין נישט אַרויס דעם שפּיץ, קאָן ער שוין נישט קוקן אויף דעם קוואַל, קאָן ער, חס־ושלום, אויסגיין. און אַז דאָס האַרץ זאָל, חס־ושלום, אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן... און דער קוואַל האָט קיין שום צײַט נישט... ער איז גאָר העכער פֿון דער צײַט, פֿון דער וועלט. די צײַט פֿון דעם קוואַל איז נאָר וואָס דאָס האַרץ שענקט דעם קוואַל אַ טאָג במתּנה. און אַז דער טאָג וויל זיך שוין אויסלאָזן, צום סוף טאָג, הייבן זיי זיך אָן געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס האַרץ מיט דעם קוואַל. און זיי הייבן אָן זאָגן חידות און לידער איינער צום אַנדערן, מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיט גרויס בענקעניש. און דער אמתער איש־חסד האָט דערויף השגחה. און ווי עס קומט דער טאָג גאָר צום סוף, גאָר ער זאָל זיך אויסלאָזן, קומט אָן דער אמתער איש־חסד און שענקט אַ טאָג דעם האַרצן. און דאָס האַרץ שענקט דעם טאָג אַ קוואַל״.

נחמן בראַצלאַווערס אילוזאָרישן און רעליגיעזן וועלטבאַנעם פֿילט מען, פֿאַרשטייט זיך, אין זײַנע מעשיות. דער שטאָף אָבער מיט וועלכן ער אָפּעריִרט איז אַ וועלטלעכער.

די רעליגיעזע, מוסרדיקע, סימבאָלישע עלעמענטן זענען אָפּט בלויז אַן אויסרייד אויף אויסצושפּרייטן דעם געוועב פֿון זײַן דיכטערישער פֿאַנטאַזיע.

נחמן בראַצלאַווערס מעשיות זענען אין זײַן צײַט און אויך אַ סך יאָרן שפּע־טער נישט אַרויס פֿון די חסידישע קרײַזן, און פּונקט ווי אין דער עראָטיק פֿון שיר־השירים, האָבן די חסידים אויך אין די מעשיות געזוכט פֿאַרבאָרגענע סודות. אַ געוויסער נחמן פֿון טשיהירן האָט אַפֿילו אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן ספר רמזי המעשׂיות.

דער דידאַקטיש־טרוקענער ראַציאָנאַליזם פֿון די ערשטע משׂכּילים איז נישט מסוגל געווען אָט די מעשיות אויפֿצונעמען. אויך אין דער צײַט פֿון קריטישן רעאַליזם האָט מען זיי נישט באַנומען ווי געהעריק. ערשט מיט דעם אויפֿקום פֿון דער ראָמאַנטיק האָט מען ווי געהעריק דערזען זייער וועלטלעכן און קינסט־לערישן באַטײַט. י. ל. פּרץ איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דערקלערט נחמן בראַצלאַווערן ווי דעם ערשטן פֿאָלקסדיכטער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטע־ראַטור, און אין זײַן נאָוועלע רב נחמנקעס מעשׂיות האָט ער געשאַפֿן דעם בראַצ־לאַווערס ליטעראַריש־קינסטלערישן פּאָרטרעט.

# „מעשיות ואיגרות"

אין אונדזער ליטעראַטור־פֿאָרשונג האָט זיך קאָנאָניזירט אַ מין סטאַנדאַרטע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם באַקאַנטן שרײַבער יוסף פּערל (1773—1839). ער ווערט דער עיקר פֿאַרגעשטעלט ווי אַ קאָמפּעריש־דידאַקטישער משׂכּיל, און זײַנע עפּיסטאָלאַרע ווערק — ווי אַ שאַרפֿע פּאַראָדיע קעגן חסידיזם. דער בולטער ליטעראַטור־עסטעטישער כאַראַקטער פֿון זײַן שאַפֿן און די אייגנטימלעכע קינסטלערישע כּוונות פֿון דעם אויטאָר זענען כּמעט אין גאַנצן פֿאַרזען געוואָרן. אַפֿילו אַזאַ באַדײַטנדיקער פֿאָרשער ווי מ. ווינער האָט, אין תּוך, איבערגעחזרט די טראַפֿאַרעטע אָפּשאַצונג פֿון זײַנע פֿאָרגייערס. דאָס אַלץ איז געשען דערפֿאַר, ווײַל יוסף פּערלס ייִדישע כּתבים האָבן ביז דער לעצטער צײַט זיך פֿאַרהיט נאָר אין כּתב־ידן און זענען נישט געווען צוגענגלעך פֿאַר דער פֿאָרשונג. אין דער קאַפּיטאַלער פֿאָרשערישער אַרבעט „צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן י"ה" איז זיך מ. ווינער אָפֿן מודה: „אונדז זענען באַקאַנט בלויז עטלעכע פֿראַגמענטן פֿון זײַן מגלה טמירין. ערשט ווען צו מ. ווינערן איז דערגאַנגען די ייִוואָ־אויסגאַבע פֿון יוסף פּערלס ייִדישע כּתבים (ווילנע 1937), האָט ער אײַנגעזען דעם פֿעלער און פֿאַרצייכנט פֿאָלגנדיקן תּיקון־טעות אין זײַן נאָטיצבוך (1940, 20 יאַנואַר):

„געלייענט פּערלס ייִדישע כּתבים. דאָס איז דאָך אַ פּראַכטפֿולער שרײַבער, אַן אמתער קינסטלער, דער בריוואויסטויש — לויטן סטיל פֿון די פֿראַנצייזישע עפּיסטאָלאַרע ראָמאַנען... בכלל פֿראַנצייזישער גײַסט פֿון אויפֿקלערונג אין דעם בוך, אָבער פֿון גאָר אַן אַנדערער אַטמאָספֿער און אין סאַטירישן אַספּעקט. אַ קלוגער, זייער געבילדעטער שרײַבער, פֿײַן, כּיטרע אויסגעשפּונען, רײַכע פֿאַבל, שפּאַנענדיק, פֿול מיט אינטערעסאַנטן שטייגער־מאַטעריאַל. און וואָסער שפּראַך — אַ סאַמעטענע וווּנדערלעכע שפּראַך... דאָ האָט אַן אמתער טאַלאַנט געשליפֿן און געאַרבעט סײַ אויף דער פֿאַבל און סײַ אויף דער שפּראַך. געשליפֿן מיט ליבע, מיט פֿאַרשטאַנד, קענטעניש און קולטור.

סאַראַ שאָד וואָס די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור איז נישט געגאַנגען אויף דער דאָזיקער שפּראַכבאַזע.

אַ הערלעכער וואָלטעריאַנישער ראָמאַן. אויסגעצייכנטע פּראָזע איז אויך די מעשׂה מיטן רבין פון טשאָרני אָסטרע. אַזאַ פּראָזע איז נישט געווען ביז צו מענדעלען — און מענדעלע האָט אַזאַ פּראָסטע רעאַליסטישע פּראָזע נישט גע־קאָנט שרײַבן.

עפּעס פּראָגנציייזישעס אין דער קלאָרקייט און שיינקייט".[1]

לעצטנס איז אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ נײַער וויכטיקער אַנטדעקונג, וואָס וועט באַשטימט פאַרברייטערן די פאָרשטעלונג וועגן יוסף פּערל ווי אַ משׂכּיל און שרײַבער. די געלערנטע ח. שמערוק און ש. ווערסעס האָבן אויסגעשיפרירט און פאַרעפנטלעכט אַ ווערק פון י. פּערל וועגן וועלכן קיינער האָט ביז איצט נישט געוווּסט.[2]

דאָס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע מיסטיפיקאַ־ציע מיט דעם אויסרייד, אַז די „סיפורי־מעשׂיות" זענען נישט כּולל אַלץ, וואָס דער בראַצלאַווער האָט דערציילט, האָט י. פּערל, זעט אויס, פאַרקלערט צו שאַפן אַ נײַע סעריע מעשׂיות וועלכע זאָלן, כּלומרשט, שטאַמען פון דעם בראַצלאַווער.

כּדי אָט די ווערסיע זאָל באַקומען אַ געוויסע אויטענטישקייט, קלערט י. פּערל צו אַ ספּעציעלן בריוואויסטויש וועגן דעם ענין צווישן אַ פּאָדאָליער חסיד אַברהמל כמעלניקער און אַ גאַליציאַנער משה באַראַז, פון וועלכן עס דרינגט אַרויס, אַז בײַ דעם לעצטן זאָל זיך האָבן פאַרהיט נישט נאָר דער סוף פון נחמן בראַצלאַ־ווערס נישט־פאַרענדיקטע „מעשׂה מאבידת בת־מלכה", נאָר אויך זײַן לחלוטין אומבאַקאַנטע "מעשׂה מאבידת בן־מלך".

דעם בריוואויסטויש און דעם צוגעטראַכטן סוף וועגן דער פאַרלוירענער בת־מלכה האָט י. פּערל געשאַפן אין העברעיִש, די מעשׂה וועגן דעם פאַרלוירע־נעם בן־מלך — אין העברעיִש און אין יידיש, לויט דעם מוסטער ווי דער בראַצ־לאַווער האָט געשאַפן זײַנע מעשׂיות. שוין די באַזונדערע שפּראַכלעכע אייגנטימ־לעכקייטן פונעם ווערק פאַרוואַנדלען עס אין אַ וויכטיקן קוואַל צו פאָרשן די גע־שיכטע פון די ליטעראַרישע סטילן אין בײדע ליטעראַטורן.

דער יידישער וואַריאַנט געהערט צו די ערשטע ליטעראַרישע דענקמעלער, אין וועלכע עס מערקט זיך אָן אַ נײַער ווענדפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, ווען די שרײַבערס האָבן, לויט מ. לעפינס טרעפלעכער פאָרמו־לירונג, „געפּולביוועט זיך מקרב זײַן צו אונדזער לשון און פונעם דײַטשן (זיך) מרחק זײַן". מיט דעם „פּולביוועט זיך שרײַבן אַזוי ווי עס ווערט הײַנטיקן טאָג צווישן אונדז געשמועסט" האָט די נײַע ליטעראַטור זיך דערווײַטערט פון דעם דײַטשמערישן שפּראַכקאַנאָן, וואָס האָט געהערשט אין דער אַלטיידישער ליטע־

1. וועגן מאיר ווינערס ליטעראַרישער ירושה — זע פּאַוועטיש הײמלאַנד, נומ' 10, 1968, ז' 65.

2. יוסף פרל, מעשיות ואיגרות מצדיקים אמיתיים ומאנשי שלומינו, ירושלים תש"ל.

ראַטור, און עס זענען פֿאַרזייט געוואָרן די ערשטע זוימען פֿון אַ נײַעם שפּראַכ־לעכן נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויב דער יידישער וואַריאַנט שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם אָנהייב פֿון אַ נײַער תקופֿה, איז דער העברעיִשער וואַריאַנט גיכער דער סך־הכּל פֿון אַ סטיל, וואָס האָט געהערשט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אין משך פֿון עטלעכע יאָרהונ־דערט. די אייגנאַרטיקייט פֿון אָט דעם סטיל באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעפֿאָרמירט אין דעם מעדיום פֿון עברי־טײַטש, אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פֿון אירע אידיאָמען און פֿראַזעאָלאָגיע. און אָפֿט מאָל האָט דער „טײַטש" די אייבערהאַנט איבער דער „עברי". פֿאַר אַ נישט־יידיש־רעדנדיקן בלײַבן אין גאַנצן אומפֿאַרשטענדלעך אַזעלכע אויסדרוקן ווי למשל: וכך הכּה את עצמו (אַזוי האָט ער זיך דערשלאָגן), לראות מה איש הוא (צו זען וואָס פֿאַר אַ מענטש איז ער), הוא מחזיק עליך (ער האַלט פֿון דיר) אד"גל. אין דעם העברעיִשן שפּראַכסטיל איז געשאַפֿן געוואָרן דער באַרימטער ספֿר חסידים, דער גרעסטער טייל פֿון דער שאלות ותשובות־ליטעראַטור, די ליטעראַטור פֿון דעם חסידיזם און אויך פֿיל באַדײַטנדיקע ווערק פֿון די ערשטע משׂכּילים (מ. לעפֿין, י. פּערל א"א). פֿאַראַן, אַזוי אַרום, אַ גאַנץ רײַכע ליטעראַטור אין העברעיִש, וואָס אָן גרונטיקע יידישע קענטענישן איז נישט מעגלעך צו באַנעמען איר פֿולן באַ־טײַט.

י. פּערלס נײַ געפֿונענע ווערק רופֿט אַרויס אַן אינטערעס נישט נאָר אַ דאַנק זײַנע באַזונדערע שפּראַכלעכע מעלות, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס דאָס איז אַ וויכטיקער ליטעראַריש־קינסטלערישער דאָקומענט וועגן דעם אידעיִשן גע־ראַנגל אין דער יידישער סביבה פֿון יענער תקופֿה. נישט קוקנדיק אויף דעם גע־פֿלעכט פֿון רעאַליסטיש־סקעפּטיש־פּעסימיסטישע אינטאָנאַציעס, איז דאָס ווערק אויף דורך און דורכגעזאַפּט מיט אָפּטימיזם. דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון יוסף פּערלס גלויבן, אַז די מענטשן זענען מסוגל זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם פֿאַנאַטיזם.

דער רעליגיעזער אָפּטימיזם אין נחמן בראַצלאַווערס מעשׂיות האָט אין זיך, אין תּוך, אַן אַ שיעור מרה־שחורה, בעת י. פּערלס ראַציאָנאַליסטישער פּעסימיזם — אַן אַ שיעור גלויבן אינעם מענטשלעכן כּוח.

אין נחמן בראַצלאַווערס מעשׂיות איז פֿאַראַן אַ בולטער ווידעראַנאַנד צווישן מאַטעריע און גײַסט. דער שטאָף, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך, איז מערסטן טייל אַ וועלטלעכער, און דאָס קומט אָפֿט מאָל אין אַ סתּירה מיט זײַן אייגענעם רע־ליגיעזן וועלטגעפֿיל. און נאָר אַ דאַנק זײַן רײַכער דיכטערישער פֿאַנטאַזיע גיט זיך אים אײַן צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון אָט דעם אינערלעכן אײַנרײַס.

בײַ יוסף פּערל קומט פֿאָר אַ שאַפֿערישער פּראָצעס פֿון אַ דיאַמעטראַל אַנטי־טעטישן כאַראַקטער. זײַן קאָנסעקווענט־קעמפֿערישן ראַציאָנאַליזם קומט אויס זיך צו ראַנגלען מיט אַן איראַציאָנעלער און עקזאַלטירטער וועלט. דער שטאָף מיט

װעלכן י. פערל אָפּעריִרט איז דאָס רוב אַ רעליגיעז־פֿאַנטאַסטישער, און נישט שטענדיק גיט זיך אײַן אים צו ראַציאָנאַליזירן. דאָס שטערט, ערטערװײַז, דעם קינסטלערישן גלײַכגעװיכט פֿונעם װערק. ער װערט אָבער צוריק אױפֿגעשטעלט אַ דאַנק דער דינאַמישקייט פֿון די געשילדערטע סיטואַציעס, אַ דאַנק דער שאַרפֿ־זיניקייט פֿון די דיאַלאָגן.

„דאָס ערגסטע, — פֿירט אױס י. פערל, — באַשטײט נישט אין דעם װאָס דאָס שלעכטע איז שלעכט, נאָר װאָס די מענטשן דאַכט זיך אַז עס איז גוט". פערל איז אָבער באַהערשט פֿון אַ שטאַרקן גלױבן אין די מעגלעכקייטן פֿון דעם מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד. ער זעט פֿאַר פֿאַר דעם מענטשן אַ פּערספּעקטיװ פֿון עלדאָראַדאָ — אױב ער װעט זיך באַפֿרײַען פֿון די זיגלאָזע פּרינציפּן און לאָזן זיך פֿירן לױט די פּרינציפּן פֿונעם שׂכל.

אַזאַ, אײגנטלעך, איז דער גרונטגעדאַנק פֿון דער „מעשׂה מאבידת בן ־מלך". י. פערל דערהײבט זיך אין איר צו די אידעיִשע הייכן פֿון יענע אײראָפּעיִשע אױפֿקלערערס, װעלכע בעלינסקי האָט געקרױנט װי „נאָבעלע ריכטערס פֿון דער מענטשהייט". דאָס איז באַזונדערס קאָנטיק אין דעם לעצטן אַקאָרד פֿון י. פערלס מעשׂה: „און מחמת דעם, װאָס מע האָט דעם נאָמען צדיק אַזױ מבֿזה געמאַכט, האָט ער אַ באַפֿעהל גיגעבן אַז מהיום ההוא והלאה טאָר מען קײנעם נישט רופֿן צדיק. נור אַ פֿרומער ערלעכער מענטש זאָל הײסן מענטש. און דאָס ביסל, װאָס האָבן קײן תּשובֿה נישט געטאָן און זענען גיבליבן בײַ זײערע פֿריִערדיקע הול־טײַסקי זאַכן, זאָל מען רופֿן הינט. אין אַ קורצער צײַט האָבן די מענטשן די הינט גובר געװען און האָבן זײ גאָר אױס דער מדינה געפּטרט. און עס איז אין דער מדינה קײן אײנציקער הונט נישט געבליבן, דאָס הײסט קײן אײנציקער, װאָס זאָל נישט װערט גיװעזן זײַן, ער זאָל הײסן מענטש".

# „למדו היטב"

אין 1862 האָט מענדעלע מוכר־ספרים, דעמאָלט נאָך ש. י. אַבראַמאָוויטש, אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע בעלעטריסטישע שאַפונג — דעם ערשטן טייל פֿון אַ דערציילונג אונטער דעם נישט איבעריק פּאָעטישן נאָמען למדו היטב. פֿון מענ־דעלעס אַ בריוו צום שרײַבער אַברהם־בער גאָטלאָבער דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס ווערק, געשריבן אין העברעיִש, האָט מענדעלע פֿאַרטראַכט אין דרײַ טיילן. דעם צווייטן טייל האָט ער זיך געקליבן פֿאַרעפֿנטלעכן אין 1864. אַ. ב. גאָטלאָבער וואָס האָט איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט האָט צוגעשיקט מענדעלען אַ באַגײַס־טערטן אָפּרוף.

„בנוגע דעם צווייטן טייל פֿון דײַן בוך, — שרײַבט גאָטלאָבער, — קאָן איך נישט געפֿינען קיין לויב, און איך שווער דיר, אַז אין אונדזער שפּראַך האָב איך נישט געזען קיין גלײַכן צו אים אין שיינקייט, און אַלע ראָמאַנען וועלכע מע שרײַבט זענען קעגן אים גאָרנישט" (ציטירט לויט הלל אַלעקסאַנדראָוו: „אַברהם־בער גאָטלאָבער און מענדעלע מוכר־ספרים", סאָוועטיש היימלאַנד, נומ. 9, 1967, ז' 138).

צוליב אומבאַוווסטע סיבות איז דער צווייטער טייל פֿון דער דערציילונג נישט דערשינען. און אין צווישן האָט מענדעלע אָנגעהויבן שאַפֿן זײַנע קינסט־לערישע ווערק אויסשליסלעך אין דער ייִדישער שפּראַך.

צו זײַן העברעיִשן ערשטלינג האָט זיך מענדעלע אומגעקערט ערשט אין אַ צײַט אַרום, האָבנדיק שוין אין זײַן קינסטלערישן באַגאַזש דאָס קליינע מענטשעלע און דעם ערשטן וואַריאַנט פֿונעם ווינטשפֿינגערל. אין אַ געענדערטער און פֿאַר־ברייטערטער פֿאָרעם איז דאָס ווערק א"נ האבות והבנים דערשינען אין אָדעס אין 1868 (אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון י. ל. בינשטאָק איז געווען פֿאַרעפֿנט־לעכט מיט אַ יאָר פֿריִער אין פּעטערבורג).

שוין אין איר אורשפּרינגלעכן וואַריאַנט, נישט קוקנדיק אויף געוויסע קינסט־לערישע שלאַבעריקייטן, איז די דערציילונג — דאָס ערשטע ווערק בעלעטריס־טישע, סײַ אין דער ייִדישער, סײַ אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אין וועלכן עס ווערט, ווי מע זאָגט, אויף דער הייסער מינוט איבערגעגעבן די אָנגעגליטע

אַטמאָספער פון „שטורעם און דראַנג" ביי דער יידישער יוגנט אין אָנהייב זעכ־ציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן פאַרגעפיל פון דער ראָלע וואָס איז געווען צוגעגרייט דעם דור, וועלכער האָט דאַן געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער געשיכטלעכער אַרענע.

מענדעלע איז נאָך דעמאָלט קיין זיידע נישט געווען. אַ יונגער צוימען־ברע־כער, האָט ער אונטערן איינפלוס פון די פאָרגעשריטענע אידעען אין דער רוסישער קולטור, זיך אונטערגעגאַרטלט צו שטורעמען די געטאָ־טויערן און אַריינברעג־גען אין דער יידישער סביבה „ידיעות און קענטעניש וואָס מע דאַרף היינטיקע צייט". „מיר וועלן זיך נישט שעמען, — דערקלערט ער אין דעם וואָרט צום לייענער, — אויפצודעקן און אַרויסברענגען אויף דער אייבערפלאַך דאָס פאַר־דאָרבענע אין אונדז... באַשרייבן די פאַרברעכנס פון דער היינטיקער צייט און זיי אַנטפּלעקן פאַר דער גאַנצער וועלט... מיר האָבן דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון שכל און שלמות, אַז גאָרנישט קאָן פאַרהינדערן אונדזער גרויסן באַגער צו דערלערנען די געזעצן פון לעבן"...

דער גייסטיקער רענעסאַנס און די שטרעבונג צו בילדונג וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט די רוסישע געזעלשאַפט האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס יידישע לעבן. אייגנטלעך איז דאָס דער גרונטפּאַטאָס פון ש. י. אַבראַמאָוויטשעס בעל־לעטריסטישן ערשטלינג. אין פערציק יאָר אַרום, אין זיין ספר הבהמות (1902), האָט מענדעלע זיך זייער געבייזערט וואָס מע באַנעמט נישט דעם פולן באַטייט פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט, וועלכע ווערט באַשריבן אין זיין למדו היטב:

„עס פאַרדריסט מיך שוין טאַקע אויף זיי, אויף די היינטיקע, הייסט עס. הע־הע זידלערייען! נישט צו פאַרשטיין פון טאָג ביז נאַכט — אַז דענסטמאָל האָט ערשט אָנגעהויבן צו טאָגן, גאָך אַזאַ לאַנגער און פינצטערער נאַכט — צו טאָגן! נישט ווייסנדיק זיך צו מאַכן פונעם חילוק פון היינט ביז אַ מאָל, אַז אַנדערע צייטן — אַנדערע ווייטיקן! אַנדערע ווייטיקן — אַנדערע סגולות. אַז צו די מענטשלעכע צרות איבער הויפּט איז בילדונג פאַררעכנט געווען דענסטמאָל פאַר דאָס איינציקע מיטל ביי דער גאַנצער וועלט בכלל. נישט צו באַטראַכטן די בי־טערע לאַגע, אין וועלכער די בידנע משכּילים, נעבעך, האָבן דענסטמאָל זיך געפונען, צווישן אַן עולם וואָס איז בערייט געווען פאַר אַ מינדסטע זאַך, עפּעס נישט אַזוי ווי ביי אים איינגערעדט, זיי צערייסן אויף שטיקער... די שינאה פון אַלע זייטן איז גרויס, סכנות, גזיט, אָרעמקייט — אַ שרעק. און זיי פון דעסט־וועגן טוען זייערס, דערגרייכן אַ סך"...

די טעמע פון וועלטלעכער בילדונג איז נישט געווען קיין נייס. זי פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור זינט דעם אויפקום פון דער השכּלה אין 18טן י"ה. מענדעלעס אויפטו באַשטייט אין דעם וואָס ער האָט זי געשילדערט אין קאָנטעקסט פון די נייע גייסטיקע שטרעמונגען אין רוסלאַנד אין

די זעכציקער יאָרן פֿון 19טן י״ה. די השׂכּלה האָט זיך אין יענער צײַט ראַדיקאַל געענדערט, באַקומענדיק אַלץ מער אַ רוסאָפֿילישן כאַראַקטער. נישט נאָר די ייִדישע און העברעיִשע ליטעראַטור הייבט זיך אָן אַלץ מער באַפֿרוכפּערן מיט די אײַנפֿלוסן פֿון דער רוסישער קולטור, עס אַנטשטייט אויך אַ ייִדישע פּרעסע און ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך. עס קומט אויף אַ שאַפֿערישע אינטעליגענץ, וואָס האָט גײַסטיק זיך אויסגעפֿאָרמירט אין די אוניווערסיטעטן פֿון קיִעוו און כאַר־קאָוו. אויך אין די דעמאָלטיקע מלוכהשע ראַבינער־סעמינאַרן האָט מען פֿלײַסיק געלייענט די פּראָגרעסיווע זשורנאַלן, אַפֿילו דעם פֿאַרווערטן „קאָלאָקאָל״.

אויב די ערשטע משׂכּילים האָבן זיך געשפּײַזט מיט די אידעען פֿון רענע־סאַנס און הומאַניזם פֿון דער מערב־אייראָפּעיִשער אויפֿקלערונג, זענען די נײַע פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון די פֿאָלקסטימלעכע און רעוואָלוציאָנעריש־דעמאָקראַטישע אידעען אין דער רוסישער קולטור.

„געוועזן איז עס אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן, ווען די יוגנט און די רוסישע ליטעראַטור האָט געפֿײַערט איר האָניק־חודש פֿון פּראָגרעס... באַהערשנדיק גיך די רוסישע שפּראַך בין איך צו גלײַך מיט אַנדערע פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקין, פּונעם סאָוורעמעניק... און זײַענדיק גרינטלעך באַהאַוונט אין דער העברעיִשער און תּלמודישער ליטעראַטור, האָב איך זיך אָרומ־געטראָגן מיט אַ געהויבענעם געדאַנק צו ווערן דער רעפֿאָרמאַטאָר פֿון מײַן אומ־גליקלעך פֿאָלק״, — אַזוי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דאָסטאָיעווסקין דער „אָנ־פֿאַנט טעריבל״ פֿון יענעם דור אורי קאָוונער.

די צוגעבונדנקייט צו רוסלאַנד ווערט אויך באַהאַנדלט אין מענדעלעס ערש־טער דערציילונג. זי קומט צום אויסדרוק אין אַ בריוו פֿון דעם הויפּטהעלד דוד צו אַ גוטן־פֿרײַנד פֿון די סטודענטישע יאָרן אין בערלין: „און ווען איך בין געקו־מען צו דער גרענעץ פֿון מײַן געבענטשט געבוירן־לאַנד האָב איך געקניט און געקושט די ערד און מיט שטאָלץ געטראַכט: איך בין אַ רוס״.

דער ליטעראַטור־היסטאָרישער באַטײַט פֿון מענדעלעס למדו היטב באַשטייט אויך אין דעם וואָס דאָ איז צום ערשטן מאָל לעגאַליזירט געוואָרן דער ליבע־מאָטיוו אין דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. אין ייִדיש האָט דער דאָזיקער מאָטיוו זיך אײַנגעבירגערט אַ סך פֿריִער. וועגן „דער ניט הולטײַסקער, נאָר אמתער און ערלעכער ליבע״ האָבן געשריבן עטינגער און אַקסנפֿעלד. אמת, אין העברעיִש האָט אַ. מאַפּו געשריבן וועגן ליבע פֿאַר מענדעלען. ער האָט זי אָבער געזוכט אין ווײַטן ראָמאַנטישן אוראַלט, בעת מענדעלע האָט זי געפֿונען אין דער נאָענטער ווירקלעכקייט פֿון גלופּסק. „שפּילן אַ ליבע״ אין יענער צײַט איז געווען נישט אַזוי גרינג. נישט ווייניק מוט האָט מען באַדאַרפֿט האָבן זי צו באַשרײַבן. מע האָט זי, די ליבע, גערודפֿט אין לעבן און געטריבן פֿון דער ליטעראַטור. שאַפֿן אַ דערציילונג וועגן ליבע האָט באַטײַט אַנטדעקן דעם מענטשן. אײַנזען,

אַז ער האָט אויך אַ האַרץ און אַ געוויסן. עמאַנסיפּירן אים פֿון פֿאַנאַטישע רעלי־גיעזע געזעצן און פֿון פֿאַרעלטערטע שטייגערישע נאָרמעס.

מענדעלעס בעלעטריסטישער ערשטלינג האָט באַשטימט פֿאַרדינט אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט. אונדזער פֿאָרשונג האָט זיך מיט איר גרינטלעך נישט באַשעפֿטיקט. מע האָט אויך נישט שטודירט די גילגולים וואָס די דערציילונג האָט דורכגעמאַכט אין די ווײַטערדיקע ווערסיעס וואָס זענען דערשינען אונטערן נאָמען האבות והבנים.

דעם בלויז האָט לעצטנס פֿאַרריכט דער ליטעראַטור־פֿאָרשער ד״ר דן מירון. זײַן וויסנשאַפֿטלעכער און געוויסנהאַפֿטער אַרײַנפֿיר צו דער פֿאָטאָגראַפֿישער רעפּראָדוקציע פֿון למדו היטב, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער ניו־יאָרקער ייִוואָ איז אַן ערנסטער צושטײַער אין דער מענדעלע־פֿאָרשונג. הגם ד. מירונס אַרבעט איז אַ ריין אַקאַדעמיש־וויסנשאַפֿטלעכע, פֿילט זיך אין אונטערטעקסט אַ פֿאָלעמישע נאָטע לגבי די פֿאָרשערס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מענדעלעס ערשטע דערציילונג „איז פֿאַרט געווען אַ ליבע־דערציילונג פֿון דער השׂכּלה״ און ממילא האָט זי געהאַט גאָר ווייניק „פֿון דעם לעבן״ און „פֿון דער ווירקלעכקייט״.

ד. מירון אַנאַלאַזירט דעם אַלגעמיינעם מצב פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין יענער צײַט און ווײַזט אָן אויף דער נאַוואַטאָרישקייט פֿון דער דערציילונג. זייער ריכטיק באַמערקט ד. מירון, אַז כּדי צו באַנעמען ווי געהעריק דאָס ערשטע רינגעלע אין מענדעלעס שאַפֿן, פֿאָדערט זיך מע זאָל קענען „אונטער די הויכע שפּיצן פֿון די שפּעטערדיקע דערגרייכונגען״ זען „וואָס עס איז אַרײַנגעלייגט אין דער דערציילונג״, אין וועלכער עס „אַנטפּלעקט זיך זײַן (מענדעלעס — ל.פּ.) ערשטע שטעלונג צו די צענטראַלע קינסטלערישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך שפּעטער פֿאַרנומען, — צו די פּראָבלעמען פֿון קינסטלעריש באַשרײַבן דאָס ייִדישע לעבן פֿון זײַן צײַט. אין אָט דעם זין באַלײַכט למדו היטב די גאַנצע עוואָלוציע פֿון אַבראַמאָוויטש דעם דערציילער״.

איך מיין, אַז אין ד. מירונס אַרײַנפֿיר צו מענדעלעס ערשטלינג וואָלט געווען; וויכטיק אויך אויספֿירלעך זיך אָפּשטעלן אויף דעם, ווי אַזוי די דעמאָלטיקע קריטיק האָט דאָס ווערק אָפּגעשאַצט. איך האָב אין זינען קודם־כּל די אַרטיקלען פֿון, אויב זיך באַנוצן מיט די עפּיטעטן פֿון יענער צײַט, דעם „ייִדישן בעלינסקי״, אַברהם־יעקב פּאַפּערנאָ און פֿון דעם „ייִדישן פּיסאַרעוו״, אַברהם־אורי קאָוונער. אויב דער ערשטער ווערט נאָך דאָ און דאָרט אין אַרײַנפֿיר דערמאָנט, איז קאָוונער פֿאַרצייכנט נאָר דורך־אַגבֿדיק אין דער ביבליאָגראַפֿיע.

פֿון פֿאַרשידענע שטאַנדפּונקטן זענען ביידע קריטיקערס צוגעגאַנגען צו באַטראַכטן מענדעלעס ווערק און זיי זענען געקומען צו דיאַמעטראַל אַנדערשדיקע אָפּשאַצונגען. מענדעלעס ערשטע קריטיקערס האָבן, אייגנטלעך, אָנגעצייכנט אייניקע גרונטליניעס פֿון דער קומענדיקער מענדעלע־פֿאָרשונג. שוין אַ. י. פּאַפּערנאָ

האט אויפגעכאפט מענדעלעס נטיות צו קאנטראסט, באמערקט די קרייצונגען פון ליכט און שאטן אין זיין שאפן. ער האט אנגעוויזן אויף געוויסע אנאלאגיעס צווישן מענדעלעס **האבות והבנים** און שילערס די **רויבערס** און האט אפילו דער־זען אין דעם ראמאן אן אפשיין פון שעקספירס געשטאלטן. א. או. קאוונער האט נישט געהאט אזא הויכע מיינונג וועגן דעם ווערק. פארקערט: „וואס שייך צום ראמאן ווי א קונסטווערק איז עס אונטער יעדער קריטיק".

„דער דענקענדיקער עולם — שרייבט קאוונער — פאדערט איצט פון א ראמאן א לעבעדיקן געדאנק, עפעס א נייע אידעע, אן אויסטייטשונג פון פראגעס, וואס אינטערעסירן אינעם געגעבענעם מאמענט די געזעלשאפט... אומעטום און אין יעדער צייט זענען פאראן מענטשן וואס די שטרעבונג צו גוטס און צום וויל פון דער געזעלשאפט ברענגט זיי אויפצודעקן דאס שלעכטע וואס טארמאזירט די געזעלשאפט און אנצוווייזן אויף די מיטלען עס צו באזייטיקן... איצטער נעמט אויס נאר דער ראמאן וואס אנאליזירט געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען, שטעלט ארויס זייערע טונקעלע זייטן, ווייזט אן אויף זייערע סיבות און פלייסט זיך אויסצומאלן א בעסערן סדר... פון א ראמאן פאדערן מיר אויך, ער זאל זיין קינסטלעריש באארבעט, די כאראקטערן זאלן זיין געטריי און עס זאלן זיין רעאל די טיפן וואס דער מחבר האט געכאפט פון לעבן אדער וואס ער האט אליין געשאפן".

א. או. קאוונער פאלעמיזירט מיט מענדעלעס שטאנדפונקט, לויט דעם ווי ער קומט צום אויסדרוק אין ראמאן, אז די סיבות פון דער שווערער לאגע פון די יידן איז זייער קולטורעלע אפגעשטאנענקייט. ער האלט, אז מע דארף זיי זוכן טיפער און נישט איזאלירט פון די אלגעמיינע היסטארישע און געזעל־שאפטלעכע פראצעסן. „ארעמקייט און ווירקונג פון דעם ארום, — פירט ער אויס, — דאס זענען די איינציקע סיבות פון דער עם־הארצות און פון דער קלאגעדיקער לאגע פון דער מאסע פון אלע פעלקער אין אלע מדינות בכלל און פון יידן אין רוסלאנד בפרט... די יידן־פראגע אין רוסלאנד איז געווענדט נישט אין א קלענערער אדער גרעסערער צאל צדיקים, אין א קלענערער אדער גרע־סערער צאל תלמידים אין די רוסיש־יידישע שולן, נאר אין קלענערע אדער גרעסערע גינציקע דרויסנדיקע באדינגונגען, אין דער פארבעסערונג פונעם מא־טעריעלן צושטאנד פון יידן. די יידן־פראגע איז אויף אזא אופן נישט קיין ספעציעל יידישע פראגע, נאר אן אלגעמיינע סאציאלע".

א סך ליטעראטור־פארשערס זענען ביי דער מיינונג, אז ניט א. י. פאפער־נאס פאזיטיווע אפשאצונג, נאר גראד קאוונערס נעגאטיווע אפשאצונג האט גע־האט אן אנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מענדעלען. וועגן דעם איז נישט וויניק געשריבן געווארן אין דער יידישער סאוועטישער ליטעראטור־פארשונג. און נישט נאר אין דער סאוועטישער. איינע פון די לעצטע מאנאגראפיעס וועגן א. או.

קאָונערן האָט אָנגעשריבן ד"ר מאַקס װײַנרײַך. באַהאַנדלענדיק די באַציִונגען צװישן קאָונערן און מענדעלען שרײַבט װײַנרײַך צװישן אַנדערן: „װען מיר לייענען זײַן אָפּרוף אויף האבות והבנים, איז אַזוי װי מיר װאָלטן געזען אָנגעצייכנט די קאָנטורן פֿון מענדעלעס שפּעטערדיקן גאַנג" (פֿון בײדע זײַטן פּלױט, בוענאָס־אײַרעס 1955, ז' 127).[1] דן מירון טרעט אַרויס אין זײַן אַרײַנפֿיר קעגן דער טעאָריע פֿון צװײ היפּוכדיקע טענדענצן אין מענדעלעס שאַפֿן: מענדעלע דער משׂכּיל און מענדעלע דער קינסטלער: „די פֿונאַנדערטײלונג װאָס איז אָנגענומען װי אַ זאַך נישט אָפּצופֿרעגן האָט קײן שום מעטאָדישן קריטישן באַזיס נישט און מוז פֿירן צו אומפֿאַרשטענדלעכקײטן אין אַבראַמאָװיטשעס שאַפֿן".

זײַנע באַטראַכטונגען און אויספֿירן האָט ד. מירון געמאַכט פֿאַרגלײַכנדיק דעם למדו היטב מיט האבות והבנים פֿון 1868. אַ שאָד װאָס ער האָט אין דעם טײל פֿון זײַן אַרבעט נישט אויסגענוצט אויך די װערסיע פֿון 1912.

אין די ערשטע צװײ װערסיעס, נישט קוקנדיק אויף אַלע אויסבעסערונגען און ענדערונגען, איז אין דעם סוזשעט און אין דער אַלגעמײנער כאַראַקטעריסטיק פֿון די געשטאַלטן קײן װעזנטלעכער חילוק נישטאָ. אין דער דריטער װערסיע האָט מענדעלע אַרײַנגעפֿירט נײַע געשטאַלטן, געענדערט די קאָנסטרוקציע, אַרויסגעװאָרפֿן גאַנצע שטיקער און קאַפּיטלען און אויף זײער אָרט אַרײַנגעשטעלט נײַע. אַ דאַנק די ענדערונגען און אויסבעסערונגען אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונדז די אַלטע און שױן באַקאַנטע געשטאַלטן אין גאָר אַן אַנדער שײַן. דער האבות והבנים פֿון 1912 האָט זיך באַקומען, װי מענדעלע שרײַבט אין אַ בריװ צו דעם פֿאַרלעגער ש. שרעבערג (1911), „כּמעט אַ נײַ װערק".

אין דעם האַלבן יאָרהונדערט װאָס ליגט צװישן דער ערשטער און דער לעצטער װערסיע פֿון דעם װערק איז אויסגעשפּרייט דער גרויסער שאַפֿערישער באַרג־אַרויף פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים װי אַ קינסטלער און דענקער. אַן אויספֿירלעכע און גרינטלעכע אויספֿאָרשונג פֿון אַלע װערסיעס פֿון זײַן ערשט װערק בערנגט אַ סך נײַע אינטערעסאַנטע שטריכן צו דער אַלגעמײנער כאַראַקטעריסטיק.

אַזוי, למשל, איז אין דער ליטעראַטור װעגן מענדעלען פֿאַראַן אַ מײנונג, אַז אין לעצטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן האָט ער „װײניקער געטאָרבעװעט און מער געמענטשלט" און, איבעראַרבעטנדיק זײַנע װערק האָט ער זיך געסטאַרעט אָפּצושװאַכן דעם סאַטירישן שטראָם. אין געגעבענעם פֿאַל, אין דעם האבות והבנים, מערקט זיך פּונקט אַ פֿאַרקערטע דערשײַנונג.

---

1. בײַ דער געלעגנהײט װעלן מיר זיך דערלויבן מאַכן אַ קלײנעם תּיקון־טעות: אין דער „רשימה פֿון פּובליקאַציעס און געשעענישן", אין דער ייִװאָ־אויסגאַבע פֿון למדו היטב איז אָנגעװיזן, אַז א. או. קאָונערס אַרטיקל „לא שלום ולא אמת" (המליץ, 1865, נומ' 18־19) איז אַן אַטאַקע קעגן מענדעלען. דאָס אַרטיקל האָט צו מענדעלען קײן שום שײַכות נישט. קאָונער פּאָלעמיזירט דאָרט מיט אַ געװיסן מענדעלסבורג.

עס איז נישט איצט מײַן אויפֿגאַבע זיך אויספֿירלעך אָפּצושטעלן וועגן דעם. איך וועל זיך נאָר דערלויבן ברענגען איין בײַשפּיל. לאָמיר אַ קוק טאָן ווי אַזוי מענדעלע שטעלט אונדז פֿאָר אפֿרימען אין דער ווערסיע פֿון 1868 און ווי אַזוי אין דער ווערסיע פֿון 1912.

.1868

„אפֿרים איז געווען אַ רײַכער און אָנגעזעענער מאַן אין גלופּסק און זײַנע געשעפֿטן זענען געווען אין אָדעס, די שטאָט פֿון וועלטהאַנדל, דאָרט איז געווען זײַן קאַנטאָר, וואָס ער האָט פֿאַרלייגט מיט יאָרן פֿריער, און זײַן אַדמיניסטראַטאָר איז געווען אליעזר, אַ קרוב פֿון זײַן פֿרויס צד. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט אפֿרים פֿאָרן קיין אָדעס זען ווי די געשעפֿטן גייען. און נאָך דעם ווי ער פֿלעגט דאָרט אָפּזײַן אַ חודש צײַט, פֿלעגט ער זיך אומקערן קיין גלופּסק מיט אַ סך מתּנות: פּורפּורנע שאַלן, שטיקערײַען, הילעס, הויבן און אַ סך קליידער פֿאַר דער פֿרוי און קינדער. ער פֿלעגט אויך ברענגען פֿון די לוקסוספּרוכטן פֿון מיזרח-לענדער: פֿײַגן און ראָזשינקעס, ניס און מאַנדלען און אַלע סאָרטן זיסע פּרוכט און דעם גוטן לבֿנון-ווײַן. זײַנע שפּײַכלערס זענען געווען פֿול מיט כּל-טובֿ און עס איז אַרומגעגאַן אַ ווערטל אין שטאָט: אפֿרים באָדט זײַן פֿוס אין אייל און זײַן הויזגעזינד באָדט זיך אין טײַכן האָניק און פּוטער".

.1912

„אפֿרים קאַרמאַל איז געווען איינער פֿון די גלופּסקער חשובֿסטע גבֿירים. זײַנע געשעפֿטן זענען געווען אין אָדעס; דאָרט האָט ער געהאַט אַ געלטקאַנטאָר און אַ גרויס געשעפֿט פֿון תּבֿואה, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפֿירט אליעזר פּרחי — זײַן ווײַבס אַ נאָענטער קרובֿ. אפֿרים אַליין פֿלעגט אַראָפּפֿאָרן צוליב זײַנע געשעפֿטן קיין אָדעס צוויי מאָל אַ יאָר און איטלעכס מאָל פֿלעגט ער דאָרט אָפּזיצן אַ לאַנגע צײַט. אין דעם אויסגעלאַסענעם אָדעס, וווּ יִראת-שמים איז נישטאָ אפֿילו אויף אַ רפֿואה, וווּ ייִדן סוחרים זענען גרײַלעך נישט פֿרום, קרעמערס זענען מחלל שבת בפֿרהסיא און מעקלערס עסן טרפֿות אין אַ הוילן קאָפּ, האָט אפֿרים פֿון דרכי שלום וועגן פֿאַרבויגן זײַן חסידות, האָט אַ ביסל אָפּגעקירצט דעם ראָק און די פּיאות פֿאַרדרייט אויף אַרונטער. דערפֿאַר, קומענדיק אַ היים קיין גלופּסק, אין דער אמת ייִדישער שטאָט, האָט ער אויף זיך אַרויפֿגעצויגן וואָס מער חסידות, האָט זיך געפֿירט זייער פֿרום, כּדי מכפּר צו זײַן דורך דעם זײַנע אָדעסער חטאָים".

סאַראַ גרויסער אונטערשייד צווישן די צוויי כאַראַקטעריסטיקעס. מיר האָבן פֿאַר זיך אין תּוך צוויי פֿאַרשיידענע מענטשן אין דער אַרומרינגלונג פֿון פֿאַרשיידענע רעאַליטעטן. פֿאַרשיידן אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל עס האָט זיך געענדערט די היסטאָרישע ווירקלעכקייט צווישן סוף זעכציקער יאָרן פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט און דעם ערשטן יאָרצענדליק פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין אַן אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק מוז מען אויך אין זינען האָבן וועגן נאָך אַ פּערטער ווערסיע — די רוסישע איבערזעצונג. מיר האָבן פאַר זיך אַן איבערזעצונג נישט אין געווייגטלעכן זין פון וואָרט, נאָר אַן איבערגעאַר־בעטן און אויסגעבעסערטן וואַריאַנט.

דער איבערזעצער י. ל. בינשטאָק האָט זיך דערלויבט נישט נאָר צו קירצן און ענדערן, נאָר אויך פון זיך צוגעבן גאַנצע שטיקער. מענדעלע האָט וועגן דעם געוווסט און עס באַגיטיקט. חוץ אַלץ קאָנען מיר לויטן רוסישן וואַריאַנט זיך אויסקלאָרן ווי אַזוי מענדעלע האָט געוואָלט זיך און זיינע פאַרשוינען פאַר־שטעלן פאַר דעם נישט־יידישן לייענער. מיר האָבן וועגן דעם אינטערעסאַנטע גבית־עדות פון אַלעקסאַנדער בינשטאָק (אַ זון פון י. ל. בינשטאָק) אין זיינע זכרונות וועגן מענדעלען:

„מיין פאָטער, אַליין אַ ליטעראַט, פלעגט ביים איבערזעצן מענדעלען זיך דערלויבן מאכן צוגאָבן, קליינע ענדערונגען אינעם אָריגינאַל אאַז״וו, און ווי ער האָט אָפּגעגעבן זיין אַרבעט אין דרוק, האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן נישט „אי־בערזעצונג״, נאָר „איבערגעאַרבעט פון יידיש״. איך רעכן, אַז דאָס איז דעמאָלט געטאָן געוואָרן מיט מענדעלעס הסכמה. אַ מאָל איז דאָך געווען זייער פּאָפּולער די איבערזעצונג פון מענדעלעס פריִיקן ווערק האבות והבנים, וואָס האָט זיך אָנגערופן „איבערגעאַרבעט פון יידיש און, ווי וויט איך ווייס, האָט מענדעלע דעמאָלט קעגן דעם נישט פּראָטעסטירט״ (ציטירט לויט דעם זאַמלבוך מענדעלע און זיין צייט, מאָסקווע 1940, ז׳ 87).

דעם גרעסטן טייל פון זיינע ווערק האָט מענדעלע מוכר־ספרים עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט. באַכשפירנדיק די ענדערונגען אין די פאַרשיידענע וואַריאַנטן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז נישט נאָר דער דרך־המלך פון מענדעלעס קינסטלע־רישן באַרג־אַרויף, נאָר אויך די עוואָלוציע פון זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעען.

# דיאַלאָג צווישן אַ לייענער און דעם בוקיניסט

**לייענער:** מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אײַערע „נאָטיצן פֿון אַ ייִדישן בוקיניסט״ פֿירן דעם לייענער אַוועק אין אַ ווײַטער, לאַנג שוין פֿאַרגעסענער וועלט. ווי טשיקאַווע עס זאָלן נישט זײַן די פֿאַקטן וואָס איר דערציילט, זענען זיי פֿאַרט פֿרעמד דעם מאָדערנעם מענטשן. וואָלט דען נישט געווען אַ סך בעסער און ניצ־לעכער זיך צו באַשעפֿטיקן מיט דער נײַער ליטעראַטור, העלפֿן דעם יונגן דור טיפֿער און אַלזײַטיקער באַנעמען די פּראָבלעמען פֿון אונדזער צײַט?

**בוקיניסט:** האָט אויף מיר קיין פֿאַראיבל, איך פֿיל אין דעם אונטערטעקסט פֿון אײַערע טענות אַ ניהיליסטישן צוגאַנג נישט נאָר צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר אין דער ערשטער ריי טאַקע צו דער איצטיקייט אַליין, אין וועמענס נאָמען איר טרעט אַזוי טעמפּעראַמענטפֿול אַרויס. איך, למשל, צווייפֿל זייער, צי קאָן מען בלויז מיט דער הילף פֿון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור אויסקלאָרן פֿאַר זיך אַלע קאָמ־פּליצירטע און ווידעראַנאַנדיקע דערשײַנונגען פֿון אונדזער צײַט.

**לייענער:** איר באַשרײַבט דאָך ביכער וועגן וועלכע מיר קאָנען געפֿינען ידיעות אין דער ענציקלאָפּעדיע און ליטעראַרישן לעקסיקאָן.

**בוקיניסט:** איך ווייס נישט וועלכע ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען איר האָט אין זינען. די וואָס איך קען זענען דערשינען מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק און זענען אין אַ געוויסער מאָס שוין הײַנט פֿאַרעלטערט. חוץ דעם זענען אין זיי אַ סך שרײַבערס און ביכער בכלל נישט באַהאַנדלט געוואָרן. די ליטע־ראַטור אין ייִדיש איז אַ סך יאָרן געווען אַ שטיפֿקינד אין דער ייִדישער וויסנ־שאַפֿט. ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען אויפֿגעקומען באַדײַטנדיקע געלערנטע וואָס האָבן אָנגעהויבן זי ערנסט פֿאָרשן. די געלערנטע האָבן זיך קודם־כּל באַמיט אויפֿצושטעלן, אַזוי צו זאָגן, דעם אינווענטאַר פֿון דער לי־טעראַטור און פֿעסטשטעלן איר קולטור־היסטאָרישן און ליטעראַריש־קינסטלע־רישן ווערט. נישט אַלץ האָבן זיי אָבער באַוויזן צו אינווענטאַריזירן. זייערע ביב־ליאָגראַפֿישע ידיעות און אָפּשאַצונגען זענען אויך נישט שטענדיק אויסשעפּנדיקע און אַלזײַטיקע. שוין אָפּגערעדט דערפֿון וואָס מיר דאַרפֿן אויף ס׳נײַ איבער־

לייענען די אַלטע ליטעראַטור אין שײַן פון אַ מאָדערנעם וועלטבאַנעם. איך באַמי זיך אָפּט מאָל אונטערצושטרײַכן אין די נאָטיצן די השפּעות פון דער וועלט־ליטעראַטור אויף דער ייִדישער. דאָס איז, ווײַזט זיך מיר אויס, וויכטיק צוליב פאַרשיידענע טעמים. קודם־כּל באַווײַזט עס, אַז אונדזער ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט נישט איזאָלירט פון די אַלגעמיינע טענדענצן אין דער וועלטקולטור און אַז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס פון פרעמדע קולטורווערטן איז פאָרגעקומען נישט מעכאַניש. די אויסערלעכע אײַנפלוסן האָבן זיך אָרגאַניש אַרײַנגעוועבט אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער סביבה, ווײַל אויך דאָרטן זענען פאָרגעקומען ענלעכע היסטאָרישע פּראָצעסן.

**לייענער:** איר שטרײַכט אונטער „די ליטעראַטור אין דער ייִדישער שפּראַך". צי ליגט אין דעם שוין נישט אײַער באַגרענעצטקייט? מיר האָבן דאָך אַ גרויסע קולטור אויך אין אַנדערע שפּראַכן?

**בוקיניסט:** יאָ, איך שטעל זיך באַזונדערס אָפּ אויף דער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל דעם הײַנטיקן לייענער איז ווייניק באַוווּסט, אַז נאָך פאַר דעם אויפקום פון דער קלאַסיק איז אין לויף פון יאָרהונדערטער געשאַפן געוואָרן אַ רײַכע און באַדײַטנדיקע ליטעראַטור אין ייִדיש. ריכטיק, מיר האָבן אַ רײַכע און אייגנאַרטיקע ליטעראַטור אין העברעיִש, גריכיש, אַראַמיש, אַראַביש. דאָס ייִדישע לעבן פון דעם לעצטן האַלבן יאָרטויזנט איז אָבער צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין דעם ייִדישן פאָלקלאָר און ליטעראַטור. ייִדיש האָט נישט נאָר געירשנט פון די דערמאָנטע קולטורן, זי האָט זיי אין דעם ספּעציפישן פאַר איר גײַסט און טעמאַטיק פאַרברייטערט און פאַרטיפערט. אייניקע ווערק פון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור, למשל, האָבן אין ייִדיש באַקומען אַ נײַעם קינסטלערישן רעזאָנאַנס. לאָמיר, ווי אַן אילוסטראַציע, פאַרגלײַכן איןביידע שפּראַכן בלויז דעם אָנהייב פון שלמה איבן־גבירולס באַקאַנט „ווײַן"־ליד:

שבעים המה הגבורים,
ויכחידום, תשעים שרים
שבתו שירים כי פה שרים,
מלא מים, מלא מים.
ככלות ייני,
תרד עיני, פלגי מים.

אַן קאָמענטאַרן וועט אין דעם אָריגינאַל אַפילו אַ גוטער קענער פון העברעיִש נישט גלײַך אַלץ פאַרשטיין. ערשט ווען מיר וועלן פאַר זיך אויסקלאָרן, אַז שבעים דאָס איז די גמטריא פון יין (ווײַן) און תשעים — פון מים (וואַסער), וועט דאָס ליד

אונדז אָנהייבן ווערן פֿאַרשטענדלעך. איצט הערט זיך איַין ווי דאָס זעלביקע ליד קלינגט אין אַ ייִדישער איבערזעצונג פֿון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט:

מײַן גוטער אַלטער, שטאַרקער ווײַן,
וואַסער וויל דײַן מײַסטער זײַן.
קיין געזאַנג וויל אין מײַן מויל אַרײַן.
ווײַל — וואַסער, ווײַל וואַסער.
איך האָב קיין ווײַן די אויגן מײַן,
איך האָב קיין ווײַן די אויגן מײַן
רינען וואַסער, רינען וואַסער.

**לייענער:** אַז ייִדיש האָט אַ סך געירשנט פֿון דער עלטערער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור פֿאַרשטיי איך. אָבער אַז ייִדיש האָט צוריק געווירקט און אַפֿילו פֿאַרברייטערט די האָריזאָנטן פֿון העברעיִש — לייגט זיך מיר נישט אויפֿן שׂכל.
**בוקיניסט:** ייִדיש איז אַ געזעצלעך קינד פֿון דעם רענעסאַנס. אין אַט דער עפּאָכע האָבן אַ סך אייראָפּעיִשע פֿעלקער אָנגעהויבן שאַפֿן זייער קולטור אין די „וואָל־גאַרע" שפּראַכן פֿון די פּשוטע פֿאָלקסמאַסן, אויפֿן אָרט פֿונעם אַריסטאָקראַטישן לאַטײַן. אויך בײַ אונדז האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אַ געוויסער שאַפֿערי־שער פֿאַרמעסט צווישן קלאַסישן העברעיִש און פֿאָלקישן ייִדיש־טײַטש. דער דאָ־זיקער פּראָצעס האָט געווירקט אויף דער אייגנאַרטיקער אויסבילדונג פֿון די ליטעראַרישע סטילן איןביידע לשונות. שוין אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פֿון דעם פֿריִען מיטל־עלטער זענען פֿאַראַן ביכער, ווי למשל, דער **ספֿר חסידים**, וואָס זענען אַ סך מער פֿאַרשטענדלעך דעם ייִדיש־ריידנדיקן מענטשן. ריכטיק האָט באַמערקט מאיר ווינער, אַז „די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, ייִדישע פֿאָלקס־לידער און מעשׂיות האָבן דער רײַכער און ערודיציאָנעלער העברעיִשער ליטעראַ־טור געגעבן אַ סך קינסטלערישע אײַנפֿלוסן און אָנרעגונגען. נישט בלויז וואָס שייך בילדער און טיפּן, נאָר אויך וואָס שייך דער אויסבילדונג פֿון דער נײַער העברעיִשער שפּראַך און סטיל".

די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס איז אַנטשטאַנען איינציַיטיק מיט אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן און קולטורן, האָט אויך אַ וויכטיקן אינטערנאַציאָנאַלן באַטײַט. עס האָבן זיך אין איר פֿאַרהיט ווערטן וואָס באַרײַכערן פֿאַר דער וועלט די פֿאַרשטעלונגען וועגן פֿאַרשיידענע עפּאָכעס און קולטורן.

**לייענער:** דאָס ווייסן מיר; וואָס זאָגט אָבער די וועלט וועגן דעם?

**בוקיניסט:** שוין דער באַקאַנטער דײַטשער פֿאָרשער פֿראַנץ דעליטש (1813—1890) האָט אין זײַן בוך צור געשיכטע דער העברעיִשן פּאָעזיע (1836) הויך אָפּ־געשאַצט די ווערק אין דער „ייִדישער אומגאַנגשפּראַך, וואָס איז פֿון העברעיִשע,

מאָורישע, ראָמאַנישע און צפון־אייראָפּעיִשע גרונטשטאָפן צונויפגעשמאָלצן געוואָרן אין אַ ווונדערלעכן אָרגאַניזם". עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס די ערשטע פאָרשערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור זענען גראָד געווען נישט קיין ייִדן און זיי האָבן אויך נישט פאַרזען איר אוניווערסאַלן און הומאַניסטישן באַטייַט. דער גרויסער געלערנטער און גרינדער פון דער בערלינער אַקאַדעמיע יאָהאַן וואָגענזייל (1633—1705) האָט מיט קרוב דרייַ הונדערט יאָר צוריק אַזוי כאַראַקטעריזירט די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור: „אין דעם דאָזיקן דיאַלעקט זענען געדרוקט פיל געשיכטעביכער, וואָס באַשטייען סייַ פון אמתע, סייַ פון אויסגעטראַכטע דערציילונגען. די לעצטע, דער עיקר, פאַרמאָגן אַ מערקווערדיקן חן... מערסטנס אַנטהאַלטן זיי לויטערע זאַכן, וואָס אי זיי ווייַלן, אי זיי דינען דער גוטסקייט און ערלעכקייט".

**לייענער:** אויב איך פאַרשטיי אייַך ריכטיק, האַלט איר, אַז די „נאָטיצן פון אַ ייִדישן בוקיניסט" דאַרפן העלפן דעם יונגן לייענער זיך צו שאַפן אַ בילד וועגן דעם היסטאָרישן גענעזיס פון דער ייִדישער ליטעראַטור...

**בוקיניסט:** צו אייער אויספיר וואָלט איך נאָך צוגעגעבן: פון ליטעראַטור בייַ ייִדן אין די פאַרשידענע שפּראַכן וואָס ייִדן האָבן געשאַפן. אין די לעצטע יאָרן זענען דערשינען אייניקע ביכער אין וועלכע עס ווערן, צום באַדויערן, זייער וואָלונטאַריסטיש אונטערגעטראָגן דער כאַראַקטער, באַטייַט און אינהאַלט פון וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער. באַזונדערס וועגן ביכער וואָס זענען פאַרמולירט און פאַרמירט געוואָרן אין העברעיִש.

**לייענער:** אפשר וועט איר קאָנקרעטיזירן אייַער געדאַנק?

**בוקיניסט:** איך וועל מיר דערלויבן ברענגען צוויי בייַשפּילן. נעמט, למשל, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן אַרום דעם גאָר אַלטן פּסעוודאָ־אַפּאָקריפישן ספר חנוך. דאָס איז אַ מערקווערדיק ווערק וואָס איבערראַשט ממש מיט זייַן קאָסמישער בילדערישקייט און פאַנטאַסטיק. אין אַן אַלעגאָרישער פאָרעם ווערט געשילדערט חנוכס אַרומפליִען איבער די פּלאַנעטן, זייַנע עקסקורסיעס איבער די פאַרשידענע עפּאָכעס פון דער וועלט־געשיכטע און צום סוף — זייַנע וויזיעס וועגן אַ צוקונפטיקער וועלט פון ליבע און יושר. פאַראַן פאָרשערס וואָס האַלטן אַז דער ספר חנוך האָט געדינט דאַנטען ווי אַ מוסטער פאַר דער געטלעכער קאָמעדיע. טוט אויף טשיקאַוועס אַ קוק ווי אַזוי דאָס דאָזיקע ווערק ווערט כאַראַקטעריזירט מצד דעם אויטאָר פון דער בראָשור יודאַיִזם — משה בעלענקי. ווי באַוווּסט איז דער ספר חנוך דערגאַנגען צו אונדז אין אַ גריכישער, לאַטייַנישער, עטיאָפּישער און סלאַווישער איבערזעצונג. וועגן דעם לעצטן סלאַווישן וואַריאַנט איז פאַראַן אין רוסיש אַ רייַכע ליטעראַטור. מיט דער פראַגע וועגן די קוואַלן פון סלאַווישן חנוך־בוך

באַשעפטיקט זיך דער סאָוועטישער געלערנטער נ. מעשטשערסקי. איך ווייס נישט מיט וואָס פאַר אַן איבערזעצונג האָט זיך באַנוצט מ. בעלענקי, נאָר אויף וויפל מיר איז באַוווּסט איז ער דער איינציקער וועלכער האָט זיך געמיט צו געפינען אין דעם בוך „די קוואַלן פון די רעאַקציאָנערע טענדענצן אין תּלמוד".

נאָך אַ גרעסערער פּלאָנטער באַקומט זיך ביי אים ביים אָפּשאַצן דעם אַלטן ספר יצירה. לויט מ. בעלענקי באַקומט זיך, אַז דער אַנאָנימער מחבר פון דעם ספר יצירה איז אַן אַנטי־תּלמודיסטישער אָפּשפּעטער, און אַז ער האָט געשאַפן זיין ספר נאָך דעם ווי דער תּלמוד איז קאַנאָניזירט געוואָרן.

פרעגט זיך: ווי אַזוי זשע האָט עס געקאָנט געמאָלט זיין, אַז די חכמי התּלמוד, הן פון ירושלמי, הן פון בבלי, זאָלן זיך באַנוצן מיט דעם בוך? אין דעם תּלמוד בבלי, למשל, קאָנען מיר בפירוש לייענען: „רבי חנינא ורבי הושעיה הווי יתבי כל מעלי שבתא בספר יצירה" (סנהדרין ס"ח, עמ' ב). דאָס באַטייט: ר' חנינא און רבי הושעיה פלעגן יעדן ערב־שבת זיך פאַרטיפן אין דעם ספר יצירה.

מ. בעלענקי באַהויפּטעט, אַז די קאָסמאָגאָנישע קאָנצעפּציעס אין דעם ספר יצירה זענען געווענדעט קעגן דעם דאָגמאַטישן יודאַיזם פון דער תּורה און תּלמוד. קומען צו אַזאַ אויספיר באַטייט פאַלסיפיצירן די הויפּט־כּוונות פון דעם אויטאָר. דער עיקר־באַטייט פון דעם ספר יצירה איז דער זעלבשטענדיקער און אוניווער־סאַלער כאַראַקטער פון זיינע אידעען. לויטן סטיל איז דאָס ווערק נישט פאַרבונדן מיט דער דעמאָלטיקער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז עס איז נישטאָ אין אים קיין אָרט, וווּ דער אויטאָר זאָל ציטירן אָדער זיך פאַררופן אויפן תּנך אָדער תּלמוד. און וואָס שייך השפּעות דאַרף מען זיי, דאַכט זיך, זוכן אין די אידעיִשע שייכותן צווישן דעם מחבר פון דעם ספר יצירה מיט די עפּיקורעער פון תּלמוד און מדרש.

אין דעם פּרט איז אפשר אין אַ געוויסער מאָס אינטערעסאַנט דער פּרווו פון א. עפּשטיין צו דערקלערן אלישע בן־אבויה ווי דעם אויטאָר פון ספר יצירה (מקדמוניות היהודים, ווין 1877). עס זענען, פאַרשטייט זיך, נישט פאַראַן קיין באַווייזן וואָס זאָלן באַשטעטיקן א. עפּשטיינס היפּאָטעזע. פאַראַן אָבער ערטער אין תּלמוד און אין מדרש פון אַ מערקווערדיקער קרובישאַפט צו די קאָסמאָגאָנישע קאָנצעפּציעס אין ספר יצירה. אַזוי, צום ביישפּיל, באַגעגענען מיר אין מדרש רבה די זעלביקע צען פאַרהוילענע ספירות (עשר ספירות בלי מה. — מדרש רבה, י"ד, כ"ד) און די זעלביקע דריי אורסובסטאַנצן: לופט, וואַסער און פייער וואָס אין דעם ספר יצירה (מדרש רבה ט"ו, כ"ב).

מ. בעלענקי טייטשט אויס די ווערטער „עשר ספירות בלימה" אַזוי, אַז דער אויטאָר האָט אַלע צען ספירות אָנגערופן מיט איין נאָמען „בעלימאַ" (בלימה). דאָס

שטימט נישט מיט דעם אינהאַלט פון די ווערטער און איז אין סתירה צו די כוונות פון דעם אויטאָר. אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור האָט מען יעדע איינ־ציקע ספירה אָנגערופן מיט אַ באַזונדערן נאָמען, וואָס האָט געזאָלט כאַראַקטערי־זירן זייַנע באַזונדערע אייגנשאַפטן (חכמה, פאַרשטאַנד, חסד, גבורה, שיינקייט, דערהויבנקייט אד״גל). דער אויטאָר פון ספר יצירה האָט אָבער געהאַלטן, אַז די ספירות דאַרפן בלייַבן פאַרהוילן (בלימה). אין דעם אָרט פון זייַן ספר, ווו ער דערקלערט, אַז דער וועלטבאַשאַף האָט זיך אַנטפּלעקט דורך צוויי און צוואַנציק יסוד־אותיות (עשר ספירות בלימה ועשרים ושתיים אותיות יסוד), וואָרנט ער אַפילו: „בלום פיך מלדבר ולבך מלהרהר ואם רץ לבך שוב למקום״. וואָס איז דער טייַטש: „פאַרשליס דייַן מויל, נישט צו ריידן (וועגן די ספירות) און דייַן האַרץ נישט צו טראַכטן, און אויב דייַן האַרץ רייַסט זיך זיי צו פאַרשטיין, קער עס אום צו זייַן אָרט (ספר יצירה פ״א).

חוץ דעם דאַרף מען נישט זייַן קיין גרויסער בקי אין דער יידישער פילאָ־סאָפישער טערמינאָלאָגיע, מען דאַרף זיך נאָר פילן היימיש מיט העברעיִש, ריכ־טיק פאַרשטיין דעם באַגריף בלימה.

**לייענער:** וואָס זענט איר אויסן צו אונטערשטרייַכן מיט די געבראַכטע ביי־שפּילן?

**בוקיניסט:** איך וויל מיט זיי דערמאָנען אַן אַלגעמיין באַוווּסטן כּלל, אַז בייַם אָפּשאַצן אַ ווערק דאַרף מען זייַן געטרייַ זייַן קאָנקרעטן היסטאָרישן אינהאַלט. אין דעם פאַל, וועגן וועלכן איך האָב דאָ גערעדט, איז שווער צו פאַרזיכערן, אַז אָט דער עלעמענטאַרער עטישער פּרינציפּ איז אָפּגעהיט געוואָרן.

ווי יעדער היסטאָריש ווערק באַדאַרף מען דעם תּלמוד, דעם מדרש און די גאַנצע ליטעראַטור פון יענער תּקופה פאַרשן אין שייַן פון אַ מאָדערנעם וויסנ־שאַפטלעכן וועלטבאַנעם. עס וואָלט אַוודאי געווען פּעלערהאַפט ווען מיר זאָלן צו־גיין צו דער קולטור־ירושה פון דער ווייַטער פאַרגאַנגענהייט אַפּאָלאָגעטיש, אָן אַ קריטישן צוגאַנג. אַפילו די סאַמע פאַרגעשריטענע אידעען פון די פאַרגאַנגענע עפּאָכעס ווערן געווירשנט קריטיש, מיט אַן אַלזייַטיקער היסטאָרישער באַטראַכ־טונג. מיר וואַרפן אָבער אָפּ דעם ניהיליסטישן צוגאַנג פון אָפּלייקענען קולטור־ווערטן אין דער ירושה פון דעם עבר. אין דער טעאָלאָגישער ליטעראַטור, אין תּלמוד, זענען פאַראַן ווערטן דורך וועלכע עס האָט זיך אויסגעפורעמט דאָס גע־מיט פון פאָלק, זייַן שטרעבן צום גוטן און דערהויבענעם.

אָפּוואַרפן, אָפּלייקענען דאָס פאַרגאַנגענע איז אַוודאי לייַכטער ווי גרינטלעך דערקענען און אַנטפּלעקן דאָס וואָס קאָן אונדז דינען אַפילו איצט. דעריבער איז אונדזער אויפגאַבע בנוגע דער קולטור פון דער פאַרגאַנגענהייט: באַנאַנד מיט דער קריטיק זוכן און אויסגעפינען דאָס פּאָזיטיווע וואָס דאַרף געווירשנט ווערן.

אליעזר פּאָדריאַטשיק

לייענער: איך מיין אַז מיר האָבן אין אונדזער דיאַלאָג אויסגעקלאָרט אַ וויכ־טיקן ענין, דהײַנו, אַז אַן אָביעקטיוו בילד וועגן דער קולטור־ירושה קאָנען מיר באַקומען נאָר דעמאָלט ווען מיר וועלן אין שײַן פֿון אונדזער נײַעם וועלט־באַנעם זי באַטראַכטן אין האַרמאָנישער באַהעפֿטונג מיט דער עפּאָכע אין וועל־כער זי איז אויפֿגעקומען.

בוקיניסט: נאָך מער. וואָס אַלזײַטיקער מיר וועלן דערקענען און שעצן די פֿאַר־גאַנגענהייט, אַלץ טיפֿער און קלאָרער וועלן מיר באַנעמען אונדזער הווה. פּונקט ווי אַ מענטש אָן אַ זכּרון איז אומבאַהאָלפֿן, ווי אַ קליין קינד, אַזוי פֿאַרלירט אויך אַ דור, וואָס געדענקט נישט און שאַצט נישט זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, די אָריענ־טאַציע אין דער איצטיקייט און האָט נישט קיין קלאָרע פּערספּעקטיוו לגבי דער צוקונפֿט.

דער זכּרון פֿון אַ פֿאָלק איז זײַן ליטעראַטור־געשיכטע. און דער שאַפֿערי־שער זכּרון, האָט געשריבן עסכיל, איז די מוטער פֿון די מוזעס.

## ביכער און בראָשורן פון ל. פּאָדריאַטשיק אַרויסגעגעבענע אין ישראל

**אין יידיש:**

### לא אמות כי אחיה

אַ קליינע אַנטאָלאָגיע און ביאָ־ביבליאָגראַפישע רשימות וועגן 75 אומגעקומענע ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועטנרוסלאַנד

פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס אין ישראל, 1972

(צווייטער אָפּדרוק צוזאַמען מיטן שטאָטראַט פון תל־אביב, 1977)

### איציק מאַנגער

דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ

פאַרלאַג ביבלוס, חולון 1977

### אין פּראָפיל פון צײַטן

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1978

### שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך

פאַרלאַג ה. לייוויק, תל־אביב 1984

**אין עברית:**

### נעלמים ונאלמים

לכסיקון יסורים

סופרים עברים וסופרי יידיש שנספו בברית המועצות, תדפיס מ„שבות" 2

המכון לחקר התפוצות, אוניברסיטת תל־אביב תשל"ד

### הרהורים על „ספר המבקש"

תדפיס מתוך „הגות עברית בברית המועצות"

הוצאת ביבלוס, חולון 1976

### יהודה־לייב גמזו

**יצירות גנוזות**

המכון לחקר התפוצות, אוניברסיטת תל־אביב תשל"ח